STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01438

# DI GESHIKHTE FUN NES HANUKAH

A. Shvarts

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Albert & Edith Berkowitz*
*in memory of*
*William & Ethel Berkowtiz & Blima Chorney*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די געשיכטע פון
# נס חַנוּכָּה
# אין אידישער שפראַך

אַרויסגענומען פון תלמוד בבלי, ירושלמי,
מדרשים און מפרשים.

**באשריבן מיט בילדער**



ברוקלין
יע"א
תשל"ח

דאָס ספר נס חנוכה ענטהאַלט
6 פרקים
36 קאַפּיטלעך

צוזאַמענגעשטעלט און געשריבן דורך:
**אורי שוואַרץ**
ש. שוואַרץ, א. גליק, ה״ד גאַנץ, ח. גאָלד,
פ״ח רובין, ש. מאַנדל, ש. פר״מ
ב. ש. ראָזענבערגער

1. חנוכה תשל״ו ברוקלין יע״א
2. איבערגעדרוקט חנוכה תשל״ח

Copyright © '77 by
BAIS ROCHEL PUBLISHING
225 Patchen Avenue, Brooklyn, N. Y. 11233

הוצאת ספרים
אין אידישער שפּראַך
בית רחל ד׳סאטמאר
500 BEDFORD AVENUE

# מַפְתֵּחַ

## פרק א
### מְהָרְסַיִךְ וּמַחְרִיבַיִךְ
### דיינע צעשטערערס און דיינע חָרוב מאַכערס


א. אַנטִיוכוּס אפיפאנעס
ב. אַ נייער כֹּהן גָדול
ג. דער „געטרייער חבר"
ד. שוידערליכע רְצִיחות
ה. אַ צייכן פון הימל
ו. אַנטיוכוס באַרויבט דאָס בֵּית הַמִקְדָשׁ
ז. פִּילְפּוס, מִתְיַוונים, יַד אַחַת
ח. בִּכּוּרִים
ט. די ערליכע גַנָבִים
י. עס חַזר'ט זיך איבער


## פרק ב'
### גְזֵירַת הַשְׁמַד


יא. אַנטיוכוס מאַכט זיך פאַר אַן אָפּגאָט
יב. דאָס האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן
יג איין גזירה נאָך די אַנדערע
יד. יָוָן פאַרטונקלט די אויגן


## פרק ג'
### הַהֲרוּגָה עָלֶיךָ
### זי הַרג'עט זיך פאַר דיינעטוועגן


טו. מְסִירַת נֶפֶשׁ פאַר אַ מִנהג
טז. ... אויף קִידוּשׁ הַשֵּׁם
יז. חנה מיט אירע זיבן זין


## פרק ד'
### עַל הַנִיסִּים


יח. מַתִּתְיָהוּ נעמט זיך אָן פאַרן כּבוד שָׁמַיִם
יט. מַתִּתְיָהוּ'ס צַוָואה
כ. די מִלְחָמות פאַר די תּוֹרה הַקְדוֹשה
כא. רְשָׁעים בְּיַד צַדִיקִים
כב. דער נס פון די מְנוֹרה
כג. כ"ה כִּסְלו ג'־תרכ"ב
כד. מעשׂה בִּילגה


## פרק ה'
### יְהוּדִית


כה. העליפורנוס קומט מִלְחָמה האַלטן
כו. אַכיוֹר דער שטערנזעער
כז. די שטאָט ליידט דאָרשט
כח. איין זְכוּת פון אַן ערליכע פרוי
כט. חָכמת נָשִׁים בָּנְתָה בֵּיתָהּ
ל. די יְשׁוּעָה דורך די צדיקת יהודית
לא. די גאַנצע יְשׁוּעה
לב. אִשָׁה יִראַת ה' הִיא תִּתהַלָל


## פרק ו'
### פִּרְסוּמֵי נִיסָא


לג. אַנטיוכוס האָט חַרָטה
לד. רַבִּים בְּיַד מְעַטִים
לה. דער יום טוב חֲנוּכּה
לו. ווען איז דאָס געשען



# הַקְדָּמָה

**דאָס סֵפר „נס חֲנוּכּה" איז צעטיילט אויף עטליכע פְּרָקִים.**

לויט די אָנווייזונגען פון ב"ח שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סי' תר"ע, וואָס ער שרייבט דאָרט וז"ל: „בְּחֲנוּכּה עִיקר הַגְזֵירה הָיְתָה עַל שֶׁהִתְרַשְׁלוּ בְּעֲבוֹדה", אין חנוכה איז דער עיקר גזירה געווען ווייל די אידן האָבן נאָכגעלאָזט די עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש, „וְעַל כֵּן הָיְתָה הַגְזֵירה לְבַטל מֵהֶם הָעֲבוֹדה ... עָמדוּ וְטִמאוּ כָּל הַשמָנִים", וועגן דעם איז געווען די גזירה, צו צעשטערן און צונעמען פון זיי די עבודה. די יוונים זענען געקומען און האָבן מְטַמא געווען אַלע אוילן, מען זאָל נישט קענען צינדן אין די מנורה, „וּכְּשֶׁחָזרוּ בִּתְשׁוּבה לְמסור נַפְשָׁם עַל הָעֲבוֹדה" און ווען די אידן האָבן תשובה געטאָן זיך מוסר נֶפֶש צו זיין אויף דער עֲבוֹדה, „הוֹשִׁיעָם ה' עַל יְדֵי כֹּהֲנִים עוֹבְדֵי הָעֲבוֹדה בְּבֵית ה'", האָט השי"ת זיי געהאָלפן דורך די כֹּהֲנים וואָס טוען די עֲבוֹדה אין הויז פון השי"ת. „עַל כֵּן נַעֲשָׂה הַנֵס גַם כֵּן בַנֵרוֹת תַּחַת אֲשֶׁר הֶעֱרוּ נַפְשָׁם לָמוּת עַל קִיוּם הָעֲבוֹדָה", וועגן דעם איז געשען דער נס מיט די מנורה, ווייל זיי האָבן זיך מוסר נֶפֶש געווען צו קענען טאָן די עֲבוֹדה וכו', עכ"ל.

**פרק א.** ווער און וואָס האָט צוגעברענגט דערצו, עס זאָל קומען אַ גְזֵירת הַשמַד? „שֶׁהִתְרַשְׁלוּ בְּעֲבוֹדה" — „זיי האָבן נאָכגעלאָזט און גרינגעשעצט די עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש"; דער פרק האָט דעם נאָמען „מְהַרְסַיִךְ וּמַחֲרִיבַיִךְ" — דיינע צעשטערערס און דיינע רואינירער, חָרוּב מאַכערס. לויטן פסוק פון יְשַׁעי' — וואו דער נָבִיא ענדיגט דערמיט זיינע שטראָף רייד צו די אידן, אַז „מִמֵךְ יֵצֵאוּ" פון דיר וועלן זיי אַרויסגיין. די וואָס ברענגען די מערסטע צָרות אויף אידישע קינדער קומען לײדער, אין אַלע דורות אַרויס,

פון אידן אַליין. אין דער תְּקוּפָה פון וואָס מיר שרייבן דאָ, האָבן זיי געהאַט אַ נאָמען „מִתְיַוְנִים״.

**פרק ב׳.** מיט וואָס האָט השי״ת זיי געשטראָפט? „לְבַטֵּל מֵהֶם הָעֲבוֹדָה״ — צעשטערן און צונעמען פון זיי די עֲבוֹדָה. אין קעגנטייל פון אַלע גְזֵירוֹת וואָס זענען ביז דאַן געקומען אויף אידן, (ביי פַּרְעֹה, נְבוּכַדְנֶצַר, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ) וואו די גְזֵירָה איז שטענדיג געווען אויף די „קערפערס״ הַרג׳ענען, פייניגן, אונטערדרוקן א.ד.ג. ר״ל, זענען אָבער יעצט די גְזֵירוֹת פון אַנְטִיוֹכוּס געווען די ערשטע בלויז אויף די נְשָׁמָה. ער האָט נישט געזוכט צו „פייניגן״ די אידן, אָדער צונעמען זייער פרייהייט, פאַרקערט ער האָט געזאָגט אַז ער טוט נאָך גאָר אַ טובה דערמיט וואָס ער צווינגט אַרויף אויף זיי דעם מאָדערנעם יְוָנִ׳ישן קולטור מיט זייער עֲבוֹדָה זָרָה. אויב זיי וואָלטן אים געהאָרכט און זיך גע׳שמַד׳ט ר״ל וואָלט ער זיי נאָך געהויבן העכער ווי זיינע אַנדערע בירגער. זיין איינציגער פאַרלאַנג איז געווען זיי זאָלן איבערלאָזן זייער גלויבן, זייער תּוֹרָה און אֱמוּנַת ה׳.

דער פרק הייסט „**גְזֵירַת הַשְּׁמַד**״ ווי אידישע קינדער האָבן געליטן אָן אַ שִׁיעוּר צָרוֹת, רְדִיפוֹת, הֲרִיגוֹת, מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת און אַלע מינים פייניגונגען ר״ל, אַלעס פאַר׳ן כְּבוֹד שָׁמַיִם.

**פרק ג׳.** וואָס האָט צוגעברענגט די יְשׁוּעָה? „תַּחַת אֲשֶׁר הֶעֱרוּ נַפְשָׁם לָמוּת עַל הָעֲבוֹדָה״ — ווייל זיי האָבן זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ געווען און זיך געלאָזט הַרג׳ענען פאַר׳ן איבערשטנס וועגן, כְּדֵי צו טאָן די עֲבוֹדָה. דער חֵלֶק הייסט „**הַהֲרוּגָה עָלֶיךָ**״ זיי לאָזן זיך הַרג׳ענען פאַר דיינעטוועגן. דאָס איז אַן אויסצוג פון די הוֹשַׁעְנוֹת, וואָס מיר זאָגן ביי די דריטע הַקָּפָה הוֹשַׁעְנָא רַבָּה. דאָרט רעכנט מען אויס די שְׁבָחִים און מַעֲלוֹת פון אידישע קינדער. איינס פון די מַעֲלוֹת איז „הַהֲרוּגָה עָלֶיךָ״. די הייליגע אידן וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער לעבן פאַר׳ן כָּבוֹד פון השי״ת, די זענען אין אַלע דורות געווען די מְלִיצֵי יוֹשֶׁר פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וואָס זייער זכות איז שטענדיג בייגעשטאַנען און שטייט נאָך היינט אויך ביי, צום עקזיסטענץ פון אידנטום.

**פרק ד׳.** דורך ווער עמען איז געקומען די יְשׁוּעָה? „עַל יְדֵי כֹּהֲנִים עוֹבְדֵי הָעֲבוֹדָה״ — דורך די הייליגע כֹּהֲנִים, די חַשְׁמוֹנָאִים, וואָס האָבן געטאָן די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. זיי זענען נישט געווען קיין פיזישע גִבּוֹרִים, זיי זענען נישט געווען געשולט צו פירן מִלְחָמוֹת, זיי זענען ח״ו נישט געגאַנגען אין קיין אוניווערסיטעטן, קאַלעדזשעס אָדער דיפּלאָמאַטן שולן. זיי האָבן אינגאַנצן נישט גערעדט זייער גוי׳אישע שפּראַך, און זייער צאָל איז אויך

געווען גאָר ווייניג. זייער כּח איז באַשטאַנען נאָר אין דעם וואָס זיי האָבן געהאָרעוועט און זיך געמאַטערט אין די הייליגע תּורה, און אין טאָן די עבודה אין בּית המִקדש. זיי האָבן פאַר'מיאוס'ט דעם יְוָנִ'ישן קולטור. זיי האָבן זיך נישט געריררט פון אונזער „אַלט מאָדישע" תּורה, קיין האָר נישט, און דוקא דורך דעם פיזיש־שוואַכן מיליטער האָט השי"ת געבּרענגט די יְשוּעה, אויפוּוייזנדיג דערביי, אַז די פּילע יאָרן געשולטע, געלערנטע גענעראַלן מיט זייער יְוָנִ'ישן קולטור, מיט די נייע מעטאָדן פון די מאָדערנע וועלט, האָט קיין שום ווערט נישט קעגן אַ קליין הייפעלע אידן וואָס האַלטן זיך שטייף, דרייסט מיט עַקשָנוּת און שטאָלץ, ביים אַלטן אויסגעטרעטענעם אידישן וועג, מיט שֵם לָשון וּמַלבּוּש, וואָס פאַרזיכערן זיך נאָר אין הייליגן באַשעפער.

אויך האָט הקב"ה געטאָן דעם נס מיט די מְנוֹרה צו ווייזן אַז די גאַנצע יְשוּעה איז געקומען נאָר דערפאַר אַז אידן זאָלן קענען ווייטער אָנגיין מיט די הייליגע עֲבוֹדה אין בּית המִקדש, דער פּרק הייסט **עַל הַנִסים.**

**פּרק ה'** דער פּרק הייסט **„יהוּדִית"**, דא ווערט דערציילט אויספירליך די גאַנצע מעשׂה פון די צדיקת יהוּדִית. דאָס פאַרדינט אַן עקסטרע באַשרייבונג, צו ווייזן אַז השי"ת וועלט אויס צו העלפן זיינע קינדער נישט דורך כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי, דורך דעם ווער עס איז זייער שטאַרק, און פאַרלאָזט זיך אויף'ן אייגענעם כּח, ח"ו, נאָר דורך ערליכע אידן יִרְאֵי הַשֵם, וואָס פאַרלאָזן זיך נאָר אויף'ן באַשעפער און ווענדען זיך צו אים נאָך הילף, אַזוי ווי די צְדֵיקת יהוּדִית.

**פּרק ו'**, דער פּרק הייסט **„פִּרסוּמֵי נִיסא"**. דאָ ווערט דערציילט אַן אויספיר און ערקלערונג פון די ענדע וואָס די גרויסע נִיסים האָבן געבּרענגט, וואָס דערפאַר צינדן מיר יעדעס יאָר די מְנוֹרה אין די גרויסע טעג פון חֲנוּכּה, די הייליגע ליכטיגע טעג, כְּדֵי מְפַרסם צו זיין פאַר יעדן דעם נס און אויך אַליין איבערצו'חזר'ן און לערנען און אַריינוואָרצלען אין אונזערע קינדער דעם כּח פון השי"ת וואָס ער העלפט זיינע געטרייע קינדער, אויב זיי פירן זיך אויף ערליך און זיי בעטן און האָפן אֶמֶת'דיג צו אים.

דער חַוות דַעת זלה"ה אין די הַקדָמה פון זיין פירוש אויף מְגִילת אֵיכָה, שרייבט, אַז עס האָט קיין שום צוועק נישט צו דערציילן די צָרות און פלאָגן וואָס מען האָט מיטגעמאַכט, נאָר אויב מען דערציילט אויך די סִיבּה פאַרוואָס די צָרות זענען געקומען. דעריבער איבעראַל ווי עס ווערט דערמאַנט אַ צָרה, ערקלערט ער, אַז עס ווערט דאָרט אויך דערמאַנט די

עֲבֵירה, וואָס דאָס איז די סִיבּה וואָס האָט געבּרענגט צו די צָרה, כְּדֵי מיר זאָלן תְּשובה טאָן דערויף, און זיך צוריק קערן צו השי״ת מיט׳ן גאַנצן האַרץ און דורך דעם וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון די ליידן, פון דעם אומגליק, און עס וועט מער נישט קומען, אויף אונז קיין צרות.

אַזוי אויך אין אַלע פריערדיגע דורות, ווען עס איז געקומען אַ צָרה אַן אומגליק, אַ קראַנקהייט ח״ו, אַ הונגער אויף די וועלט, האָבן די מַנהִיגֵי יִשׂרָאֵל, די ערליכע אידן אַלעמאָל נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָרשט פאַרוואָס עס איז געקומען, וואָס פאַר אַ זינד האָט דאָס גורם געווען. כדי מען זאָל אויפהערן צו טאָן די עֲבֵירה און מען זאָל דערויף תשובה טאָן, ווי עס ווערט דערמאַנט אין תְּנַ״ך און אין די גְמָרא אויף אומצאָליגע פלעצער. אַזוי טרעפן מיר אויך אַז נאָכ׳ן גָלות שפּאַניא, האָט דער הייליגער חָסיד ר׳ יוסף יעבּ״ץ ז״ל, געמאַכט אַ ספר „אור הַחַיִים״, וואָס איז געשטעלט ספּעציעל אויף דעם נאָכצופאָרשן די עֲבֵירות, די סִיבּות, וואָס האָבן דעמאָלס גורם געווען די ביטערע צָרות, די שווערע גְזֵירות, און דעם גֵירוּש שפּאַניא. (עיין בספר ויואל מֹשה דף ה׳ תחלת ההקדמה).

דעריבער ברענגען מיר אויך די ווערטער פון הייליגן בַּ״ח ז״ל, וואָס ערקלערט געָנוי די סִיבּות פון די גזירות און צרות, און דעם אופן ווי אַזוי השי״ת האָט געהאָלפן, און דורך וועם אידישע קינדער זענען אויפגעראָכטן געוואָרן, דורך די כֹּהֲנים הַקדושים, דורך ערליכע אידן צַדִיקֵי אֱמת, וואָס האָבן זיך מוסר נֶפֶש געווען אויף שְמִירת תורה ומִצוות בשְלֵימות, אָן קיין פּשָרות, אָן וִיתּוּרִים, אָן פאַרבייגן כחוט הַשַעֲרה, אפילו קיין האָר נישט אין די שווערסטע אומשטענדן, און האָבן זיך אַוועקגעגעבן דאָס לעבן מַמש, פאַר די תורה הַקדושה און פאַר אידישע קינדער.

דער אינהאַלט פון ספר שטאַמט פון די פאָלגענדע מְקורות:

ש״ס בבלי, ירושלמי, און זייערע מפרשים, מגילת תענית, תנא דבי אליהו, מגילת אנטיוכוס, מדרש מעשה חנוכה, יוצר לשבת חנוכה שבת א׳ שבת ב׳, סדר עולם רבה וזוטא, יוסיפון, קדמוניות היהודים, וואָס ר׳ יוסף הכהן גוריון האָט מחבר געווען, חשמונאים א׳, חשמונאים ב׳. (די אַלע אויבנדערמאנטע ספרים ווערן צוגעברענגט אין אַסאַך ראשונים און אחרונים.) עס איז כדאי דאָ צו באַמערקן אַז די חַשמונָאִים ווערן פיל מאָל אָנגערופן „מַכַּבִּים״.

דער ב״ח ז״ל ברענגט צו אין אורח חיים סימן ש״ז נאָכדעם ווי עס ווערט דאָרט גע׳פסק׳נט אַז אום שבת טאָר מען נישט לייענען קיין באַשרייבונגען פון מִלחָמות א.ד.ג. „אַז דער ספר יוסיפון און דִברֵי הַיָמִים פון ר׳ יוסף הכהן

א.ד.ג. וואָס מען קען זיך לערנען פון זייערע ספרים מוסר און יִראת שָׁמַים דאָס מעג מען יאָ לייענען שבת".

די פלעצער וואָס טוען דערוואַרעמען די הערצער צו השי"ת ווי צום ביישפיל חנה וְשִׁבעָה בָּנֶיהָ א.ד.ג., זענען באַשריבן אַביסל מער בְּאַרִיכוּת. אַזוי אויך די תְּפִילוֹת וואָס די חַשמוֹנָאִים האָבן מִתפַּלל געווען צו השי"ת פאַר יעדע מִלחָמה, ווערן דאָ געברענגט.

דאָס ספר **נס חנוכה** האָט 6 פרָקים קעגן די שִׁשׁה סִדרֵי מִשׁנה, תּוֹרה שֶׁבעַל פֶּה, אויף וואָס די יְוָונִים האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַרלייגט, און 36 קאַפּיטלעך קעגן די 36 ליכט וואָס מען צינד גאַנץ חֲנוּכָּה, (עיין בני יששכר).

היינטיגע צייטן בעטן מיר אויך השי"ת, ער זאָל אונז היטן און שיצן אין גָלות, איבעראל ווי אידן געפונען זיך. און מיר ווענדן זיך נאָר צו השי"ת ער זאָל אונז אויסלייזן פון דעם לאַנגען שווערן גָלות דורך מָשִׁיחַ צִדקֵינוּ, עס זאָל שוין מְקוּיִם ווערן דער פסוק וואָס דוד הַמֶּלך ע"ה בעט אין תְּהִלים: „וְכָל קַרְנֵי רְשָׁעִים אֲגַדֵּעַ תְּרוֹמַמְנָה קַרְנוֹת צַדִּיק", ער זאָל אונטערהאַקן די רְשָׁעִים, און עס זאָל דערהויבן ווערן די קרוין און דער כבוד פון די צדיקים, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

כ"א כסלו תשל"ו לפ"ק

ברוקלין יע"א.





# מַלְכוּת צָפוֹן

פרק א

# מְהָרְסַיִךְ וּמַחֲרִבַיִךְ

קאפיטל א׳

## אַנטיוכוס אֶפּיפאַנעס

אין דעם יאָר ג׳ אֲלָפִים תר״י (3610), פון ווען השי״ת האָט באַשאַפן די וועלט, צוויי הונדערט מיט צוויי (202) יאָר נאָכן אויפבוי פון צווייטן בֵּית הַמִקדש, און צוויי הונדערט אַכצן (218) יאָר פאַרן חורבן פון צווייטן בֵּית הַמִקדש, האָט אַנטיוכוס דער קעניג פון יָוָן געקעניגט אויך אויף די אַלע לענדער וואָס געפינען זיך אויף צָפון זייט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און ווערט טאַקע אָנגערופן „מַלכות הַצָפון״. דער טיראַן האָט געהייסן אַנטיוכוס אֶפּיפאַנעס, וואָס דאָס מיינט אויף יְוָנִיש „פּרעכטיגער אַנטיוכוס״, אָבער די אידן וועלכע זענען אויך געווען אונטערטעניג אונטער אים האָבן אים גערופן „אַנטיוכוס הָרָשָׁע״.

כאָטש זיין ברודער סיליוואַקוס, וואָס איז געווען דער קעניג בעפאָר אים, און אַזוי אויך זיין טאַטע אַנטיוכוס דער גרויסער, זענען יאָ געווען פריינדליך צו די אידן, און האָבן מְכַבֵּד געווען דאָס בית הַמִקדש, איז אָבער אַנטיוכוס אֶפּיפאַנעס געווען אַנדערש. ער האט פאַראַכטעט און געלייקנט אַז השי״ת פירט די וועלט.

ער האָט פאַרברענגט זיינע טעג מיט עסן און טרינקען, הולטייעווען און באַלן. אָפט האָט ער זיך אָנגעטרינקען ביז צו שִׁכְּרוּת. די אַלע פאַרווילונגען



אנשי כנסת הגדולה
שמעון הצדיק
אנטיגנוס איש
סוכו
יוסי בן יועזר
נשיא
יוסי בן יוחנן
אב בית דין
יהושע בן פרחיה
נשיא
נתאי הארבלי
אב בית דין
יהודה בן טבאי
נשיא
שמעון בן שטח
אב בית דין
שמעיה
נשיא
אבטליון
אב בית דין
הלל
נשיא
שמאי
אב בית דין
רבן יוחנן בן זכאי

און הוליאַנקעס זיינע האָבן אים אָפּגעקאָסט אַסאַך געלט, און ער האָט זיך שטענדיג געניטיגט אין נייע מיטלען ווי אַזוי דאָס צו עררייכן.

אין יענע צייט איז געווען דער כֹּהן גָדול אין בֵּית הַמִקְדָשׁ חוֹנְיו — דער דריטער. ער איז געווען אַן אור אייניקל פון שִׁמְעוֹן הַצַדִיק, און האָט זיך געפירט אין זיינע וועגן, און ער איז געווען אַ גרויסער צַדִיק.

ער האָט זייער פיינט געהאַט די בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת און טאַקע דערפאַר האָט ער אַלס כֹּהן גָדול, צוערשט באַקעמפט די מִתְיַוונים, די שטאָלצע און רייכע אידן וועלכע האָבן זיך מאָדערניזירט און זיך אָנגעשלאָסן צו די גריכישע גוֹים. זיי האָבן געזוכט רעגירונגס שטעלעס און האָבן זיך גע'חַנפ'עט און נאָכגעשלעפּט נאָך די גוֹים. חוֹנְיו האָט זיי פאַרטריבן פון זייערע פּאָסטנס, ווייל דער קוואַל פון אַלעם שלעכטן האָט געשטאַמט פון זיי*).

חוֹנְיו האָט אויך שטרענג איינגעאָרדנט די געזעצן פון לאַנד לויט די פאָרשריפטן פון די תּוֹרה הַקְדוֹשָׁה.

צו הילף האָט ער געהאַט די חֲכָמִים פון זיין דור, די הייליגע תַּנָאִים, יוֹסֵי בֶּן יוֹעֶזֶר, דער אַלטער נָשִׂיא פון די סַנְהֶדְרִין, מיט זיינע תַּלְמִידִים — יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה וואָס איז שפּעטער געוואָרן נָשִׂיא — און נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי — דער שפּעטערדיגער אָב בֵּית דִין. אויך חוֹנִי הַמְעַגֵל האָט געלעבט אין יענע צייט**).

אונטער חוֹנְיו האָבן די אידן געהאַט רואיגע צייטן, שָׁלוֹם און מְנוּחה. די תּוֹרה האָט געבליט, און כמעט אַלע אידן האָבן אָפּגעהיטן די מִצְוֹות. דער

*) מִתְיַוונים זענען געווען אידן עֲשִׁירִים וואָס זייער עֲשִׁירוּת איז געקומען פון איינקאַסירן די שטייערן פאַרן דעמאָלסדיגן קעניג. דאָס פלעגט צו גיין מיט גרויס אַכְזָרִיוּת. זיי האָבן אַ געוויסע צייט געוועלטיגט איבער די אידן.

**) פון נאָך אַנְטִיגְנוֹס אִישׁ סוֹכוֹ דער תַּלְמִיד פון שִׁמְעוֹן הַצַדִיק האָבן איבערגענומען דאָס פירן די סַנְהֶדְרִין, די „זוגות" די פּאָרן. איינער איז געווען דער „נָשִׂיא"פון סַנְהֶדְרִין, דער צווייטער דער „אָב בֵּית דִין".

ביידע זענען געווען די העכסטע תּוֹרה אויטאָריטעטן ביי אידן ביז הלל הַנָשִׂיא און שמאי הזקן.

די פּאָלגנדע זוגות זענען געווען: 1) יוֹסֵי בֶּן יוֹעֶזֶר אִישׁ צְרֵידָה און יוֹסֵי בֶּן יוֹחנן אִישׁ יְרוּשָׁלַיִם, 2) יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחיה און נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי, 3) יהוּדָה בֶּן טַבַּאי און שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח, 4) שְׁמַעיָ' און אַבְטַלְיוֹן, 5)הלל און שמאי. דער ערשטער פון יעדן פּאָר איז געווען נָשִׂיא און דער צווייטער איז געווען אָב בֵּית דִין.

גאַנצער כְּלַל יִשְׂרָאֵל זענען געווען שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת בִּשְׁלֵמוּת.

דאָס איז געווען אין די צייטן פון די פריערדיגע קעניגן, סיליוואַקוס און נאָך פריער אַנטִיוֹכוּס דער גרויסער וועלכע האָבן געאַכטעט און חָשׁוּב געהאַלטן די אידן, און מְכַבֵּד געווען דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אַנטיוֹכוּס דער גרויסער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז קיינער אונטער זיין הערשאַפט טאָר נישט טשעפּן מיט די אידן. יעדער מוז מְכַבֵּד זיין דאָס



בֵּית הַמִקדש, און לאָזן די אידן לערנען און פּאָלגן די תּורה. קיין שום גוי האָט נישט קיין רעכט אַריין צו גיין אין בֵּית הַמִקדש, און מען זאָל נישט אַריין טראָגן קיין שום טָמא׳נע בְּהֵמה אָדער דאָס גלייכן, וואָס טוט פאַרשוועכן דעם כָּבוֹד פון בֵּית הַמִקדש. ווער עס וועט וואַגן צו פאַרלעצן דעם באַפעל, וועט באַשטראָפט ווערן מיט אַ גרויסע געלט שטראָף, וואָס וועט מוזן באַצאָלט ווערן פאַרן כהן גָדול.

אַזוי איז אויך אַרויסגעקומען אַ באַפעל פון אים אַז פאַר די סַנהֶדרין, סוֹפרים, און לְוִיִים פון בֵּית הַמִקדש ווערט ערלויבט דריי יאָר נישט צו צאָלן שטייערן. און נאָך די דריי יאָר, זאָלן זיי צאָלן מיט איין דריטל ווייניגער ווי אַלע אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד.

ער האָט אויך אַוועקגעגעבן אַ גרויסע סומע געלט פאַר די כֹּהַנים אַז זיי זאָלן קענען אָנגיין מיט די עֲבודה מיט הַרחָבת הַדַעת.

אויך האָט ער געגעבן געלט אויפצובויען די צעבראָכענע און חָרוּב־געוואָרענע הייזער אין יְרוּשָׁלַיִם.

סיליוואַקוס זיין זון האָט אויך געגעבן פיל מַתָּנות צום בֵּית הַמִקדש, מַקרִיב צו זיין דערפון קָרבָּנות און האָט געטאָן גוטס פאַר די אידן.



# אַ נייער כֹּהן גָדול



חוֹנְיו האָט געהאַט אַ ברודער יְהוֹשֻׁעַ, וועלכער איז געווען גאָר אַנדערש פון אים. ער איז שוין געווען פון די מִתְיַוְנִים, אַ גריכיזירטער, וואָס האָט זיך ווי פיל אַנדערע געפאַלענע אידן, נעבעך געפירט ווי די גריכישע גוים, גערעדט זייער שפּראַך, שטודירט זייערע פילאָזאָפיעס, און נאָכגעגאַנגען זייערע מאָדעס. אַזוי האָט דער יְהוֹשֻׁעַ אויך ליידער געלייקנט אין די הייליגע תּוֹרה, און נאָכגעלאָזט דאָס אידישקייט. ער האָט זיך אויך געטוישט זיין נאָמען אויף יְוָנִיש, און זיך גערופן, יאַסון.

ווען דער רָשָׁע אַנטיוכוס אֶפּיפאנעס האָט איבערגענומען די מְלוּכה, האָבן די מִתְיַוְנִים, וויסנדיג דעם נייעם קעניג׳ס שטענדיגע געלט געברויכן, דערפילט אַ געלעגנהייט זיך אומצוקערן צו זייערע אַמאָליגע פּאָזיציעס, פון וועלכע דער כהן גדול חוניו האָט זיי פאַרטריבן.

זיי האָבן צוגערעדט אַסאַך פראָסטע אידן אַז זיי זאָלן צושטימען צו זייער הערשאַפט, זאָגנדיג, „לאָמיר גיין מאַכן אַ בונד מיט די אַרומיגע פעלקער,

זיך צו פירן אַזוי ווי זיי, ווייל אַלע צרות וואָס די אידן לײדן איז נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען אַנדערש און אָפּגעשיידט פון די גוים.

דערנאָך האָבן זיי געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קעניג מיט יאַסון אין שפּיץ.

יאַסון האָט צוגעזאָגט צו געבן פאַר׳ן קעניג 360 צענטער זילבער, אויסער די אַלגעמיינע געלט שטייערן פון פאָלק, און נאָך 80 צענטער זילבער פון זיין אייגענע טאַש, אויב דער קעניג וועט אים איבערגעבן דעם אַמט פון כּהן גָדול.

יאַסון דער רָשע האָט געוואָלט פאַר געלט אויסקויפן די כּהונה גְדוֹלה, נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען אינטערעסירט צו טאָן די הייליגע עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש, נאָר ווייל אין יענע צייט איז דער כּהן גָדול געווען דער העכסטער אויטאָריטעט. דאָס איז געווען דער העכסטער אַמט ביים פאָלק. ער איז אויך געווען דער וואָרטזאָגער איבער אַלע אַלגעמיינע עִנְיָנִים. און






אָט דאָס האָט יאַסון נאָר געוואָלט: די הערשאַפט איבער די אידן דורכן אַמט פון כְּהוּנה גְדוֹלה.

אַנטיוכוס האָט גערן צוגעשטימט איבער צו געבן דעם הייליגן אַמט פאַר דעם רָשע, אָבער דער רָשע איז נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן.

„נאָך אַ זאַך בעט איך”, האָט יאַסון פאָרגעזעצט, „אויב דער קעניג וועט מיר ערלויבן צו בויען אַ גימנאַזיום אין יְרוּשָׁלַיִם וועל איך צוגעבן נאָך 150 צענטער זילבער צו די קאַסע פונעם קעניג”.

אַ גימנאַזיום אין יענע צייטן, האָט געהייסן אַ שפּיל פּלאַץ וואו מ׳האָט שטודירט אַלע ספּאָרטן, ווי זיך שלאָגן, באָקסן, לויפן, שפּילן באָל, א.א.וו., דורך דעם האָבן זיי גערעכנט צו אַסימילירן די יוגנט.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַנטיוכוס, האָט צו דעם אויך איינגעשטימט.

יאַסון הָרָשע, צוזאַמען מיט די מִתיַוונים, די אַנדערע רְשָעים וואָס האָבן ליידער געשטאַמט פון אידן, זענען אָנגעקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט׳ן באַפעל פון קעניג, און חוֹנְיו, דער אֶמת׳דיגער כֹּהן גָדול, האָט געמוזט אַנטלויפן.

אַזוי איז יאַסון, צום באַדויערן, געוואָרן כֹּהן גָדול. און האָט ליידער באַקומען די מאַכט איבער די אידן.




צום ערשט האָט ער צעשטערט די גוטע געזעצן פון די פריערדיגע קעניגן. דערנאָך האָט ער צו נישט געמאַכט די אַלע געזעצן און תְּקָנוֹת וואָס חוֹנְיוּ האָט איינגעפירט לויט די תּוֹרה, און אַנשטאט דעם האָט ער געמאַכט נייע אומווירדיגע געזעצן וואָס האָבן געצילט צו צעשטערן די תּוֹרה הַקדוֹשה און דאָס אידישקייט ביים כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

זיין ציל איז געווען אַז די אידן זאָלן רעפאָרמירט ווערן און זיין גלייך ווי די גוֹיִם. ער האָט געוואָלט אַז יְרוּשָׁלַיִם זאָל ווערן איבערגעענדערט צו אַ יְוָנִ׳ישע שטאָט.

די אַלטע צוזאַמען מיט די נייע מִתְיַוְונִים האָבן זיך טאַקע צוביסלעך עפנטליך אָנגעהויבן פירן ווי די גוֹיִם. קודם האָבן זיי פאַרענדערט די אידישע מַלבּוּשִׁים, די אידישע נעמען, אָנגעפאנגען צו רעדן גוֹי׳איש ביז זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון די תּוֹרה. זיי האָבן שוין נישט געאידישט זייערע קינדער און האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ גוֹי׳איש לעבן.

יאַסון הָרָשָע האָט אַלץ איינגעפירט מער און מער יְוָנִ׳ישע געזעצן און מִנהָגִים. מען האָט מער נישט גע׳מִשפּט לויטן דין פון די תּוֹרה, נאָר לויט די גריכישע געזעצן.

אַזוי איז ער געגאַנגען אַלץ ווייטער מיט זיין פרעכהייט, אומפאַרשעמטקייט, אַז ער האָט אין די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם אויפגעבויט



# גימנאַזיום

דעם אומווירדיגן גימנאַזיום.

צוערשט זענען מענטשן געקומען אין גימנאַזיום מיט אַ מאַסקע אויפ׳ן פנים, כדי די חֲכָמִים פון יְרוּשָׁלַים זאָלן זיי נישט דערקענען. אָבער שפעטער ווען יאַסונ׳ס כֹּח האָט זיך געשטאַרקט, האָט עס אינגאַנצן אַוועק געשטופט דעם איינפלוס פון אונזערע הייליגע חֲכָמִים און קיינער האָט זיך מער נישט געשעמט. מען איז שוין געגאַנגען אָפענערהייט און מען האָט נאָך מיטגעשלעפט אַנדערע.

אַסאַך פון די סאַמע בעסטע פונעם יוגנט, אפילו פון די יונגע כֹּהֲנים, האָבן

איבערגעלאָזט די הייליגע עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש און געגאַנגען אין גימנאַזיום זיך שפּילן באָל, אַרום באָקסן, מאַכן פיזישע גימנאַסטישע איבונגען, און אַנדערע ספּאָרטן וואָס די יוונים האָבן געהאַלטן פאַר מאָדערן, און אַזוי צוביסלעך האָבן זיי אַריינגעשלעפּט די יוגנט אין אוניווערסיטעטן און קאַלידזשעס.

דאָס פיזישע בילדונג, האָט טאַקע גייסטיג צעשטערט דאָס יונגוואַרג. זיי האָבן אָנגעהויבן גרינגצושעצן די אַלטע תּוֹרה־וועגן פון זייערע עלטערן און הויך שעצן די נייע מאָדערנע אָנווייזונגען פון די יְוָונים. מען האָט געזוכט צו געפעלן און נאָכצומאַכן די מאָדערנע וועלט און אַזוי האָבן זיי זיך דערווייטערט פון ריכטיגן וועג.

יאַסוֹנ׳ס חֲלוֹמוֹת זענען אָבער נישט אינגאַנצן פאַרווירקליכט געוואָרן. אֶמת אַז אַ חֵלק פון אידישן פאָלק האָבן זיך טאַקע געפירט ווי גוֹים, אָבער די גוֹים האָבן זיך גאָרנישט דערנענטערט צו זיי. פאַרקערט, זיי זענען געוואָרן צו זיי אַלעמאָל מער און מער ביטערע שׂוֹנאים.

די יְוָונים פלעגן זיך צוזאַמענקומען איין מאָל אין פינף יאָר, פּראַווען אַ ריזיגן פעסטיוואַל, הולטייעווען, ספּאָרטלען, און מקריב זיין קרבנות פאַר זייערע אָפּגעטער. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש פאַר די גוֹים אין וואָס אידישע קינדער האָבן נישט אַנטייל גענומען.

ווען דער רשע יאַסון האָט באַקומען די מאַכט, האָט ער שוין אויך געשיקט זיינע אידישע שפּילערס און לעבּ־יונגען, צו די פייערונג מיט 300 דַרְכְּמוֹנִים (אַ מטבע פון יענע צייטן) צו געבן פאַר די יְוָונים זיי זאָלן דערמיט קויפן קָרְבָּנוֹת פאַר זייער עֲבוֹדה זָרָה. פאַר די יְוָונים האָט אָבער נישט געפּאַסט צו נוצן אידיש געלט פאַר זייערע אָפּגעטער, האָבן זיי געבויט דערמיט שיפן א.ד.ג.

דריי יאָר צייט האָט געוועלטיגט יאַסון הרשע, ביז דעם יאָר ג׳ תרי״ג (3613). דריי יאָר צייט האָט ער אונטערדרוקט זיינע אייגענע ברידער, זיין אייגן פאָלק, און זיך גע׳חַנפ׳עט צו די יְוָונים, מיט די שטרעבונג צו פאַראייניגן דאָס כְּלַל יִשׂרָאל מיט זיי.

ווען אַ שַׂר פון אַנטיוכוס פלעגט קומען קיין יְרוּשָׁלַים האָט ער שטענדיג אַראַנזשירט אַ גרויסאַרטיגן קַבָּלַת פָּנים, מיט פאַקלען, און אויפנאַמס־פּאַראַד, א.א.וו.

אין די קורצע דריי יאָר איז דעם רָשע געלונגען אַראָפּ צו פירן פון אידישן

וועג, פיל מער יוגנט ווי כאָטש וועלכער רָשע פון די גוים וואָס האָט עס אַמאָל פּראָבירט.

קאפיטל ג׳

## אַ „געטרייער״ חָבר

יאַסון האָט געהאַט אַ געטרייען חָבר, אויך אַ מִתיַוון, מיט׳ן נאָמען חוֹנְיו. און אַזוי ווי יאַסון האָט ער אויך געברויכט אַ יְוָונ׳ישן נאָמען, האָט ער זיך גערופן מִינֶעלעאוס.

יאַסון האָט אים געשיקט צום קעניג, צו אַנטיוכוס׳ן ער זאָל באַצאָלן דעם יערליכן שטייער, און אויך דעם צוגאב, די הוֹסָפה, וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

זייענדיג אַזוי גוט באַפריינדעט מיט אים, האָט ער קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס מינעלעאוס טראַכט אין האַרץ.

מִינֶעלעאוס האָט באַזיצן אַ געשליפן צינגל און מיט פיל חֲנופה רייד איז אים געלונגען צו געווינען חן אין די אויגן פון אַנטיוכוס. האָט ער געטאָן די זעלבע חָכמה ווי יאַסון, און געזאָגט צו אַנטיוכוס, „אויב דו וועסט מיר איבערגעבן דעם אַמט פון כּהונה גְדולה, וועל איך צוגעבן נאָך 300 צענטער זילבער, אויסער דעם וואָס איך האָב דאָ געברענגט, צו דיין קעניגליכע קאַסע״.

אַנטיוכוס, מיט זיין געלט גלוסטיגקייט, האָט גלייך איינגעשטימט און געשריבן אַ באַפעל אַז מִינֶעלעאוס זאָל ווערן כֹּהן גָדול, כאָטש ער האָט נישט באַזיצט אפילו איין מַעלה וואָס אַ כֹּהן גָדול דאַרף האָבן.

ער איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָסטער רשע, אַכְזר, און אַ ווילדער פּארשוין, וועלכער האָט אפילו נישט געשטאַמט פון כֹּהֲנים.

אָנקומענדיג קיין יְרוּשָלַים מיט׳ן נייעם באַפעל פון קעניג, האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע מִלחָמה צווישן אים און יאַסון.

אַ גרויסער טייל פון די מִתיַוונים האָבן מיט געהאַלטן מיט מִינֶעלעאוס׳ן, ווייל יאַסון איז נאָך געווען צי פּרום פאַר זיי — ער איז נאָך נישט אַרויס אינגאַנצן אָפּן אַריינצוברענגען עֲבוֹדה זָרות אין די גאַסן פון יְרוּשָלַים. און אַ קליינער טייל האָבן געהאַלטן מיט יאַסון.




מינֶעלעאוס האָט אָבער באַקומען די אויבער האַנט אין די שלאַכטן, און האָט פאַרטריבן יאַסון פון זיין אַמט.

אַזוי ווי יאַסון האָט געטאָן מיט זיין ברודער חוֹנְיו, איז געטאָן געוואָרן מיט אים און אויך ער האָט געמוזט אַנטלויפן. מיט גרויס שאַנד איז ער אַנטלאָפן צום פאָלק עַמוֹן.

פונקט אַזוי ווי יאַסון האָט פיל ברידער פון זיין אייגענעם פאָלק אַוועק געטריבן פון זייער הייזער, אַזוי איז ער אויך פאַרטריבן געוואָרן פון איבעראַל.

קיין איינער פון די פרעמדע פעלקער האָט אים נישט געוואָלט האַלטן.

ער האָט געמוזט וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט ווייל יעדער האָט אים אָנגעקוקט פאַר אַ געמיינעם מענטש, אַ באַטריגער פון זיין פאָלק, אַ פעלשער אין זיין גלויבן און אין זיינע אייגענע ברידער. „סַהֲדֵי שִׁקְרָא אַאַגְרַייהוּ זִילֵי” — די וואָס מען דינגט צו זאָגן פאַלש עדות, ווערן זיי ביליג אויך ביי די וואס האָבן זיי געדינגען. אַזוי איז אויך ער ביליג געוואָרן ביי די פעלקער וואָס ער האָט געוואָלט נאָכמאַכן.

דערנאָך איז געקומען זיין סוף, אַזוי ווי ער האָט מיט זיין רְשעות



אויסגע׳הַרג׳עט פיל מענטשן וואָס זענען נישט געקומען צו קְבוּרה, אַזוי איז ער אויך געשטאָרבן אָן קְבוּרה, קיינער האָט נישט געטרויערט נאָך אים, און קיינער האָט זיך מיט אים נישט באַשעפטיגט, נאָר די פייגל האָבן אויף געגעסן און צעשלעפּט זיין קערפּער.

מינֶעלעאוס האָט איבערגענומען און געפירט מיט שטאָלץ די כְּהוּנה גְדוֹלה. ער האָט אָבער נישט געהאַט דאָס געלט צו באַצאָלן זיין צוזאָג. ווי עס האָט זיך געענדיגט דער טערמין פון באַצאָלן און דאָס געלט איז נאָך אַלץ נישט געווען, האָט אַנטיוכוס געשטעלט אַנשטאט אים אַן אַנדערן איד וואָס האָט זיך גערופן אויף גריכיש לִיזִימכוס, אויך אַ מִתיַוון.

מינֶעלעאוס׳ן האָט דאָס זייער באַרירט. ער האָט דאָס נישט געקענט אַראָפּשלינגען. איז ער אַריין מיט גרויס חוּצפּה אין בֵּית הַמִקדש און האָט צוגע׳גַנב׳עט פיל גאָלד וואָס מענטשן האָבן געהאַט געשענקט פאַר׳ן בֵּית הַמִקדש און אויך עטליכע טייערע כֵּלים פון בֵּית הַמִקדש, און ער האָט עס

פאַרקויפט.

מיט דעם געלט איז ער אַוועקגעפאָרן אין די הויפטשטאָט קיין צוֹר, צו דעם הויפט שׂר פון אַנטיוכוס, וואָס האָט געהייסן אַנדרניקוס. ער האט פאַר אים געקויפט טייערע מתנות אַז ער זאָל זיין גינסטיג צו אים.

## קאפיטל ד׳

## שוידערליכע רְצִיחוּת

ווען דער צַדִיק חוֹנְיו דער פאַרטריבענער כֹּהן גָדול וואָס איז אַנטלאָפן אין אַן עִיר מִקלט מיט דעם נאָמען דַפנִי אין סיריע — (אין יענע שטאָט איז געווען אַ געזעץ אַז מען טאָר דאָרט קיינעם נישט הַרג׳ענען, סיי אידן סיי גוים — דערפאַר איז ער דאָרט אַנטלאָפן) האָט געהערט פון די נידערטרעכטיגקייט פון מינֶעלעאוס — אַז ער האָט אַרויסגֵ׳גנב׳עט פון בֵּית הַמִקדש גאָלד און כֵּלִים — איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט דערוועגן. אַזאַ פאַרשוועכונג האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט. איז ער געגאַנגען צו מינֶעלעאוס און האָט אים שטאַרק אויסגע׳מוסר׳ט פאַר זיין אומדערהערטע אויפפירונג, און האָט מוֹחה געווען אַקעגן אים.

מִינֶעלעאוס האָט זיך געפילט זייער געטראָפן פון זיינע רייד, עס האָט אים זייער שטאַרק אויפגערעגט, און ביי די ערשטע געלעגנהייט האָט ער געבעטן זיינס אַ מענטש מיט דעם נאָמען אַנְדרוֹנִיקוּס ער זאָל זען צו הַרג׳ענען דעם חוֹנְיו.

אַנדרוֹנִיקוּס איז געקומען צו די טויער פון די שטאָט דַפנִי, און האָט באַפוילן פאַר חוֹנְיו ער זאָל אַרויסקומען צו אים אויסער די שטאָט. ער האָט געשוואוירן אַז ער וועט אים נישט טאָן קיין בייז, אָבער „אֲשֶר פִּיהֶם דִיבֵּר שָוְא״ פאַר רְשָעִים טאָר מען נישט גלייבן. און ווי באַלד חוֹנְיו האָט אַרויסגעטרעטן פון די שטאָט דַפנִי האָט ער אים גלייך אומגעברענגט.

דער שרעקליכער מאָרד האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן. אַלע אידן און אפילו די גוֹים האָבן עס מְיאוּס פאַרדאַמט.

די מאַסן האָבן אַזויפיל געשטורעמט ביז דער קעניג אַנטיוכוּס האָט נישט געהאַט קיין בְּרֵירָה, ער האָט געמוזט באַשטראָפן דעם מערדער כדי צו שטילן די געמיטער פון פאָלק, און ער האָט גע׳הַרג׳עט אַנְדרוֹנִיקוּס׳ן.

דער צווייטער פארשוין לִיזִימכוּס האָט נאָכגעמאַכט די געמיינהייטן פון מינֶעלעאוס׳ן און האָט אויך געראַבעוועט אוּן אַוועקגענומען געלט פון בֵּית הַמִקדָש.

דאָס פאָלק האָט דאָס מאָל שוין מער נישט געקענט איבערטראָגן די גְנֵיבות, און זיי האָבן זיך צוזאַמען געזאַמלט און געמאַכט אַ טומל.

לִיזִימכוּס האָט גענומען 3,000 סאָלדאַטן אַרום זיך, צו פאַרטרייבן דאָס פאָלק און זיי האָבן זיך טאַקע אָנגעפאַנגען צו שלאָגן מיט די מאַסן.

דער עוֹלם האָט זיי אָבער באַפאַלן מיט גרויס צאָרן און מען האָט פיל פון די סאָלדאַטן אויסגע׳הַרג׳עט. אויך לִיזִימכוּס׳ן האָט מען געכאַפּט און גע׳הַרג׳עט.

אין די געלעגנהייט האָבן די אידן אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע פון די



עלטסטע פון שטאָט צו גיין צו אַנטיוכוס׳ן זיך צו באַקלאָגן אויף די אַלע שלעכטע טאַטן פון מינֶעלעאוס׳ן.

מינֶעלעאוס איז אָבער דערפון געוואָר געוואָרן, האָט ער אונטערגעקויפט איינעם פון די גרעסטע שָׂרִים ער זאָל רעדן גוטס אויף אים צום מֶלֶך. עס איז טאַקע געלונגען פאַר יענעם שַׂר איבערצורעדן אַנטיוכוס׳ן, און ער האָט גלייך אויסגע׳הַרג׳עט די גאַנצע דעלעגאַציע אין די הויפּט שטאָט צור ביים קעניג.

די שווידערליכע רְצִיחה האָט שטאַרק אויפגערודערט אַלע גוי׳אישע איינוואוינער פון צוֹר. זיי האָבן געשפּענדעט פיל געלט צו באַערדיגן די ערליכע שְׁלוּחים מיט אַ געהעריגן כָּבוד.

אַנְטִיוכוס האָט אָבער יעצט צוריק געשטעלט מינֶעלעאוס׳ן געהעריג אויף זיין הויכן אַמט.

מיט אַ ווילדע נְקָמה איז מינֶעלעאוס צוריק געקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם און געפּייניגט, צעבראָכן און אונטערדרוקט זיינע ברידער, און די ערליכע אידן האָבן אונטער אים געליטן שווערע צייטן. ער האָט געפּייניגט זיין אייגן פאָלק מיט אַן אַכְזָר׳ישע האַנט.

## קאַפּיטל ה׳

## אַ צייכן פון הימל

אין יאָר ג׳ תרט״ז (3616) האָט זיך פאַרגלוסט פאַר אַנטיוכוס׳ן צו פאַרברייטערן זיין מְלוּכה, האָט ער באַפאַלן דאָס לאַנד מִצְרַיִם און זי איינגענומען. שפּעטער האָט ער דאָס געמוזט פאַרלאָזן ווייל רוֹים, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ שטאַרקע מאַכט, האָט אים געצווינגען אָפּצוטרעטן. אָבער יעצט איז אים געלונגען איינצונעמען דאָס לאַנד מִצְרַיִם.

אין די זעלבע צייט האָט פּלוצלינג ערשיינט אויפ׳ן הימל העכער יְרוּשָׁלַיִם אַ מאָדנער בילד: אַ געשטאַלט פון פיל פייערדיגע פערד מיט רייטערס, אָנגעטאָן מיט גאָלדענע פאַנצערס, מיט לאַנגע שפּיזן, און צוויי גרופּן האַלטן מִלְחָמה איינער קעגן דעם צווייטן. איין גרופּע שטעכט די אַנדערע מיט די שפּיזן און זיי שיצן זיך מיט די פאַנצערס.

די חֲכָמים פון יענעם דוֹר זענען שוין מער נישט געווען אויף די מַדרֵיגה





פון נְבוּאָה, ווייל זייט דער נָבִיא מַלְאָכִי, וואָס איז געווען דער לעצטער נָבִיא האָט זיך אויפגעהערט די נְבוּאה ביי אידן, ביז מָשִׁיח וועט קומען. דאַגעגן זענען אָבער די דעמאָלסדיגע חֲכָמִים געווען אויף די מַדְרֵיגה פון „חֲסִידִים״. די חֲסִידִים האָט מען מְגַלֶה געווען, אַנטדעקט, און געוויזן שפּעטערדיגע זאַכן דורך צייכנס פון הימל, און זיי פלעגן אויך הערן אַמאָל אַ בַּת קוֹל, און אַזוי האָבן זיי פאַרשטאַנען און געדרינגען וואָס עס קומט אין די צוקונפט.

די חֲכָמִים האָבן באַשיידט דאָס דעמאָלסדיגע בילד פון הימל, אַז דאָס איז אַ סִימָן אַז עס וועט קומען אַ צייט וואָס די פיינט פון די אידישע קינדער וועלן פאַרשניטן ווערן. פון הימל וועט מען מלחמה האַלטן און זיך אָננעמען פאַר די אידן, און אַנטיוכוּס וועט האָבן זיין סוֹף און ער וועט גע'הָרג'עט ווערן.

דאָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ ווינטל פון פרייד, אַ שטראַל פון האָפענונג אין די צעבראָכענע הערצער פון די פיל ערליכע אידן, וואָס האָבן געבעטן און געוואַרט אויף די יְשוּעה פון הימל.

די רְשָׁעִים פון צווישן די אידן, די „מִתְיַוְנִים״ האָבן זיך געכאַפּט אויף די

געלעגנהייט און זענען געגאַנגען צו אַנטיוּכוס קיין מִצרַיִם און פאַר'מַסר'ט די אידן: „מען האָט געזען אַ צייכן אין יְרוּשָׁלַיִם, און די פרומע אידן טייטשן דאָס אויס אַז דער קעניג וועט פאַלן צום טויט, און זיי פרייען זיך אויף די מַפָּלה פון קעניג!”

זיי האָבן באַאיינפלוסט דעם קעניג אַז ער זאָל זיך ווּעלן נוקם זיין אין די ערליכע אידן און אין די הייליגע חֲכָמִים.

אַנטִיוּכוס איז טאַקע זייער בייז געוואָרן. ער איז אַרויפגעגאַנגען קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט זיין מיליטער און ער האָט באַפאַלן די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם מיט אירע איינוואוינער. ער האָט קיין שום ווידערשטאַנד נישט געהאַט ווייל זיינע פריינד, די מִתיַוונִים, די אידישע רְשָׁעִים האָבן אים לײדער געעפנט די טויערן, און די אידן זענען אומפאַרהאפט געבליבן מאַכטלאָז.

לויטן באַפעל פון אַנטיוּכוס הָרָשָׁע זענען זיי מיט גרויס אַכְזָרִיות אַריין, און ברוטאַל גע'הַרג'עט ווער עס איז זיי אונטערגעקומען. יונג און אַלט, קינד און קייט, קיינעם האָבן זיי נישט אויסגעמיטן. די וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אויף די דעכער האָבן זיי ארויסגעשלעפט און דערמאָרדעט. איבערהויפט די ערליכע אידן האָבן זיי מיט באַזונדערע אַכְזָרִיות געפייניגט, געשלאָגן און גע'הַרג'עט. די איבערגעבליבענע האָבן געמוזט אַנטלויפן אין די וועלדער און זיך דאָרט באַהאַלטן. זיי האָבן דאָרט געהונגערט און געמוזט עסן גראָז ווי די בְּהֵמות.

דריי טעג צייט האָבן די רשעים געווילדעוועט אין ירושלים, און אין די דריי טעג האָבן זיי באַוויזן אויסצו'הרג'ענען אַ געוואלדיגע צאָל, 40,000



יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ

מענטשן, און נאָכאַמאָל די זעלבע צאָל, 40,000 מענטשן האָבן זיי אַוועקגענומען אין געפאַנגענשאַפט.

ערליכע אידן האָבן געוואוסט אַז מען טאָר נישט אויפגעבן די האָפענונג אין השי"ת. די שווערסטע נְסיונות סיי פון פרעמדע רְשָעים און סיי פון די אייגענע רְשָעים האָבן נישט געווירקט אויף די ערליכע אידן אויפצוהערן צו האָפן און בעטן אויף די יְשועה פון השי"ת. פון איין זייט האָבן זיי געוואַרט צו זען ווי די „צייכנס אויפ'ן הימל" זאָלן שוין פאַרווירקליכט ווערן, און פון די צווייטע זייט האָבן זיי זיך געשטאַרקט און צוגעגרייט בייצושטיין אַלע נְסיונות און שוועריגקייטן וואָס זיי וועלן נאָך דאַרפן אריבערגיין, און ח"ו נישט פאַרלוירן די האָפענונג פון אונזער געטרייעם היטער און שיצער, וואָס פאַרלאָזט נישט זיין געטריי פאָלק וואָס ווענדן זיך צו אים נאָך הילף.

**שטאַרקט אייך און שטאַרקט אייער האַרץ איר אַלע וואָס האָפט צום אייבערשטן** **(תהלים ל"א פסוק כ"ה)**

חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ
לְבַבְכֶם
כָּל הַמְיַחֲלִים
לַה'׃



קאפיטל ו׳

## דאָס בֵּית הַמִקדש ווערט באַרויבט

דער רָשע אַנְטיוּכוס איז מיט דעם אַליין נאָך גאָרנישט זאַט געוואָרן. זיין בייז אויג האָט געגלוסט אַוועקצונעמען די אוֹצָרות וואָס ליגן אין בֵּית הַמִקדש. לויט די פינקטליכע אָנווייזונגען פון דעם פאַלשן כֹּהן גָדול מינֶעלעאוס, וועלכער האָט אים אָנגעוויזן די וועגן און פלעצער וואו אַלעס ליגט אין בֵּית הַמִקדש, איז עס אנטיוכוס׳ן זייער גרינג ערמעגליכט געוואָרן.

מיט אומבאַשרייבליכע נידערטרעכטיגקייטן האָט מינֶעלעאוס דער רָשע, געפעלשט אין די הייליגע תּוֹרָה און אין זיינע אייגענע ברידער.

אָנקומענדיג צום בֵּית הַמִקדש, האָט אַנְטיוּכוס אַליין אפילו מוֹרא געהאַט צו זיין דער ערשטער אַריין צו גיין אין בֵּית הַמִקדש.

אַנטיוּכוס האָט מוֹרא געהאַט עס זאָל אים נישט פּאַסירן דאָס זעלבע וואָס האָט פּאַסירט הֵילְיוֹדוֹרוּס׳ן מיט פיל יאָרן פריער, אין די צייט וואָס חוֹנְיו איז געווען כֹּהן גָדול. איינער פון די מִתיַוונים מיט׳ן נאָמען שִׁמְעוֹן (אַ ברודער פון מִינֶעלעאוס׳ן) וואָס חוֹנְיו האָט אים געהאַט אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן, האָט זיך געוואָלט נוֹקם זיין אין חוֹנְיו׳ן האָט ער אָנגערייצט דעם דעמאָלסדיגן קעניג סְילְיוּאַקוּס זאָגנדיג:

אין בֵּית הַמִקדש ליגט אַ גרויסער אוֹצר פון זילבער און גאָלד. אַסאַך מער

ווי מען ברויך אויסגעבן צו די קָרבָּנות. עס איז כְּדַאי פאַרן קעניג ער זאָל דאָס צונעמען פאַר זיך״.

סיליוואַקוס האָט געשיקט זיינס אַ שַׂר וואָס האָט געהייסן הילִיוֹדוֹרוס, מיט אַ סוויטע אָפיצירן און פריצים, אַז זיי זאָלן אים ברענגען דאָס זילבער און גאָלד.

ווען חוֹנִיו דער כֹּהן גָדול איז געוואָר געוואָרן דערפון איז אים טונקל געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט זיך געבעטן ביי הִילִיוֹדוֹרוס׳ן ער זאָל נישט פאַרשוועכן דאָס בֵּית הַמִקדָשׁ.

„דאָס געלט איז אַוועקגעלייגט פאַר פאַרריכטן דאָס בֵּית הַמִקדָשׁ און פאַר אַלמָנות און יְתוֹמים. עס איז נישטאָ אַזויפיל ווי שִׁמעון האָט ענק געזאָגט״, האָט זיך חוֹנִיו געבעטן.

הִילִיוֹדוֹרוס האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן. „ער מוז אויספירן זיין קעניג׳ס באַפעל״ האָט ער געזאָגט, און ער האָט באַשטימט אַ טאָג ווען ער וועט אַריינקומען אין בֵּית הַמִקדָשׁ.

דעם טאָג האָט זיך געטאָן אין ירושלים אַ גרויסער קלאָג. די כֹּהֲנִים האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און געבעטן אַז השי״ת זאָל נישט צולאָזן אַז דער טָמא׳נער גוֹי זאָל צורירן צו די געלטער וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר זיי אָפּצוהיטן.

דער כֹּהן גָדול איז געווען צעבראָכן אויף שטיקער. יעדער האָט געקענט זען אויף זיין פָּנים ווי פאַרביטערט ער איז.

ער האָט צוזאַמען גענומען אַלע אידן פון יְרוּשָׁלַים, מענער, פרויען, און קינדער און אַלע האָבן געיאָמערט און געוויינט און געבעטן השי״ת אַז ער זאָל נישט צולאָזן צו פאַרשוועכן דאָס בֵּית הַמִקדָשׁ.

זיי האָבן אָנגעטאָן זעק און גענומען אַש אויף זייער קאָפּ ווי אֲבֵלִים ר״ל.

ווער עס האט צוגעקוקט די סצענע, ווי די גאַנצע שטאָט ווערט דערציטערט אויף איינמאָל און ווי דער כֹּהן גָדול בעט זיך ביי השי״ת פאַר אַ יְשוּעה, איז זיין האַרץ צעגאַנגען און צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך. פאַר הִילִיוֹדוֹרוס׳ן איז דאָס אָבער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ער האָט גענומען זיינע מענטשן און זיך געריסט צו גיין צום בֵּית הַמִקדָשׁ.

ווי נאָר ער האָט אַריינגעטרעטן האָט זיך געהערט אַ גרויסער דונער און

אַלע זיינע מענטשן האָבן אים איבערגעלאָזט און אַנטלאָפן פאַר גרויס שרעק און פַּחד.

דאַן האָט הֶילְיוֹדוֹרוס פלוצלינג דערזען אַ פּאָרכטיג איינגעשפּאַנט פערד מיט אַ שרעקליכן רייטער, אָנגעטאָן מיט אַ גאָלדענעם פּאַנצער. דאָס פערד איז צוגעלאָפן צו אים מיט׳ן גאַנצן כּח און מיט אירע צוויי פאָדערשטע פיס האָט זי אַראָפּגעוואָרפן הֶילְיוֹדוֹרוס׳ן אויף דער ערד. צוויי הערליכע שטאַרקע מענטשן מיט פּראַכטיגע קליידער האָבן זיך געשטעלט צו זיינע צוויי זייטן און אים געשמיסן מיט רוטן.

ער האָט גע׳חַלש׳ט און איז געוואָרן בלינד און שטום און די כֹּהֲנִים האָבן אים אָנגעכאַפּט און אַרויסגעטראָגן.

ווען זיינע מיטהעלפּערס און קנעכט האָבן געזען וואָס עס איז געוואָרן פון דעם שטאָלצן הֶילְיוֹדוֹרוס אַז ער קען נישט זען, ער קען נישט רעדן, און האַלט ביים שטאַרבן זענען זיי געלאָפן צום כֹּהן גָדול און געפאַלן צו זיינע פיס און געבעטן: „הויכגעשעצטער הער, הייליגער צַדִיק, בעט פאַר אונז און פאַר דיין קנעכט הֶילְיוֹדוֹרוס מיר זאָלן לעבן און נישט שטאַרבן. מיר ווייסן שוין אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ באַשעפער ווי ענקער באַשעפער. דאָס איז דער זעלבער גרויסער שטאַרקער באַשעפער וואָס היט און שיצט אַלעמאָל און איבעראָל זיינע געטרייע קינדער, וואָס דינען אים ערליך״.

חוֹנְיו האָט איינגעשטימט און געבעטן השי״ת אַז ער זאָל אויסהיילן הֶילְיוֹדוֹרוס.

די צוויי הערליכע מענטשן האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן פאַר הֶילְיוֹדוֹרוס׳ן און געזאָגט: „גיב כּבוד פאַר׳ן כֹּהן גָדול ווייל נאָר אַ דאַנק אים האָט דיך השי״ת געלאָזט לעבן. שטיי אויף און גיי דערצייל פאַר די גאַנצע וועלט וואָס עס געשעט פאַר איינעם וואָס טשעפּעט מיט אידישע קינדער און שטערט זיי פון צו דינען דעם באַשעפער, און וויל רואינירן דאָס בֵּית הַמִקְדָש״.

אַזוי רעדנדיג זענען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן.

הֶילְיוֹדוֹרוס האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן און גערעדט און געזען. דערנאָך האָט ער אַלעס פּינקטליך אַזוי געטאָן. אויך האָט ער געלאָזט מקריב זיין פיל קָרְבָּנוֹת אין בֵּית הַמִקְדָש, און געדאַנקט השי״ת. ער האָט אויך פון דעמאָלס אָן געאַכטעט און כּבוד געגעבן חוֹנְיו׳ן דעם כֹּהן גָדול.

שפּעטער האט ער דערציילט פאר סִילְיוואַקוּס וואָס עס איז אים געשען און פון דאַן אָן האָט אויך סִילְיוואַקוּס שטאַרק מְכַבֵּד געווען דאָס בֵּית הַמִקדש און די אידישע קינדער.

אָט פאַר דעם האָט אַנטִיוּכוּס קודם מוֹרא געהאַט אַריינצוגיין אין בֵּית הַמִקדש.

האָט ער געהייסן פאַר איינעם וואָס האָט זיך גערופן יוסף מְשִׁיתָא, איינער פון די אידישע מִתיַוונִים, ער זאָל קודם אַריינגיין.

„וואָס דו וועסט דאָס ערשטע אַרויסברענגען וועט זיין דיין," האָט ער אים צוגעזאָגט.

יוסף מְשִׁיתָא איז אַריין געגאַנגען און האָט אַרויסגעברענגט די גאָלדענע מְנוֹרה פונעם בֵּית הַמִקדש.



דערזעענדיק די שיינע מְנוֹרה האָט אַנְטִיוֹכוּס געזאָגט, „עס פּאַסט נישט פאַר אַ פּראָסטן מענטש ווי דו זיך צו באַנוצן מיט אַזאַ מְנוֹרה. אַזאַ מְנוֹרה פּאַסט פאַר אַ קעניג. גיי נאָכאַמאָל אַריין און וואָס דו וועסט אַרויסברענגען וועט זיין דיין״.

יוסף האָט דערמיט געפילט זייער אַ גרויסן קלאַפּ, דאָ איז ער געווען דער שפּרינגער און עַזּוּת פָּנִים וואָס האָט זיך געטרויט צו ווייזן דעם וועג צו טרעטן אויף דעם הייליגטום פון השי״ת מיט חוּצְפּה, און נאָך אַלעם האָט מען אים אויסגעשפּילט. דאָס איז שוין געווען צי פיל אפילו פאַר דעם מתיוון. עס האָט אים זייער שטאַרק באַרירט. עס האָט אָנגעכאַפּט יוסף׳ן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, און ער האָט זיך אַנטזאגט ווייטער אַריינצוגיין אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

„איך וועל דיר געבן אַ הויכן פּאָסטן אין מיין מְלוּכה. דריי יאָר וועסטו איינקאַסירן די שטייערן״, האָט אים אַנְטִיוֹכוּס געפּרואווט צוצורעדן, וויסנדיג אַז די אַלע פאַרדאָרבענע אידן די מִתְיַוְּונִים האָבן געגלוסט און געשטרעבט זיך צו דערנענטערן און אַריינצוקומען מיט אַ פּאָסטן אין די רעגירונג.

„ניין!״ האָט יוסף געענטפערט מיט אַ דרייסטקייט. „נישט גענוג איך האָב איין מאָל דערצערנט מיין באַשעפער, זאָל איך אים יעצט אַ צווייט מאָל אויך דערצערנען. ניין, איך גיי נישט!״ אַזוי האָט זיך דער אידישער פּונק צעפלאַקערט צו אַ העליש פייער, אין זיין אידיש האַרץ.

דערהערנדיג דעם ענטפער האָט דער רשע אַנְטִיוֹכוּס מיט זיינע אַכְזָרִיוּת׳דיגע אָנהענגער אים גענומען און אַריין געשטעלט אין אַן אַפּאַראַט וואָס הויבלט האָלץ, און מען האָט געהויבלט שטיקער פלייש פון אים ר״ל.

„אוי ווי, אוי ווי, דאָס קומט מיר מיט רעכט, ווייל איך האָב דערצערנט מיין באַשעפער״, האָט יוסף געשריגן פון פיל יסורים פאַרגיסנדיג אֶמת׳ע תְּשׁוּבה טרערן, און בלוט אויף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם.

אַזוי האָט יוסף מְשִׁיתָא זוכה געווען אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, און האָט אויסגעהויכט זיין נְשָׁמָה מיט אֶמת׳דיגע תְּשׁוּבה וואָס האָט דערגרייכט ביז צום כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

אַזוי ווי אַנטיוכוס האָט שוין אָבער געזען אַז עס פּאַסירט גאָרנישט ווען מען גייט אַריין אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, איז ער מיט אַ געוואַלדיגע חוּצְפּה און פול



# שֻׁלְחָן

מיט שטאָלצקייט אַריין אין בֵּית הַמִקדש, און מיט זיינע פאַרשאָלטענע הענט האָט ער אַרויסגע׳גַנב׳עט דעם גאָלדענעם „מִזְבֵּחַ“, וואָס דערויף האָט מען מַקְטִיר געווען קְטוֹרֶת, (קְטוֹרֶת איז אַ קָרְבָּן פון פאַרשידענע בְּשָׂמִים און געווירצן, וואָס מען האָט געדעמפּט אין בֵּית הַמִקדש צוויי מאָל יעדן טאָג, צופרי און פאַרנאַכט.) דעם „שֻׁלְחָן“, (דעם גאָלדענעם טיש אויף וואָס דער לֶחֶם הַפָּנִים איז געשטאַנען אַ גאַנצע וואָך פון איין שַׁבָּת ביז צום אַנדערן, און האָט זיך געהאַלטן פרישערהייט, וואַרעם, די גאַנצע צייט ביז צום אַראָפּנעמען,) און די גאָלדענע שיסלען, בעקן, לעפלען, א.א.וו.

אויך דאָס גאָלד און זילבער וואָס קעניגן פון פרעמדע פעלקער האָבן

מנדב געווען, געשענקט, צו באַשיינען דאָס בּית הַמִקדש, האָט ער אַוועקגערויבט, און אַלע צירונגען וואָס האָבן באַצירט דאָס בּית הַמִקדש האָט ער אַראָפּגעשניטן און גענומען מיט זיך.

אַרויסקומענדיג האָט ער גערעדט מיט חוצפּה, „קוקט נאָר, איך טו מיט דעם בּית הַמִקדש וואָס איך וויל, און קיינער שטערט מיך נישט".

ווייניג האָט אָבער אַנטיוכוס געוואוסט אַז דאָס וואָס השי"ת האָט אים נישט געשטערט פון אויסצופירן זיין רְשעות אויף די אידן, איז נאָר געקומען אַלס שטראָף אויף זיי דערפאַר ווייל זיי האָבן געזינדיגט אין בּית הַמִקדש דערמיט וואָס אַ גרויסער טייל פון די כֹּהֲנים האָבן גרינגגעשעצט די הייליגע עֲבודה. זיי זענען געגאַנגען אין יאַסון׳ס גימנאַזיום שפּילן און פאַרוויילן. ווען נישט דאָס וואָלט ער באַקומען זיין שטראָף אויפ׳ן פּלאַץ אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט צו די אַנדערע ווען זיי האָבן געטשעפּעט דאָס הייליגע הויז פון השי"ת.

כְּדֵי צו פאַרדעקן זיין נידערטרעכטיגע לוסט צו רויבן, וואָס אפילו גוֹים האָבן פאַרדאַמט דעם באַרבאַרישן טאַט פון באַ׳גַנב׳ענען דעם בּית הַמִקדש האָט אַנטיוכוס אויסגעטראַכט אַזאַ מַעֲשֶׂה:

„ער האָט געפונען אין קוֹדֶש הַקָדָשִים אַ געבינדענעם יְוָנִי וועלכן די אידן האָבן געפיטערט מיט אַלע גוטע שפּייזן". לויט זיין אויסטראַכטונג, האָט דער צוגעבינדענער געזאָלט דערציילן מיט „טרערן" אין די אויגן, „אַז די אידן האָבן אים געכאַפּט ווען ער איז אַדורכגעפאָרן אֶרץ יִשְׂרָאֵל געשעפטליך און זיי גרייטן זיך אים צו שֶחט׳ן און שפּריצן זיין בלוט אויפ׳ן מִזְבֵּחַ, אַזוי ווי עס איז זייער מִנְהָג יעדעס יאָר".

דאָס איז געווען דער ערשטער „עֲלִילַת דָם" — בּלוט בִּלבּול — אין די געשיכטע וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף אידן. שפּעטער האָבן אויך אַלע אַנטיסעמיטן זיך באַנוצט מיט דעם זעלבן בלבול צו עררייכן זייערע טונקעלע פּלאַנען פון רְצִיחָה און רויב א.ד.ג. זיי האָבן באַשולדיגט אידן אַז זיי מישן אַריין קריסטליך בלוט אין זייערע מַצות*) און זיי האָבן געפּייניגט די באַשולדיגטע מיט אומדערטרעגליכע יְסוּרִים אַז זיי זאָלן זיך מוֹדה זיין. ווען אַלע יַמ׳ען זאָלן ווערן טינט, אַלע צווייגן פון דיביימער שרייב־פעדערס, און אַלע מענטשן שרייבערס, איז אויך שווער צו באַשרייבן וויפיל

---

*) ווי למשל איינס דערפון באַקאַנט מיטן נאָמען „דער בלוט בלבול פון טיסא עסלאַר" איז פאָרגעקומען אין אונגאַרן אין יאָר ה׳ תרמ"ב.

אידיש בלוט עס איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן דורך אַזעלכע בְּלִבּוּלִים, אין פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט אין די אַלע גָלוּת יאָרן. נאָר איין באַשעפער ווייס דעם חֶשבון און וועט מאָנען דין וְחֶשְׁבּוֹן דערפאַר ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען.

## קאפיטל ז׳

# פִּילִיפּוּס, מִתְיַוְונִים, האַנט ביי האַנט

איידער אַנְטִיוֹכוּס האָט פאַרלאָזט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָט ער איבערגעלאָזט דאָרט אַ פאַרטרעטער זיין מיניסטער, פִּילִיפּוּס, וואָס איז געווען נאָך אַ גרעסערער רָשָׁע און אַכְזָר פון אים, ער זאָל האַלטן אָרדענונג.

אָפיציעל האָט אַנְטִיוֹכוּס נאָך נישט געהייסן שטערן די ערליכע אידן פון צו טאָן מִצְוֹת. ער האָט געזאָגט אַז זיין מִלְחָמָה איז געווען נאָר קעגן די וואָס האָבן מורד געווען אַקעגן אים, אָבער שטילערהייט האָט ער יאָ געהייסן פִּילִיפּוּס׳ן שטיין צו הילף צו מִיְנֶעלֶעאוּס צוזאַמען מיט די מִתְיַוְונִים, אויסצופירן זייער ציל איבערצודרייען דאָס אידישע פאָלק צו אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער גלייך, און זיי אַוועקרייסן פון די תּוֹרָה.

דערווייל, טראָץ די אַלע צָרוֹת און שוועריגקייטן האָט מען געמאַכט נייע כֵּלִים און די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז ווייטער אָנגעגאַנגען געהעריג מיט אַלע איינצלהייטן.

סיסטעמאַטיש האָבן פִּילִיפּוּס מיט די מִתְיַוְונִים פּלאַנירט און אויסגעאַרבעט וועגן, ווי אַזוי אַראָפּצופירן די אידן פון ריכטיגן וועג און שטערן די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, ווייסנדיג אַז נאָר זיי, די „מִתְיַוְונִים״, די פאַרדאָרבענע אידן, וועלן וויסן צו זאָגן פאַר אים וואָס צו טאָן.

צו ערשט האָבן זיי זיך פאַרלייגט אויף די מִצְוֹת וואָס אידן טוען מיט גרויס שִׂמְחָה, ווייסנדיג אַז וואָס ווייניגער עס וועט זיין שִׂמְחָה, פרייד, גוטמוטיגקייט ביי אידן, אַלץ גרינגער וועט זיין זיי אָפּצורייסן פון זייער אַחדות און צוגעבינדנקייט צו די הייליגע תּוֹרה, און מיט די צייט וועט מען זיי ח״ו קענען איינגאַנצן אויס׳שמַד׳ן ר״ל.

אָנגעהויבן האָבן זיי ביי די מִצְוֹת פון ברענגען בִּכּוּרִים, און עֲצֵי הַמַּעֲרָכָה, האָלץ צום פייער פון מִזְבֵּחַ.

די צווייי מִצְוֹת זענען געווען אויסגעצייכנטע וואָס אידן האָבן געטאָן מיט



גרויס פּאַראַד, פריילין מיט מוזיק און טענץ, געזינגען און געטאַנצט אויף די וועגן. וואָס האָט אָפּגעקלינגען פיל מיילן אַרום און אַרום.

## קאפיטל ח׳
## בכּוּרים *)

כּדֵי צו באַקומען אַ קלאָר בילד ווי אַזוי אידן פלעגן צו ברענגען בִּכּוּרים צום בֵּית הַמִקדש, ווילן מיר פריער באַשרייבן עטליכע איינצלהייטן, ווי אַזוי די עֲבוֹדָה, אין בֵּית הַמִקדש איז אָנגעגאַנגען.

*) ווען השי״ת העלפט אַ איד און ער האַלט שוין ביים שניידן די פּירות, דעמאָלס אין די צייט פון זיין פרייד דאַרף ער געדענקען אַז אַלע בְּרָכות און אַלעס גוטס קומט נאָר פון השי״ת.

וועגן דעם הייסט די הייליגע תורה ברענגען צום בית הַמִקְדש „בִּכּוּרים״ וואָס דאָס מיינט די „ערשטלינגען״.

בִּכּוּרים איז די ערשט געצייטיגטע פֵּירות פון די זיבן סאָרטן פֵּירות וואָס אֶרץ יִשְׂרָאל איז געבענטשט געוואָרן מיט זיי. (שבעת המינים): חִטה (ווייץ) שְׂעוֹרה (גערשטן) גֶפֶן (טרויבן)

אַלע כֹּהֲנִים און לְוִיִים פון גאַנץ אֶרץ יִשְׂרָאֵל זענען געווען צעטיילט אויף כ״ד (24) מִשְׁמוֹרוֹת. יעדער מִשְׁמָר איז געווען צעטיילט אויף זעקס בָּתֵּי אָבוֹת דאָס מיינט זעקס מִשְׁפָּחוֹת.

יעדער מִשְׁמָר האָט געדינט, געטאָן די הייליגע עֲבוֹדָה, אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איין וואָך. יעדער בֵּית אָב האָט געדינט אַן אַנדערן טאָג פון די וואָך. שַׁבָּת האָבן אַלע זעקס צוזאַמען געדינט, די גאַנצע מִשְׁמוֹרָה אינאיינעם.

די כֹּהֲנִים האָבן געטאָן די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מַקְרִיב געווען קָרְבָּנוֹת, א.ד.ג.

די לְוִיִים האָבן געזינגען ביי די עֲבוֹדָה, געהיטן, און פאַרמאַכט די טויערן א.א.וו.

די יִשְׂרְאֵלִים זענען אויך געווען צעטיילט אויף 24 מַעֲמָדוֹת, גרופּעס. יעדער מַעֲמָד האָט געהאַט אַ הויפּט. יעדער מַעֲמָד האָט געשיקט שְׁלוּחִים וואָס זאָלן וואוינען אין ירושלים. אויף יעדע וואָך איז געווען איינגעטיילט אַן אַנדערער מַעֲמָד.

די וואָך וואָס עס איז געווען די רייע פון אַ מַעֲמָד זענען זיינע שְׁלוּחִים געשטאַנען ביים מַקְרִיב זיין דעם קָרְבָּן תָּמִיד. זיי האָבן דורך דעם פאַרטרעטן דעם גאַנצן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דאָס מיינט אַז עס איז געווען גערעכנט ווי אַלע אידן וואָלטן געשטאַנען ביים מקריב זיין דעם קרבן. ווייל דער דין איז אַז ווען איינער איז מַקְרִיב אַ קָרְבָּן דאַרף ער שטיין דערביי אין דער צייט וואָס מען איז עס מַקְרִיב. וואָלטן דאָך אַלע אידן געדאַרפט זיין יעדן טאָג אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און שטיין ביים מַקְרִיב זיין דעם קָרְבָּן תָּמִיד, וואָס דאָס איז דער קָרְבָּן פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דערפאַר זענען די שְׁלוּחִים דאָרט געשטאַנען אַנשטאָט אַלע אידן.

---

תְּאֵנָה (פייגן) רִמּוֹן (מילגרוים) זַיִת (איילבירטן) תְּמָרִים (טייטלען).

ווען אַ מענטש זעט אַז די ערשטע פּרי פון בוים איז שוין אַרויסגעוואַקסן בינדט ער דאָס אַרום מיט אַ גראָזל, פאַר אַ סִימָן אַז די פּרי איז בִּכּוּרִים, און שפּעטער ווען אַלע פּירות ווערן געצייטיגט ברענגט ער די בִּכּוּרִים אַרויף קיין יְרוּשָׁלַיִם.

אין בית הַמִּקְדָּשׁ זאָגט ער הויך די פּרשה פון אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי (דברים כ״ו, ה׳) ווי ער רעכנט דאָרט אויס די טובות וואָס השי״ת האָט אַלץ געטאָן פאַר אונז אידן. ביז ער קומט אָן צו די טובה וואָס השי״ת האָט אים באַשאָנקען צו געניסן פון די פיינע פֵּירות און ער דאַנקט שטאַרק השי״ת פאַר דעם.

דערנאָך גיט ער די פּירות פאַר די כֹּהֲנִים וואָס טוען דאַן די עֲבוֹדָה.

(ספר החינוך מצוה צ״א ותר״ו, רש״י פ׳ כי תבא)



# קָרְבַּן תָּמִיד

די איבריגע פונעם מַעֲמָד וואָס זענען געבליבן אינדערהיים זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון די אַרומיגע שטעטלעך צו די שטאָט פון דעם הויפּט און דאָרט פאַרברענגט מיט תְּפִלָּה און תַּחֲנוּנִים פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אויך האָבן זיי געפאַסט פיר טעג פון דער וואָך.

מאָנטאג: האָבן זיי געבעטן פאַר די וואָס פאָרן אויפ׳ן יַם,



יַם



# מִדְבָּר

דינסטאג: האָבן זיי געבעטן פאַר די וואָס פאָרן אין דער מִדבר.

מיטוואָך: האָבן זיי געבעטן אַז די האַלז קראַנקהייט אַסְכְּרא זאָל חָלִילה נישט זיין ביי די קינדער.

דאָנערשטאָג: האָבן זיי געבעטן אַז אידישע מאַמעס מיט זייערע קינדערלעך זאָלן זיין געזונט און שטאַרק, און זאָלן האָבן גענוג מילך צו געבן פאַר די קינדער.

אויך האָט מען יעדן טאָג געליינט פון פַּרְשת בְּרֵאשִׁית, וואָס השי״ת האָט באַשאַפן אין יענעם טאָג, צו ווייזן אַז די וועלט שטייט אין זְכוּת פון די עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש*).

*) היינט האָבן מיר אַנשטאַט דעם די עֲבוֹדה פון דאַוונען.



# בִּכּוּרִים

השי״ת האָט געגעבן פאַר אונז אידישע קינדער די מִצְוָה פון בִּכּוּרִים: די ערשטע פרוכטן וואָס באַווייזן זיך אין פעלד, האָט מען געמוזט אַרויפטראָגן אין בֵּית הַמִקְדָשׁ צו טאָן די באַשטימטע עֲבוֹדָה דערמיט, און דערנאָך עס געבן פאַר די כֹּהֲנִים.

אַלע וואָס האָבן געהאַט בִּכּוּרִים פון די שטעטלעך פון דעם מַעֲמָד זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו די שטאָט פון הויפּט פון מַעֲמָד.

רייכע האָבן אַריינגעלייגט די בִּכּוּרִים אין גאָלדענע אָדער זילבערנע קערב, און אָרעמעלייט אין קערב וועלכע זענען געווען זייער שיין געפלאָכטן פון די צווייגן פון עֲרָבָה ביימער.

די וואָס האָבן געוואוינט נאָענט צו די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם האָבן געברענגט פרישע פייכטע פֵּירוֹת. די וואָס האָבן געוואוינט ווייט און האָבן מוֹרא געהאַט אַז אויפ׳ן וועג זאָלן די פֵּירוֹת נישט פאַרדאָרבן ווערן, האָבן זיי עס געברענגט אויסגעטריקנטערהייט, ווי ראָזשינקעס און טריקענע פייגן.

צו די זייטן פון די קערבלעך האָט מען צוגעבינדן טויבעלעך, וואָס מען האָט שפּעטער מַקְרִיב געווען אין בֵּית הַמִקְדָשׁ אויפ׳ן מִזְבֵּחַ פאַר אַ קָרְבָּן עוֹלָה.

אויך האָט מען אָנגעגרייט אַן אָקס און באַצירט זיינע הערנער מיט גאָלד,



# שְׁלָמִים

און צווישן די הערנער האָט מען געשטעלט אַ שיינעם געפלאָכטענעם קרוין, געמאַכט פון הערליכע בלעטער, פון איילבירטן בוים, ווייל זיי בלייבן אַ לאַנגע צייט פריש. דעם אָקס האָט מען אויך מַקריב געווען אין יְרוּשָׁלַיִם פאַר אַ קָרְבַּן שְׁלָמִים.

אין די שטאָט פון דעם הויפּט פונעם מַעמד האָט יעדער גענעכטיגט אין די גאַס אונטערן פרייען הימל, ווייל אין אֶרץ יִשׂרָאל רעגנט קיינמאָל נישט זומער.

פאַרטאָגס האָט דער הויפּט זיי אויפגעוועקט אויסרופנדיג מיט אַ מעכטיגע שטימע דעם פָּסוק פון ירמי׳ (ל״א) „קוּמוּ וְנַעֲלֶה צִיּוֹן אֶל בֵּית ה׳ אֱלֹקֵינוּ״ „שטייט אויף אידישע קינדער, לאָמיר אַרויפגיין קיין יְרוּשָׁלַיִם צום בֵּית הַמִקדש צום הויז פון אונזער באַשעפער״.

נאָכ׳ן דאַווענען האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט מיט אַ סֵדר.

צוערשט איז געגאַנגען דער אויסגעצירטער אָקס, נאָך אים די שפּילערס מיט כְּלֵי זֶמר און מוזיקאַלישע פייפערס, און הינטער זיי, אַלע וואָס זענען אַרויף קיין יְרוּשָׁלַיִם.

גייענדיג אויפ׳ן וועג האָבן די שפּילערס נישט אויפגעהערט צו שפּילן, און אַלע האָבן געזינגען מיט פרייד דעם פָּסוק אין תְּהִלִּים (קכ״ב) „שָׂמַחְתִּי בְּאוֹמְרִים לִי בֵּית ה׳ נֵלֵךְ — איך פריי מיך אַז מיר גייען צום הויז פון השי״ת״. מען האָט די פריילִיכע געזאַנגען געהערט גאָר ווייט אַרום און אַרום.

אָנקומענדיג נאָנט צו יְרוּשָׁלַיִם, האָבן זיי געשיקט אַ שָׁלִיחַ צו לאָזן וויסן אַז זיי קומען מיט בִּכּוּרִים. וואַרטנדיג, האָבן זיי אַראָפּגענומען די בִּכּוּרִים פון די אייזלען, און שיין באַצירט די קערב מיט שיינע פרישע פייכטע פֵּירוֹת.

דערווייל זענען אָנגעקומען די זְקֵנִים, די אָנפירערס, חשוב׳ע הערן און אָנגעזעענע מענטשן פון די כֹּהֲנִים און לְוִיִּים צו ענטפאַנגען די בִּכּוּרִים ברענגער.

לויט וויפיל בִּכּוּרִים ברענגער עס זענען אָנגעקומען, אַזויפיל הערן, זְקֵנִים, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, און ערליכע אידן פון די כֹּהֲנִים און לְוִיִּים זענען אַנטקעגן געקומען.

ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָבן די בִּכּוּרִים ברענגער, גענומען די קערב אין דער האַנט, פאַר גרויס חֲשִׁיבוּת און ליבשאַפט, מְקַיים צו זיין די מצוות פון השי״ת. דער גאַנצער פאַראַד האָט אַריינמאַרשירט מיט געזאַנג קיין יְרוּשָׁלַיִם. די שפּילערס האָבן ווייטער פלייסיג געשפּילט און יעדער האָט מיט גרויס הִתְלַהֲבוּת און ברען פייערדיג געזינגען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פאַר השי״ת וואָס האָט זיי געגעבן די גוטע פירות.

ווען זיי האָבן ענדליך דערגרייכט יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ האָט יעדער געזאָגט „עוֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלָיִם״ (תהלים קכ״ב) „אונזערע פיס שטייען שוין צווישן די טויערן פון ירושלים״.

דורך די גאַסן וואו דער קאַראַוואַן איז אַדורכגעגאַנגען, האָבן אַלע אַרבייטער און געשעפטסלייט אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט און זיך אויפגעשטעלט פאַר די בִּכּוּרִים־ברענגער*). יעדער האָט זיי שיין באַגריסט,

---

*) די הייליגע חֲכָמִים זאָגן חֲבִיבָה מִצְוָה בְּשַׁעְתָּהּ. אַ מצוה איז זייער חָשׁוּב אַז מען טוט דאָס אין די ריכטיגע צייט אָן קיין שפּעטיגונג, אָן קיין אָפּשטופּונג. ווייל די הֲלָכָה איז אַז

# עוֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלָיִם



זיך נאָכגעפרעגט ווי אַזוי איז אַדורך דער וועג א.ד.ג.

אַזוי גייענדיג איז די שִׂמְחָה אַלץ געשטיגן און געוואַקסן ביז זיי זענען אָנגעקומען צום הַר הַבַּיִת, דער באַרג אויף וועלכן דאָס הייליגע בֵּית הַמִקדש איז געשטאַנען. דאָרט האָבן די בִּכּוּרים ברענגער אַרויף געלייגט די קערב אויף זייער פּלייצע, צו ווייזן נאָך אַ גרעסער חֲשִׁיבות און ליבשאַפט פאַר דער מצוה. אפילו דער קעניג פון די אידן האָט אויך געלייגט דעם קאָרב בִּכּוּרים אויף זיין פּלייצע און אַליין אַרויף געטראָגן צום בית המקדש. דאָרט האָט מען אָנגעהויבן זינגען הַלְלוּיָ־ה הַלְלוּ אֵ־ל בְּקָדְשׁוֹ (תהלים ק״נ) ביז מען איז אָנגעקומען צו די עֲזָרה, דער פאָר־הויף פון בֵּית הַמִקדש.

דאָרט האָט מען געענדיגט דאָס קאַפּיטל מיט די ווערטער כֹּל הַנְשָׁמָה תְּהַלֵל יָ־ה הַלְלוּיָ־ה.

---

אינמיטן אַן אַרבעט דאַרף מען זיך נישט אויפשטעלן פאַר אַן עלטערן מענטש אָדער פאַר אַ תַּלמיד חָכם, כּדי מען זאָל נישט געשטערט זיין פון די אַרבעט, און מְבַטל זיין פון די צייט וואָס דער בּעל הבית צאָלט דערויף. אָבער פאַר די בִּכּוּרים ברענגערס אין זייער פּינקטליכער צייט, האָבן זיך יאָ אויפגעשטעלט אַלע אַרבייטערס אין יְרוּשָׁלַיִם, צו ווייזן דאָס חשיבות פון אַ מצוה וואָס אַ איד איז מְקַיים אין די פּינקטליכע און ריכטיגע צייט.

ווען מען איז אָגעקומען צו דער עֲזָרה האָבן די לְוִיִם אָנגעהויבן צו זינגען „אֲרוֹמִמְךָ ה׳ כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אוֹיְבַי לִי (תהלים ל׳), איך טו דערהייבן און לויבן דיך הייליגער באַשעפער, וואָס דו האָסט מיך דערהויבן, און דו האָסט נישט דערפרייט מיינע פיינט אויף מיר.

ווייטער האָט מען אויסגעפירט די מִצְוָה לויט די הֲלָכוֹת פון בִּכּוּרִים, און מען האָט געזאָגט די לויב ווערטער פאַר השי״ת, זיך באַדאַנקט פאַר די גוטע פֵּירות, און געלויבט השי״ת אויף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואָס ער האָט געגעבן פאַר אידן. מען האָט אַוועקגעשטעלט די פרוכט נעבן מִזְבֵּחַ, און מען האָט מַקְרִיב געווען קָרְבָּנוֹת, א.א.וו.

וואויל פאַר די אויגן וואָס האָבן זוֹכֶה געווען צו זען די אומגעהויער גרויסע שִׂמְחָה.

פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ איבערלעבעניש האָט אַריינגעברענגט אַ גרויס פרייד פון קְדוּשָׁה, און אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום הייליגן באַשעפער, אַ באַגער זיך שטאַרקער צו באַהעפטן צו זיין הייליגע תּוֹרָה, זיך צו שטאַרקן צו היטן די מִצְוֹת, און צו פאַרמערן מַעֲשִׂים טוֹבִים צְדָקָה וָחֶסֶד. דאָס ברענגען בִּכּוּרִים האָט געמוטיגט און געשטאַרקט, אָנגעצינדן אַ פלאַם פון הייליגן פייער, אין די הערצער פון אַלע מיטהאַלטער.

אויסער דעם האָט דאָס אַרויפגיין אויף יְרוּשָׁלַיִם אַליין געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַלע אידן, ווייל אַ גאַנץ יאָר זייענדיג ביי זיך אינדערהיים איז מען געווען פאַרנומען מיט די פַּרְנָסָה, וואָס דערמיט האָט מען פאַרברענגט פיל צייט פונעם טאָג.

יעצט אָבער אַז מען האָט געוואוסט אַז באַלד, באַלד קומט די צייט וואָס מען וועט אַרויפגיין קיין יְרוּשָׁלַיִם, און מען וועט זיך דאָרט דאַרפן ווייזן פאַר השי״ת אין זיין הייליגן הויז, אויפ׳ן הייליגסטן אָרט פון די גאַנצע וועלט וואו השי״ת מאַכט רוען זיין שְׁכִינָה צווישן אידן, האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן צו צוגרייטן דערויף פון פריער. גאַנצע וואָכן און חֳדָשִׁים האָט מען נישט פאַרגעסן דערפון. אַ גאַנצן טאָג, אויך זייענדיג באַשעפטיגט מיט די אייגענע זאַכן האָט מען אינזינען געהאַט אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן אַרויפצוגיין קיין יְרוּשָׁלַיִם. וואָס פאַר אַ פָּנִים וועט מען דאָרט האָבן אָנקומענדיג ליידיג פון תּוֹרָה, מִצְוֹת, און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

ווען מען האָט זיך שוין צו מַזל אַרויסגעלאָזט אין וועג איז מען ערשט געווען פול מיט דערהויבנקייט און הִתעוֹררות אויף תּשובה, און אֶמת׳דיג חֲרָטה אויפ׳ן פאַרגאַנגענהייט. מען האָט זיך פאַרגענומען מיט אַ פעסטן אָפּמאַך צו זיין מער באַהאָפטן צו די תּורה הַקדושה מיט אירע מִצוות, אַלעמאָל כאָטש וואו מען איז, און וואָס מען טוט.

פיל מער איז אָבער דער מענטש נִתעורר געוואָרן אָנקומענדיג קיין יְרוּשָׁלַיִם צום הַר הַבַּיִת, צו די עֲזָרה דער הויף פון בֵּית הַמִקדש, און צום בֵּית הַמִקדש אַליין צום הויז פון השי״ת.

אַ הייליגער ציטער האָט אַרומגענומען זעענדיג דאָרט די נאָענטע צו השי״ת, די הייליגע און דערהויבענע אידן וואָס זענען אויך אַ גאַנץ יאָר אויסגעטאָן פון אַלע גַשְמִיוּת׳דיגע אַרבעט. דאָ האָט מען באַגעגנט „כֹּהֲנים״ וואָס טוען די הייליגע עֲבודה אין בֵּית הַמִקדש. דאָ האָט מען געזען די „לְוִיִם״ וואָס זינגען זייערע האַרציגע און הייליגע הִתְעוֹררות נִיגוּנים פאַר השי״ת וואָס דאָס האַרץ האָט געקענט צוגיין אויסהערנדיג*). אויך האָט מען באַגעגנט דאָרט די „יִשְׂרְאֵלים״ וואָס זענען געווען יעצט די אַנְשֵי מַעֲמָד ווי זיי טוען זייער אויפגאַבע מיט גרויס קְדושה און דערהויבנקייט, אין שליחות פון גאַנצן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. מען האָט געזען אֶמת׳דיגע ערליכע אידן אֶמת׳דיג דינען דעם באַשעפער.

אין „לִשְׁכַּת הַגָזִית״ אַ גרויסע שטוב, אַ בֵּית הַמדרש אין די עֲזָרה, האָט מען געזען ווי די צוויי און זיבעציג „סַנְהֶדְרִין״ צַדיקים, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, און גרעסטע חֲכָמִים פון דור, זיצן און לערנען די הייליגע תּורה מיט אמת׳דיגע עֲנָוה און צעבראכנקייט, פול מיט יִראת שָׁמַיִם, און אֶמת׳דיגע מוֹרא פאַר

*) דורך די הייליגע הִתעוֹררות נִיגוּנים זענען אָן אַ שיעור אידן נִתעוֹרר געוואָרן תשובה צו טאָן. ווען איינער איז געקומען מַקְרִיב זיין אַ קָרבן אויף אַ חטא, האָט דער כֹהן אים געפרעגט פאַר וועלכן חטא ער ברענגט עס. פלעגט דער מענטש מיט טרויער דערציילן אין וואָס פאַר אַן עֲבירה ער איז נִכשל געוואָרן. דערהערנדיג די עֲבירה האָט דער כֹּהן געשריגן „אוי וויי, ווי אַזוי האָסטו געקענט טאָן אַזאַ עבירה פאַר השי״ת״, און ער האָט דערוועקט דעם מענטש מיט מוסר. אין די זעלבע צייט האָבן די לְוִיִם אָנגעפאַנגען צו זינגען האַרציגע נִיגוּנים, וועלכע האָבן צוגעברענגט דעם מענטש ערליך תּשובה צו טאָן מיטן גאַנצן האַרצן, און זיי פלעגן זיך מיט גרויס געוויין מִתוַדֶה זיין. דאַן פלעגן די לְוִיִם צוריק זינגען אַ פריילִיכן נִיגון אים צו דערפרייען.



# עֲצֵי מַעֲרָכָה

השי״ת*).

אָט דאָס אַלעס האָט אַריינגעברענגט געווג ברען און חִיזוק אין ערליכע אידישע הערצער עס זאָל זיי וואַרעמען און שטאַרקן צו שְׁמִירת תּוֹרה וּמִצוות און ערליכקייט, צו אֶמת׳דיג יִראַת שָׁמַים, אויף די גאַנצע צייט וואָס זיי וועלן זיין צוריק אינדערהיים.

און צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען יעצט די גרויסע שִׂמְחה פון בִּכּוּרים.

אָט דאָס אַלעס איז געוועזן ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די יְוָונים, און זייערע אָנהענגערס די מִתיַוונים.

* * *

אויך די מִצְוה פון ברענגען עֲצֵי הַמַעֲרָכה, האָלץ צו מאַכן אַ פייער אויפ׳ן מִזְבֵּחַ, איז געווען אַ שִׂמְחה, ביי אידן.

ווען מען האָט אויפגעבויט דאָס צווייטע בֵּית הַמִקְדָשׁ איז נישט געווען

*) די הייליגע חֲכָמים רופן אָן יְרוּשָׁלַים קִריָה נֶאֱמָנה, די באַגלייבטע שטאָט, אַ שטאָט וואָס איז געווען באַגלייבט, פאַרזיכערט, קעגן רויבערס, קעגן אָנפאַלערס, קעגן גַנָבים און גַזלָנים. אָט די סַנהֶדרין, וואָס זענען געזעסן אין לִשכּת הַגָזית, האָבן געשטעלט ערליכע


הצדק
לינת

געגוג האָלץ אין קאַמער פון בֵּית הַמִקְדָשׁ, ווייל מען האָט געמוזט האָבן ספּעציעל האָלץ אָן ווערעם, האָבן ניין מִשְׁפָּחוֹת געשענקט האָלץ פון זייער אייגן פאַרמעגן צום מִזְבֵּחַ.

אַנטציקט פון זייער געטריישאַפט, האָבן די נְבִיאִים פון זייער דור איינגעפירט ניין צייטן אין יאָר וואָס די מִשְׁפָּחוֹת זאָלן ברענגען האָלץ צום מִזְבֵּחַ; און אפילו די קאַמער, דער אוצר פון האָלץ, וועט פול זיין וועט מען אויך נעמען פון זיי דאָס האָלץ.

דעם טאָג וואָס מען האָט געברענגט דאָס האָלץ איז ביי די משפחה געווען אַ יום טוב.

---

פּאָליציי, ערליכע באַגלייבטע היטערס צו היטן, אידישע קינדער, אידישע פאַרמעגנס, און אידישע הייזער, און ערליך צו שיצן די ערליכע איינוואוינערס פון שטאָט און פון גאַנץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קעגן „אום ערליכע" אָנפאַלערס. און בעיקר האָבן זיי געשטעלט ערליכע באַגלייבטע שופטים, ריכטערס, וואָס האָבן נישט מורא פאַר קיינעם נאָר פאַר השי"ת, אֶמת'ע יִרְאֵי הַשֵּׁם, ערליך צו מִשְׁפּט'ן גַנָבִים און רויבערס לויט זייער „ערליכע" פאַרדינטע שטראָף.

אויך ווערט געזאָגט אויף די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם צֶדֶק יָלִין בָּהּ, גערעכטיגקייט האָט דאָרט געגעכטיגט, געהערשט. אָט די סַנְהֶדְרִין, צדיקים, די געטרייע מַנְהִיגִים, די חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, האָבן אינזינען געהאַט די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד, אידן זאָלן זיך פירן לויט די געזעצן פון די תּוֹרָה, נישט טאָן קיין אומרעכט, נישט טאָן קיין עֲבֵירוֹת, נישט טאָן קיין שום זאַך וואָס אַ איד טאָר נישט טאָן. זיי האָבן געהאַט אַן אֶמֶת'ע הַשְׁגָחָה אויף אַלע איינוואוינערס פון די שטאָט, און פון גאַנצן לאַנד. אַלעס איז געקומען פון יְרוּשָׁלַיִם. נישט בְּחִנָם, נישט אומזיסט, האָבן אידן מִשְׁתּוֹקֵק געווען, געגלוסט, צו זעהן די שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, די הייליגע, ערליכע, באַגלייבטע שטאָט פול מיט גערעכטיגקייט.

## קאפיטל ט׳

# די ערליכע גַנָבִים

אָט די געהויבענע יָמִים טוֹבִים האָבן די רְשָׁעִים געוואָלט מְבַטֵל זיין.

אין די צייטן, האָבן די יְוָונִים נאָך נישט געוואַגט אָפּצושטעלן די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

פונדעסטוועגן האָבן זיי געשטעלט זייערע שׁוֹמְרִים אויף די וועגן און באַפוילן אַז וועמען זיי וועלן טרעפן אַרויף גייענדיג קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט בִּכּוּרִים אָדער מיט עֲצֵי הַמַעֲרָכָה זאָל מען אים אָפּשטעלן און איינשפּאַרן.

זייער אויסרייד איז געווען אַז אַזוי ווי מען טראָגט אַרויף אויף יְרוּשָׁלַיִם

אַסאַך פּירות מיט אַסאַך האָלץ ווערן די פּרייזן פון די פּראָדוקטן אַרויף געשרויפט.

עס זענען אָבער געווען ערליכע אידן גאַנצע מִשפָּחות וואָס האָבן דאָס נישט געוואָלט אַריבערטראָגן.

האָבן זיי גענומען די בִּכּוּרים, אַריינגעשטעלט אין קערב און באַדעקט מיט טריקענע פייגן. אויך האָבן זיי גענומען אין די האַנט אַ שטייסל — דאָס איז אַ שווער שטיק האָלץ אָדער אייזן וואָס מען נוצט צום צעשטויסן דערמיט טריקענע פרוכט אין אַ מייזער (מַכְתֶּשֶׁת), און אַזוי האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט די בִּכּוּרים.

„וואו גייט איר?" האָבן די שׁוֹמְרִים זיי אָפּגעשטעלט.

„אַביסל ווייטער האָבן מיר אַ מייזער, און מיר ווילן דאָרט צעשטויסן די טריקענע פייגן מיט דעם". האָבן זיי געענטפערט, ווייזנדיג דעם שטייסל אין זייערע הענט.



„איר קענט גיין." איז געקומען דער ערלויבעניש פון די יְוָנִ'ישע פּאָליציי.

ווען זיי זענען לְשָׁלוֹם אַריבער אַלע פּאליציי מענטשן, האָבן זיי אַראָפּגענומען די טריקענע פייגן און באַצירט די קערב מיט פייכטע פרישע פֵּירות אַזוי ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטן, און אַרויפגעטראָגן צום בֵּית הַמִקדש.

פון דעמאָלס אָן האָט מען גערופן די מענטשן, „בְּנֵי גוֹנְבֵי עֱלִי" — די וואָס האָבן זיך אַוועקגע'גנב'עט פון די יְוָנִ'ישע פּאָליציי דורכ'ן שטייסל. („עלי" איז טייטש אַ שטייסל). עס איז געווען פאַר זיי אַ יִחוּס'דיגער טיטל, דער נאָמען האָט דערמאנט אַז די מִשְׁפָּחוֹת האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן מְקַיים צו זיין די תּוֹרה מיט אירע מִצְוֹת, אין די שווערסטע אומשטענדן.

עס זענען אויך געווען ערליכע אידן גאנצע מִשְׁפָּחוֹת וואָס האָבן אויסגעשפּילט די רְשָׁעִים, די יְוָנִים, און געברענגט האָלץ פאַר די עֲצֵי הַמַעֲרכה, אויף אַזאַ אופן:

זיי האָבן געמאַכט לייטערס און זיי געטראָגן אויף די אַקסלען.

ווען די פּאָליציי האָבן זיי אָפּגעשטעלט און געפרעגט, „וואו גייט איר"? האָבן זיי געענטפערט, „מיר גייען אַראָפּנעמען טויבן פון די שטייגן אויף די ביימער מיט די לייטערס".

„איר קענט גיין".



ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם האָבן זיי צענומען די לייטערס און געגעבן דאָס האָלץ צום מִזְבֵּחַ, אידן זאָלן קענען ווייטער מַקְרִיב זיין קָרְבָּנוֹת פאַר השי״ת.

זיי האָבן אויך באַקומען אַ רעכט צו ברענגען האָלץ פאַר די עֲצֵי הַמַּעֲרָכָה.

פון דעמאָלס האָט מען גערופן די מענטשן פון די מִשְׁפָּחוֹת: „בְּנֵי סוּלְמָאִי״ די לייטער טרעגער.

## קאפיטל י

## דאָס זעלבע חַזר׳ט זיך איבער

דאָ קענען מיר זען צו וואָס פאַר אַ נידריגע שטאַפּל עס קענען אַראָפּנידערן, אידן וואָס וואַרפן אַראָפּ פון זיך דעם עול תּורה, ווייל אַראָפּ טרייסלענדיג זיך פון די מצוות פון די הייליגע תורה, האָבן זיי אין די זעלבע צייט אויך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם געשטאַלט פון מענטש! אַנשטאַט דעם האָבן זיי באַקומען אַ צורה פון אַ בלוט־דורשטיג ווילד באַשעפעניש.

צוערשט האָבן זיי אנגעהויבן נאָר שטודירן די יְוָנִי׳ישע חָכמה, געבילדעט צו ווערן, און דערנאָך ענדערן דעם אידישן נאָמען ענדערן די אידישע שפּראַך מיטן אידישן טראַכט, גיין געקליידעט ווי די גויים. שפּעטער האָבן זיי אָנגעפאַנגען צו ענדערן דעם חִינוּך, וואָס דאָס איז דער יְסוֹד און דער צוקונפט פון ערליכע אידישע דורות. די הייליגע חֲכָמִים זאָגן: אִם אֵין גְּדָיִים אֵין תְּיָשִׁים (ויקרא רבה פי״א ז׳), אויב עס איז נישטאָ קיין קליינע שעפעלעך, איז דערנאָך שפּעטער נישטאָ קיין גרויסע שאָף. די מִתְיַוְּונִים האָבן גע׳טענה׳ט אַז מען טאָר נישט זיין אַזוי שטרענג, אַזוי איבערגעטריבן, אַזוי אַלטמאָדיש. מיר לעבן אין נייע צייטן האָבן זיי געזאָגט, דעריבער מוז מען כאָטש נאָר אַביסל זיך ענדערן*), עס האָט זיי פשוט געשטאָכן ווען זיי האָבן געזען ווי ערליכע אידן האַלטן זיך אַזוי עַקְשָׁנוּת׳דיג צו אַ מִצוה קַלה כְּבַחֲמוּרה, קליינע גרינגע מצוות אייניג מיט גרויסע און שווערע מִצוות, ווי אַזוי מען קלאַמערט זיך צו האַלטן אפילו אַ מִנהג יִשׂרָאֵל.

---

*) די גמרא זאגט (אין שבת קי״ט ע״ב) אויף דעם פסוק אַל תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי — אֵלוּ תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מען טאָר נישט צורירן צום חִינוּך מיט קיין שום מין ענדערונג נישט, דער חינוך פון אידישע קינדער איז דאָס חשוב׳סטע, דאָס טייערסטע, דאָס וויכטיגסטע ביי אידן. אין אַלע דורות האָבן זיך אידן מוסר נֶפש געווען נישט צו לאָזן ח״ו מאַכן די מינדעסטע ענדערונגען אין חִינוּך פון די קינדער.



# חָכְמַת יְוָנִית

נאָך שפּעטער האָבן זיי דאָס אַלעס געוואָלט אַרויף צווינגען אויף זייערע ברידער. און ווען עס האָט זיך זיי דאָס נישט איינגעגעבן, האָבן זיי זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון צו טאָן דאָס שענדליכסטע. גע׳מַסר׳ט און גערייצט די גויים, אונטער וועמענס יאָך אידן זענען געווען אין גָלות, זיי זאָלן הַרג׳ענען, שחט׳ן און פּייניגן זייערע אייגענע ברידער, ווי עס שטייט ווייטער באַשריבן.

זיי האָבן צוגעברענגט צו אַלע צָרות. און כְּסֵדר געהאָלפן דעם אַכזר אַנְטִיוֹכוס הָרָשָע מיט זיין גרויזאַמע אַרמעי, און זיינע ביטערע ברוטאַלע גְזֵירות. זיי זענען געקומען קודם מיט די טַענה אז זיי ווילן בלויז גוטס פאַרן פאָלק, פאַרגרינגערן זייער מַצב, מען זאָל זיין מער געבילדעט, כּדי צו פאַרבעסערן די פַּרנָסה, און אַביסל דערנענטערן זיך מיט די גוי׳אישע שְכֵנים, כדי זיי זאָלן נישט אַזוי פיינט האָבן דאָס אידישע פאָלק. אַזעלכע און ענליכע טענות האָבן זיי געהאַט די מִתיַוונִים. ביז שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן זייערע בייזע כַּוָנות, ח״ו איבערצוקערן דעם גאַנצן כּלַל יִשׂרָאל פאַר אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך, אַ פאָלק אָן תּורה אָן מִצוות, און צו דעם ציל האָבן זיי גענוצט די ברוטאַלסטע מיטלען, זיי האָבן זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון גאָרנישט.

צום באַדויערן, ליידער, האָט די געשיכטע זיך איבערגע׳חזר׳ט אין

אַלע דורות. די צְדוֹקִים, נוֹצְרִים, מְשׁוּמָדים, קְרָאִים, שַׁבְתִי צְבִי'ניקעס, פראַנקיסטן, רעפאָרמער, מַשׂכִּילִים אויפגעקלערטע, מעסיגע און פאָרגעשריטענע, נעאָלאָגן, וואָס האָבן אָפגעפרעמדעט און שפעטער אויך אָפגע'שמַד'ט אידן אין זייערע צייטן פון די תּורה הקדושה, און אין אונזער דור די צִיוֹנִי'סטן*).

---

*) די „צִיוֹנִיסטן", וואָס ווילן אויסרייסן די אֱמוּנה פון אידן דורך עוֹבר זיין אויף די דריי האַרבע שבוּעות וואָס השי"ת האָט באַשוואוירן אונז אידן נישט אַליין אַרויסצוגיין פון גָלוּת נאָר וואַרטן באֱמוּנה שְׁלֵימה אויף מָשִׁיח צִדקינו.

זיי האָבן שוין אויך אויסגע'שמד'ט אַנדער־האַלבן מיליאָן אידישע קינדער ר"ל און זיי אַוועקגעריסן פון אידישן וועג, זיי גיבן אַרויס שווערע ביטערע גזֵירות אויף די ערליכע אידן וואָס וואוינען אין אֶרץ ישראל און ווילן זיך האַלטן צו די תּורה הקדושה. אין די צווייטע וועלט מִלחָמה (תרצ"ט־תש"ה) האָבן זיי פיל גורם געווען צום גרויסן חורבן פון כּלַל ישׂרָאל, און גאָר צוגעהאָלפן פאַר היטלער יִמַח שמו, מיט זיינע ברוטאַלע אַרמעיען צום פאַרטיליגונג פון אידישע קינדער ווי עס ווערט געברענגט באַרִיכוּת אין ספר מִן הַמֵצר.

דערזייט דעמאָלס איז שוין פיל אידיש בלוט פאַרגאָסן געוואָרן דורך זייערע מִלחָמות און העצערייען קעגן די אומות הָעוֹלָם, ביז צום היינטיגן טאָג רייצן זיי אויף די גוים קעגן די אידישע איינוואוינערס, אידישע פרידליכע בירגערס, אין אַלע לענדער וואו אידן וואוינען, במנוּחה וְשַׁלוה מיט זייערע שכנים. זיי די צִיוֹניסטן ברענגען קִנאה שִׂנאה מיט אַנטיסעמיטיזם קעגן אידישע קינדער אין אֶרץ ישׂרָאל און אין גאָר דער וועלט, ה' יְרַחם.



פרק ב

# גְזֵירַת הַשְׁמַד

קאפיטל יא

## אַנְטִיוֹכוּס מאַכט זיך פאַר אַן אָפּגאָט

מיט דער צייט איז דאָס שטאָלצקייט פון אַנְטִיוֹכוּס'ן געוואַקסן. ער האָט זיך פאַנטאַזירט אַז ער האָט אַן איבערמענטשליכן כֹּח, פונקט ווי נִמְרוֹד, פַּרְעֹה, הָמָן, און אַנדערע רְשָׁעִים, און ער האָט זיך ערקלערט פאַר אַן אָפּגאָט.

„איך קען איבערדרייען דעם יַם צו טריקעניש און טריקעניש צו יַם," האָט ער זיך געריִמט.

עס איז אים נישט גענוג געווען אַז די פעלקער זענען אים געווען אונטערטעניג פיזיש, מיט צאָלן שטייערן א. ד.ג., ער האָט געוואָלט זיי זאָלן מְשׁוּעְבָּד זיין צו אים אויך גייסטיג, מען זאָל אים שטענדיג אינזין האָבן. יעדעס פאָלק זאָל איבערלאָזן זיין רעליגיע און אָננעמען די רעליגיע פון אַנְטִיוֹכוּס.

דערפאַר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ שטרענגען באַפעל. „אַלע פעלקער וואָס זענען אונטער מיין מְלוּכָה מוזן האָבן איין געזעץ און איין רעליגיע. זיי מוזן פאַרלאָזן זייערע פריערדיגע גלויבנס און קולטור און אונטערטעניגן זייער גאַנצן געדאַנקען־גאַנג צום קעניג."

אויך האָט ער געהייסן איבעראָל, אויף יעדן עפנטליכן אָרט וואו עס פאַרזאַמלען זיך מענטשן, אַרויסשטעלן זיין בילד, אַז מען זאָל אים שטענדיג זען און געדענקען.

פאַרשטייט זיך אז ביי די גוֹיִים האָט ער לייכט גע׳פועל׳ט. וואָס איז דען ביי זיי אַן אונטערשיד פון איין אָפּגאָט צום צווייטן? קיין איינער פון די אָפּגעטער הייסט זיי נישט פאַרמיידן פון זייערע גלוסטענישן, און אַלע האָבן פינקטליך און געענוי אַן איינציגן כּח. ווי דָוִד הַמֶלֶךְ זאָגט אין תהלים: פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ וגו׳״ זיי האָבן אַ מויל און רעדן נישט, אויגן און זעען נישט אויערן און הערן נישט.

אויך די מִתְיַוְונִים זענען געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געפאָלגט מיט פרייד. דאָס איז דאָך געווען זייער ציל, — צו זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, צו האָבן אַ נייעם קולטור, אַ נייע שפּראַך, נייע נעמען, אַ נייע תורה, און צום לעצט אויך אַ נייעם אָפּגאָט.

אָבער ביי די ערליכע אידן איז עס נישט געווען קיין שום סָפק קיין קלער צו פאַרבייטן אונזער אַלמעכטיגן הייליגן באַשעפער, מיט לְהַבדיל אַ שטיק קלאָץ, אָדער אַ שטערבליכן מענטש וואָס היינט איז ער דאָ און מאָרגן נישט! אפילו אין אַ בייזן חָלום קען אַזאַ געדאַנק נישט קומען פאַר אַ איד ח״ו, אויפצוטוישן אונזער לעבעדיגן גרויסן און שטאַרקן באַשעפער, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד מיט די גאַנצע וועלט.

דער זעלבער באַשעפער האָט מַציל געווען אברהם אבינו פון ברענענדיגן פייער אין קאַלעך אויוון.

דער זעלבער באַשעפער האָט אונז אַרויסגעצויגן פון מִצְרַיִם און געגעבן אַ תּוֹרַת חַיִים, אַ לעבעדיגע תּוֹרה.

דער זעלבער באַשעפער האָט אונז געגעבן מָן פון הימל אוּן וואַסער פון אַ שטיין, און געשיצט מיט וואָלקנס אין מִדְבּר פערציג יאָר.

דער זעלבער באַשעפער האָט אונז דורכגעפירט קוֹדם דעם יַם סוּף אוּן דערנאָך דעם יַרדן אין דער טריקעניש.

דער זעלבער באַשעפער האָט אונז אַריינגעפירט אויף אֶרץ יִשְׂרָאל מיט איבערנאַטורליכע נִיסים, וואָס די גאַנצע וועלט איז שטיין געבליבן און געשטוינט.

און דער זעלבער באַשעפער שפּייזט און גיט לעבן און געזונט, לופט צו

אָטעמען פאַר יעדן באַשעפעניש, בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה, יעדן טאָג און יעדע צייט און אין יעדע שָׁעה.

ווען אַנְטיוּכוס איז געוואָר געוואָרן דערפון אַז די ערליכע אידן ווילן זיך בשום אופן נישט בייגן צו אים האָט ער זיך מוֹרא׳דיג צעפלאַקערט.

צוויי יאָר נאָך זיין ערשטן איבערפאַל אויף יְרוּשָׁלַיִם אין דעם יאָר ג׳ אלפים תרי״ח (3618) האָט ער געשיקט זיין העֶר אֶפּילניוס מיט 22,000 סאָלדאַטן זיי זאָלן באַפאַלן יְרוּשָׁלַיִם און מיט געוואַלד אַרויפצווינגען אויף די אידן זיינע געזעצן.

אפּילניוס איז געקומען מיט אַ פרידליכן אָנשטעל קיין ירושלים. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן אַז ער וויל טאָן עפּעס בייז. די אידן האָבן זיך טאַקע נישט געראָכטן זיך אַקעגן צושטעלן, און אין דעם שבת טאָג, וואָס ער האָט זיך שוין געשפּירט פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט האָבן קיין ווידערשטאַנד, האָט ער באַפאַלן די אידן.

ער האָט צעשטערט די מויערן פון ירושלים, באַרויבט די שטאָט, צעוואָרפן די הייזער און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די באַפעלקערונג.

צווישן די אידן האָבן געלעבט אַ גוי׳אישע סעקטע וואָס מען האָט גערופן כּוּתִים. זיי האָבן געהיטן שַׁבּת, און עטליכע אַנדערע מִצְוות. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם טעמפּל, אויפ׳ן באַרג גְרִיזִים, וואו זיי האָבן מַקריב געווען



קָרבָּנות. זיי האָבן שטענדיג גע׳טענה׳ט אַז זיי זענען אֶמֶת׳דיגע אידן, און זיי שטאַמען פון דעם שבט אפרים. אָבער אידישע קינדער האָבן זיי דערווייטערט. זיי זענען געווען אַזוי ווי אַנדערע סעקטעס וועלכע היטן נישט די תּורה וּמִצוות בשלֵימות. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון מְגִילה ליינען, ליכט צינדן און די מִצְוות דְרַבָּנָן.

ווען די כּותִים האָבן געזען אַז אידן ליידן צָרות האָבן זיי באַפוילן צו אַנטִיוכוס׳ן: „מיר זענען נישט קיין אידן. מיר שטאַמען פון פָּרַס וּמָדַי, און דאָס וואָס מיר האַלטן שַבת איז נאָר צופעליג. אונזערע עלטערן האָבן דאָס איינגעפירט ווייל זיי האָבן געגלייבט אַז צו האַלטן רואיג דעם טאָג איז אַ סגולה אַז עס זאָלן נישט קומען קיין מַגֵיפות.״

אַזוי האָבן זיי מודה געווען אַז זיי שטאַמען נישט פון אידן*), און האָבן פאַרלאַנגט פון אַנטיוכוס, „ווען דו שטראָפסט די אידן, אַ ז ו י ו ו י ע ס ק ו מ ט זיי, זאָלסטו הייסן מען זאָל אונז נישט טשעפּען ווייל מיר ווען דיר געהאָרכזאַם זיין מיט אַלעם וואָס דו פאַרלאַנגסט. אונזער טעמפּל וואָס איז אויפ׳ן באַרג גריזים גיבן מיר שוין דעם נאָמען פון דיין רעליגיע.״

אַנטיוכוס האָט טאַקע באַפוילן זיינע אויפזעערס אַז זיי זאָלן נישט טשעפּען די כּותִים.

די יְוָונִים האָבן געוואָלט האָבן אַן אייגן פּלאַץ אין יְרוּשָלַים, האָבן זיי געבויט אַ הויכע פעסטונג נעבן בית הַמִקדש מיט׳ן נאָמען חַקְרא. זיי האָבן עס געבויט העכער פון בֵּית הַמִקדש כּדי אַראָפּצונידערן דאָס חַשִיבות פון בֵּית הַמִקדש.

אָט די פעסטונג איז געווען אַן אָרט וואו די יְוָונִים מיט די מִתְיַוְונִים און אַלע אויסוואורפן פון יְרוּשָלַים האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן. יעדער רָשע האָט דאָרט געהאַט אַן עִיר מִקְלָט, אַן אַנטרינונגס אָרט, וואו צו פאַרוויילן.

פון דאָרט האָבן זיי געלאָקערט און נאָכשפּיאָנירט אויף יעדן איד וואָס האָט געוואָלט גיין צום בֵּית הַמִקְדָש, זיך אויסגיסן זיין האַרץ צו השי״ת מיט אַ תְפִלה אָדער ברענגען אַ קָרְבן.

פיל יאָרן האָבן די ערליכע אידן געליטן פון אָט די „חַקְרא״ געביידע.

און ווען שמעון דער זון פון מַתִתְיָהוּ הַכֹּהן האָט עס צעשטערט כ״ג אייר,

*) שפּעטער ווען עס איז ווייטער געקומען גוטע צייטן אויף די אידן האָבן די כּותִיים אומפאַרשעמטערהייט ווייטער גע׳טענה׳ט אַז זיי זענען אידן...

אין יאָר ג׳ אלפים תרל״ד (3634) האָט מען באַשטימט דעם טאָג פאַר אַ יום טוב.

## קאפיטל יב
# דאָס האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן

אַנְטִיוֹכוּס אַליין איז דערנאָך אַרויפגעקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם אָנצופירן דעם קאַמף קעגן די תּוֹרָה, קעגן די אידן וואָס האַלטן זיך צו די תּוֹרָה און אירע מִצְווֹת, און אַקעגן השי״ת כביכול.

לויט די עצה פון אַ מְשׁוּמָד מיט׳ן נאָמען תְּתְנִי בן פְּחַת (שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב) האָט אַנְטִיוֹכוּס זיך צום ערשט גענומען צום „האַרץ״ פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צום הייליגסטן פון אידנטום צום בית הַמִּקְדָּשׁ.

דער משומד האָט אים צוגערעדט ער זאָל ווי אַמשנעלסטן שטערן מַקְרִיב צו זיין דעם קָרְבַּן תָּמִיד, יעדן טאָג צופרי און פאַרנאַכטס, און דאָס אָנצינדן די מְנוֹרָה.






„ביז ווי לאַנג זיי זענען מְקַיים די מצוות וועסטו זיי נישט קענען בייקומען האָט ער גע׳טענה׳ט.*)

די יְוָנים זענען טאַקע אַריין אין בית הַמִקדש, אויפגעזוכט אַלע קריגלעך אויל וואָס זענען געווען אנגעגרייט אָנצוצינדן די מְנוֹרה און זיי פאַראומרייניגט און מְטַמא געווען.

אויך האָבן זיי אפגעשאַפט די גאַנצע עֲבוֹדה אין בית הַמִקְדש.

15 טאָג אין חודש כִסלו האָבן זיי אויפגעשטעלט אַן עֲבוֹדה זָרה אויפ׳ן הייליגן מִזְבֵּחַ, ר״ל.

צען טעג שפּעטער, כ״ה כסלו, 25 טאָג אין חודש כִסלו, האָבן שוין די יְוָנִים מַקְרִיב געווען טָמא׳נע בְּהֵמות אין בית הַמִקְדש, ר״ל. איבערהויפּט האָבן זיי געזוכט צו דערצערנען די אידן און כִּבְיָכול דעם באַשעפער און זיי האָבן מַקְרִיב געווען די אומווירדיגסטע פון די בְּהֵמות, וואָס ביי אידן איז דאָס אַ סימבאָל פון טומאה, דעם חֲזיר ר״ל.

זיי האָבן געביטן דעם נאָמען פון בֵּית הַמִקדש צו בֵּית יוֹפִּים אוֹלִימפָּאוס, וואָס דאָס מיינט דאָס הויז פון דעם אָפּגאָט אוֹלִימפאוס.

די יְוָנִים האָבן אויך אויפגעבראָכן 13 לעכער אין די וואַנט, דעם מויער

*)דער ב״ח ברענגט אין טור אורח חיים (סימן תר״ע), ביי די מצוה פון אָנצינדן די מנוֹרה שטייט לְהַעלוֹת נֵר תָּמִיד, אַזוי לאַנג ווי די אידן צינדן אָן די מְנוֹרה האָבן זיי אַ קיוּם און זיי קענען זיך דערהאַלטן אויף אייביג.

פון בית הַמִקְדָש, אַקעגן די דרייצן טויערן וואָס דער מויער פון יְרוּשָׁלַיִם האָט געהאַט.

די ערליכע איינוואוינער פון יְרוּשָׁלַיִם האָבן שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן די שענדליכע זאַכן וואָס די יְוָונִים האָבן אָפּגעטאָן, זענען זיי אַנטלאָפן צו די קלענערע שטעטלעך אַרום, אָדער זיך באַהאַלטן אין היילן.

די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם און דאָס בית הַמִקְדָש זענען געוואָרן וויסט ר"ל, און די יָמִים טוֹבִים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן צו טעג פון טרויער.

דער כבוד און פּראַכט, דער גלאַנץ און שיינקייט פון די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם און פון בית הַמִקְדָש האָט זיך פאַרענדערט צו שאַנד און שפּאָט ר"ל. די הייליגע שטאָט וועלכע איז געווען כְּלִילַת יוֹפִי מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ, אַ שיינקייט און אַ פריידט צו די גאַנצע וועלט, די שטאָט וועלכע איז געווען אָנגעפילט מיט קְדוּשה איז איבערגעקערט געוואָרן צו אַ וויסטע פאַרלאָזטע שטאָט צו שאַנד און צו שפּאָט ר"ל.

## קאפיטל יג
## איין גזירה נאָך די אַנדערע

ווען יְרוּשָׁלַיִם איז שוין וויסט געווען, ווען דעם שׂוֹנא'ס גלוסטענישן אין יְרוּשָׁלַיִם זענען שוין געזעטיגט געוואָרן, האָט זיך זיין אַפּעטיט ערשט צערייצט און ער האָט זיך גענומען איבער גאַנץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דער טיראַן, אַנְטִיוֹכוּס הָרָשָׁע האָט אָנגעזאָגט פיליפּוס'ן, זיין אויפזעער, „זאָלסט אָנזאָגן די אידן, אַז ווער עס וועט זיך בוקן צו מיין בילד, עסן חֲזִיר פלייש, און נישט האַלטן די הייליגע תּוֹרה וועט בלייבן לעבן. אַלע אַנדערע וועלן גע'הַרג'עט ווערן אָן רַחֲמָנוּת.

איבערהויפּט זאָלסטו דיך פאַרלייגן אויף די דריי מִצְוֹות זייערע: 1) זיי טאָרן נישט האַלטן שַׁבָּת, 2) יענע צייטן האָט דער בֵּית דִין באַשטימט ביי יעדן חוֹדש וועלכן טאָג עס איז רֹאש חוֹדש און לויט דעם זענען גערעכנט געוואָרן די טעג פון חוֹדש, און אַזוי אַרום אויך די יָמִים טוֹבִים. אָט דאָס האָט ער געהייסן צעשטערן, און פאַראָרדנט אַז: זיי טאָרן נישט מקדש זיין דעם חוֹדש וואָס די יָמִים טוֹבִים זענען אָפּהענגיג אין איר, 3) זיי זאָלן נישט מאַכן קיין בְּרִית'ן פאַר זייערע קינדער.

ווער עס וועט זיך דערוואַגן עוֹבר צו זיין אויף דעם געזעץ וועט גלייך

באַקומען אַ טויט שטראָף, אָן קיין שום רַחמָנות.״

מיט'ן אויסרייסן די דריי מִצוות וואָס זענען פון די יְסודות פון אידישקייט*) האָט אַנטיוכוס געוואָלט צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון פאָלק און אַזוי אַרום וועט ער זיי קענען שנעלער אויס'שמַד'ן ר״ל.

פִּלִיפּוס וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען אויסצופירן די גְזֵירות, לויט די אָנווייזונג פון אַנְטִיוכוס הָרָשע, האָט געשיקט פְּרִיצִים, אָפיצירן מיט מיליטער, אין אַלע געגנטן זען אַז אַנְטִיוכוס'נס גְזֵירות זאָלן פּאָלקאָם אויסגעפאָלגט ווערן.

איינמאָל יעדן חודש, געוועגליך אין דעם טאָג וואָס די דערפער פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין די שטעט, זענען זיי אָנגעקומען אין יעדע שטאָט און אין יעדן דאָרף צו מאַכן „אָרדענונג״.

דער ערשטער טאַט זייערער איז געווען אויפצושטעלן אַ בָּמָה, אַ גרויסן מִזְבֵּחַ, אַ מין געביידע פון שטיינער אויף וואָס מען איז מַקְרִיב קָרבָּנות, און זיי האָבן געהייסן איינעם פון די אידן מַקְרִיב זיין אַ חַזיר פאַר אַנְטִיוכוס'נס וועגן, און דערנאָך האָבן זיי אים געהייסן עסן פון דעם חַזיר פלייש.

צום באַדויערן זענען פרייוויליג צוגעשטאַנען צו זייער הילף די מִתְיַוְונִים, וואָס שטאַמען נעבעך פון אידן, די אידישע „פאַררעטער״ וואָס האָבן אַראָפגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון די תורה.

ווי נאָר זיי זענען געוואָר געוואָרן אַז אַ איד איז מקיים אַ מצוה זענען זיי געלאָפן און גע'מַסר'ט, און מען האָט דעם איד באַלד גע'הַרג'עט.

דער נָבִיא ישעי' זאָגט: וְהָרְשָׁעִים כַּיָם נִגְרָשׁ כִּי הַשְׁקֵט לֹא יוּכָלוּ וגו' (ישעי' נ״ז פסוק כ') די רְשָׁעִים שטורמען שטענדיג אַזוי ווי דער יַם וואָס קען

*) „שַבת״ שְקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוות (שמו״ר כ״ה. יב) די מִצְוה פון האַלטן שַבת האָט אַזאַ ווערט ווי אַלע מצוות פון די תּורה צוזאַמען.

מיט אַ בְּרִית טוט זיך אויך אַ איד אָפּזונדערן פון אַ גוֹי.

וועגן דעם האָבן די יְוָונִים געוואָלט מְבַטל זיין די צוויי מצוות. וואָס אָבער האָבן זיי זיך פאַרלייגט אויף ראָש חודש?

נאָר ווייל ראָש חודש איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די הייליגע חֲכָמִים, זיי האָבן אַ כֹּח צו געוועלטיגן אויפ'ן גאַנג פון די זון מיט די לבנה (ראש חודש ווענדט זיך אין די לבנה) זיי קענען פעסטשטעלן ווען ראש חודש זאָל זיין. און ווייל די רשעי ישראל, די מִתְיַוְונִים, האָבן געוואוסט אַז די מאַכט פון די הייליגע חֲכָמִים איז דער יסוד פון אידישקייט און אָן דעם כֹּח וועלן זיי גרינג קענען אָנגיין מיט זייערע שְׁמַד אַקטיוויטעטן האָבן זיי גע'עֵצה'ט די יְוָונִים אַז זיי זאָלן דעם כֹּח מְבַטל זיין.



נישט רוען. די רְשָׁעִים האָבן קיין מינוט נישט קיין מְנוּחה זיי זוכן צו טאָן רִשעות ווי נאָר זיי קענען.

ווען זיי האָבן געזען אַז די ערליכע אידן האַלטן זיך נאָך פעסט ביי אידישקייט, האָבן זיי אויסגעטראַכט פאַרשידענע אַכזָרִיות׳דיגע גְזֵירות, ווי אַזוי צו צעברעכן זייער הייליגן שטאַנדהאַפטיגקייט.

יעדער איד האָט געמוזט אַראָפּנעמען יעדן שלאָס אָדער ריגל פון זיינע טירן אַז יעדער יְוָונִי אָדער מִתְיַוון זאָל קענען אַריינקומען ווען ער וויל, אָדער מען זאָל אַרויפשרייבן אויף די טיר די ווערטער ווי עס שטייט ווייטער

ווער עס האָט פאַרמאָגט אַ בְהֵמה, אַן אָקס, אַן אייזל, אַ קו, אָדער לעמעלע, האָט געמוזט אויסקריצן אויפ׳ן האָרן אָדער שטערן „אֵין לָנוּ חֵלק בֵּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל״ ר״ל — ער גלייבט נישט ח״ו אין דעם באַשעפער פון די אידן.



קיין שום ערליכער איד וועט דאָך פון אַזאַ בְּהֵמָה נישט עסן, נישט טרינקען קיין מילך און נישט נוצן צו בעאַרבעטן זיין פעלד, און נישט רייטן דערויף, וועלן זיי מוזן הונגערן, גיין צופּיס, און ממילא וועלן זיי זיך ברעכן. אַזוי האָבן די יְוָנִים מיט זייערע נאָכפאָלגערס די מִתְיַוְונִים געטראַכט.

די ערליכע אידן האָבן אַזאַ זאַך אויף זייערע בְּהֵמוֹת נישט אויסגעקריצט, האָבן זיי פאַרקויפט זייערע בְּהֵמוֹת.

אויך יעדע מִקוה וואָס די יְוָנִים האָבן געטראָפן האָבן זיי צעשטערט, און שטרענג געוואָרנט אַז ווען מען וועט דאָרט געפונען וועט מען דערשטעכן ח״ו מיט אַ שווערד.

די ערליכע אידן האָבן געשריגן צו השי״ת „רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גיב אונז כֹּחַ צו די גרויסע שווערע נִסְיוֹנוֹת. שטאַרק אונז און מוטיג אונז מיר זאָלן ח״ו נישט פאַלן אונטערן יאָך און דרוק פון די רְשָׁעִים. געטרייער טאַטע, מיר האַלטן עס שוין נישט אויס!״

השי״ת האָט זיי טאַקע צוגעהערט און געטאָן אַ נס אַז פון די צָרָה האָבן זיי געהאַט ריוח. הערשן און אינדן און אויך אַנדערע טָהוֹר׳ע חַיוֹת זענען אַריינגעקומען אינמיטן די נאַכט אין די אָפענע שטיבער, און אַזוי האָבן די ערליכע אידן געהאַט פלייש צו עסן.



נאָך אַ נס האָט השי״ת געטאָן אין די ביטערע פינסטערע טעג, אַז ביי פיל פון די ערליכע אידן האָט זיך געעפנט אַ קוואַל וואַסער אין שטוב וואָס האָט געדינט אַלץ מִקוה, און די יְוָנִים האָבן דערפון נישט געוואוסט.

די גְזֵירות האָבן זיך אַלץ פאַרשטאַרקט. דאָס שרעקליכסטע פון זיי איז געווען, אַז זיי האָבן געשטערט יעדע אידישע חַתונה מיט זייערע אומדערהערטע באַרבאַרישע געזעצן. נאָר לויט די יְוָנִ׳ישע גוי׳אישע אויסגעלאַסענע געזעצן האָט מען געמעגט מאַכן אַ חַתונה. דעם חופּה וְקִידוּשִׁין „כְּדַת מֹשֶׁה וְיִשְׂרָאֵל״ האָבן זיי געוואָלט אויסמעקן פון אידישע הייזער.

צְנִיעוּת׳דיגע אידישע טעכטער האָבן נישט געהאַט קיין שום מין מעגליכקייט חַתונה צו האָבן.

אויך איז געוואָרן שטרענג פאַרבאָטן צו מאַכן אַ בְּרָכָה, דאַווענען, און בכלל צו דערמאַנען השי״ת׳ס נאָמען.

עס איז שווער, זייער שווער, אפשר גאָר אוממעגליך, צו באַשרייבן און אַראָפּצומאָלן דעם שווערן מצב, דאָס געדריקטקייט פון ערליכע אידן אין די ביטערע טונקעלע טעג.

נאָר איין באַשעפער וָוס ער איז אַ בּוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב, ער איז אַ מֵבִין אויף אַ אידיש האַרץ, השי״ת פּרואווט, רייניגט, און קריסטאַליזירט, צעבראָכענע אידישע הערצער, ער ווייס דעם אמת ווי שווער ערליכע אידן פלאָגן זיך, צו דינען דעם באַשעפער, צו לערנען די תּוֹרה, מְקַיים צו זיין די מִצְוות בִּשְׁלֵימות, ספּעציעל ווען עס איז פינסטער און גליטשיג, מען לייגט שטיינער אין וועג, די נִסְיוֹנוֹת זענען זייער גרויס, און עס איז נישטאָ צו וועם זיך צו ווענדן נאָך הילף. אֵין לָנוּ עַל מִי לְהִשָּׁעֵן אֶלָּא עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, נאָר אויפ׳ן איינציגן באַשעפער קען מען זיך און דאַרף מען זיך צו פאַרלאָזן.



קאפיטל יד

# יָוון פאַרטונקלט די אויגן

אַפּוסטמוס הָרָשע איז געווען איינער פון די יְוָונִ׳ישע הערן, אַ גרויסער פָּריץ, און אויסגעצייכנט מיט זיין גרויס רִשעות. אויף אים האָט דער גרויסער קעניג, אַנטיוכוס הָרָשע אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע, דעם פליכט צו פאַרברענען אַלע סִפרי תּורות פון די אידן. אויך אַלע הייליגע ספָרים האָט ער פאַרניכטעט. ביי וועמען מען האָט געפונען אַ ספר האָט ער גלייך מיט׳ן לעבן באַצאָלט.

אין די צייט האָט זיך געפונען אין די שטאָט לוד די ספר תּורה וואָס עֶזְרא הַסופר האָט געשריבן*). די ספר תּורה איז זייער חָשוב געווען, ווייל אויסער דעם וואָס דער סופר, עֶזְרא, איז געווען אַ גרויסער צַדיק זייער אַ הייליגער מענטש, איז די ספר תורה אויך געווען די ערשטע וואָס איז געווען געשריבן אַזוי ווי עֶזרא הסופר האָט עס געצייכנט און פאָרגעשריבן. פון אָט דעם ספר פלעגן אַלע סופרים נאָכשרייבן די נייע סִפְרי תּורה.

די דאָזיגע ספר תורה האָט דער אַפּוסטמוס הָרָשע אויך דערווישט, און אין שִבעה עָשָׂר בְּתַמוז האָט ער עס פאַרברענט.



*) עֶזרא הסופר איז געווען אַ תלמיד פון נָביא בָּרוך בֶּן נֵר, דער תַּלמיד פון ירמי׳ הַנָבִיא, עֶזְרא הַסופר האָט אויפ׳ן באַפעל פון השי״ת צוריק געברענגט אידישע קינדער פון גָלות בָּבל אויף אֶרץ ישׂרָאֵל.


1 עזרא
הסופר
כהן
גדול
2 בן שריה
3 בן עזריה
4 בן חלקיה
5 בן שלום
6 בן צדוק
7 בן אחיטוב
8 בן אמריה
9 בן עזריה
10 בן מריות
11 בן זרחיה
12 בן עזי
13 בן בקי
14 בן אבישוע
15 בן פינחס
16 בן אלעזר
17 בן אהרן הכהן
כתר כהונה
ספר עזרא קאפיטל ז׳
פסוק: א׳ - ה׳

דאָס פאַרברענען די ספר תורה איז איינס פון די פינף אומגליקן וואָס זענען געשען אין שבעה עשר בתמוז, פאַרוואָס אידן פאַסטן.

אויף עטליכע ספרי תורה האָבן זיי אויך אויסגעמאָלן זייער עבודה זרה ר״ל.

מַלכוּת יָוון האָט אויך גוזר געווען אַז מען טאָר נישט דערמאַנען דעם נאָמען פון הייליגן באַשעפער אויפ׳ן מויל (ר״ה יח:).

וואו די יְוָונים האָבן געפונען אַ בֵּית הַמדרש, וואו אידן דאַווענען אָדער לערנען האָבן זיי דאָס צעשטערט. ספּעציעל האָבן זיי זיך פאַרלייגט אויף די תַּלמוּד תּוֹרוֹת.

די מִתיַוונים האָבן גוט אויסגעלערנט זייערע הערן, זייערע פּריצים, די יְוָנים, אַז דער עִיקר יְסוֹד איז ביי אידן נאָר די יוגנט. ווי לאַנג דער חִינוּך בלייבט ריין, אָן פרעמדע הַשפָּעָה, אָן קיין אָפּנייגונג, אָן קיין ענדערונג, וועט זיי קיין שׁום ווינט אויף דער וועלט נישט קענען אַוועקבלאָזן; קיין שׁום שטורעם, וועט זיי נישט רירן פון פלאַץ. דער יְסוֹד, דער פונדאַמענט איז ביי אידן דער חִינוּך פון די קינדער, און אַז דער יסוד איז שטאַרק, האַלט זיך אויך דער בִּנין, די געביידע, שטאַרק. דעריבער האָבן זיי געלייגט גרויסע כּוֹחות אויפ׳ן יסוד, אויף די יוגנט. דעם חינוך פון די קינדער האָבן זיי געהאַמערט, געשטורעמט, און געזוכט אַלע מִינֵי מיטלען דאָס איינצוּוואַרפן.



דעריבער האָט אַנטיוכוס הרשע געברענגט אַ ספּעציעלן לערער, אַן אַלטן יְוָונישן חָכם, ער זאָל אויסלערנען די אידן מיט צוואַנג און כּח די יְוָונישע חָכמה, און אַזוי נאָך וועלן זיי שוין במילא אָפּלאָזן ח״ו, זייער אייגענע תּוֹרה.

די רְשָׁעים האָבן געוואוסט, אַז וואָס מער שטודירן גוֹי׳אישע וויסנשאַפט, רעפאָרמירן און מאָדערניזירן דעם דֶרך הַמקוּבל מֵאֲבוֹתינוּ מדוֹר דוֹר, דעם ריינעם קלאָרן אומגעפעלשטן תּוֹרה וועג, אַלץ מער פאַרפרעמדעט וועט מען ווערן פון די תּוֹרה. עס וועט מער נישט מעגליך זיין צו האָבן דעם געפיל, אַז אַ איד לעבט פאַר שמירת תוֹרה וּמִצוות, צו פילן דעם כּי הֵם חַיֵינוּ וְאוֹרֶך יָמֵינוּ, עס וועט פאַרלאָשן ווערן דער ברען, וואָס אַ איד איז גרייט זיך מוֹסר נֶפֶשׁ צו זיין, צו האַלטן די תּוֹרה הקדוֹשה.

אויך האָבן די רְשָׁעים געוואוסט אַז „שטודירן״ ברענגט נישט צו קיין ערליכקייט, און „קאַלעדזש״ ברענגט נישט צו קיין יִראַת שָׁמַים.



„אוניוועריזיטעיטן” ברענגען נישט צו קיין וואַרעמקייט אין אַ אידיש האַרץ, און פרעמדע ביכער לערנען און ליינען, ברענגען נישט צו קיין ריינע פעסטע אֱמוּנה.

און נאָכמער האָבן די רְשָׁעים גוט געוואוסט, אַז אַ תַּלמיד פון די אַלע פּראָפעסאָרן פון די איבנדערמאַנטע חָכמוֹת און הַשׁקָפוֹת, וואָס זענען אַלע אַפּיקורסים און מינים, וועט קיינמאָל מער קיין ערליכער איד נישט קענען זיין. אפילו פאַרן אויג איז דאָס נאָך נישט באַלד קענטיג, אָבער אין האַרץ האָט דאָס טיפע וואָרצלען געשלאָגן, ווייל כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אוֹרְחוֹת חַיִּים (משלי), — יעדער ווער עס לאָזט זיך אַריין אין פרעמדע ביכער קען זיך נישט אומקערן, און קען נישט דערגרייכן די וועגן וואָס פירן צום לעבן.

דעריבער האָבן זיי זיך אַזוי שטאַרק פאַרלייגט אויפ'ן חינוך פון אידישע קינדער דורך פאַרמערן די חָכמוֹת חִיצוֹניוֹת, שטודירן וועלטליכע וויסנשאַפט און ליינען פרעמדע ביכער. ווי די הייליגע חֲכָמִים זאָגן אונז אַז די רְשָׁעים האָבן זיך אַליין מוֹדה געווען אַז זיי לייגן זיך מיט דעם און שטייען אויף מיט דעם, זיי טראַכטן עֵצוֹת און תַּחבּוּלוֹת, מיטלען און טריקס, ווי אַזוי אָוועקצורייסן אידישע קינדער פון די תּוֹרה הַקדוֹשׁה. דאָס האָבן אויך די יְוָונִים געוואָלט ערגרייכן, און די רְשָׁעים האָבן גוט געוואוסט אַז חָכמוֹת חִצוֹניוֹת איז דער בעסטער מיטל אַריינצוברענגען אַ קאַלטקייט צו די אֱמוּנה, אַ נאָכלאָזונג צו שְׁמירת תּוֹרה וּמִצוֹות, אַ גרינגשעצונג צו די אייגענע עלטערן, צום אַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ, צו ערליכע אידן, צו די חֲכָמִים, און צו צַדִיקי אֱמת און צו אַלעם וואָס זיי לערנען אונז.

אַזעלכע און ענליכע גזירות, זענען געלאָפן איינס נאָכן אַנדערן אָן אָפּשטעל, „לאָמיר פאַרמערן אויף זיי גזירות, ביז ווי לאַנג זיי וועלן אָפּלאָזן זייער באַשעפער און גלייבן אין אונזער עֲבוֹדה זָרה ר”ל”, האָבן זיי געהאַלטן אין איין זאָגן. „לאָמיר זיך פאַרלייגן אויפ'ן חינוך פון זייערע קינדער וועלן זיי במילא אונטערגיין ח”ו, האָבן זיי זיך גע'חַזר'ט. „לאָמיר צעברעכן זייער עַקשָׁנוּת, זייער האַרטנעקיגקייט, זייער אומבויגזאַמע האַלטונג, לאָמיר ווייך מאַכן די האַרטע ניס און אָפּרייסן די פעסטע שטריק וואָס טוט זיי צו בינדן צו זייער תּוֹרה, וועלן מיר זיי האָבן אין די האַנט. אַ קליין נאַיוו פאָלק מיט פאַנאַטישע מִנהָגים, מיט איבערגעטריבענע געזעצן קען מען נישט דולדן אין אונזערע היינטיגע צייטן”, האָבן די יְוָונִים געלאַרעמט, און געפּאָכעט מיט די פויסטן, מיט די שווערד אין די האַנט. מיר מוזן זיי צעברעכן, מיט גוטן אָדער

# כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן
# וְלֹא יַשִּׂיגוּ אוֹרְחוֹת חַיִּים



מיט בייזן, מיט שיינעם אָדער מיט מיאוס׳ן, „אַזוי קען דאָס נישט פאַרבלייבן״, האָבן זיי זיך געגרויסט.

כאָטש עס זענען שוין געווען פיל מלוכות וואָס האָבן געוואָלט פאַרניכטן די אידן, איז אָבער אַנטיוכוס מיט די הילף פון די מִתיַוונים, געווען דער, וואָס זיין איינציגער ציל איז „נאַר״ דאָס געווען, מַעביר זיין עַל הַדָת, איבער צופירן די אידן פון די הייליגע אֶמונה, אויסצורייסן די תּורה פון די אידן. דאָס איז געוואָרן ביי אים אַ מין אידעאַל, און ער האָט דאָס געוואָלט עררייכן מיט געוואַלד. ער האָט זיך באַנוצט מיט די אומווירדיגסטע ברוטאַלסטע סאַדיסטישע מיטלען.

די רְשָׁעים, די יְוָנים, מיט זייערע אַרויסהעלפערס, זייערע יוֹעֲצים, מיט זייערע נאָכלויפערס די מִתיַוונים, האָבן אָבער נישט געוואוסט אַז שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט מיט רוח הַקוֹדש אֶל גִנַת אֶגוֹז יָרַדְתִּי, אידן זענען צוגעגליכן צו אַ ניס. אַ ניס איז האַרט, ערליכע אידן זענען האַרט ווי אַ ניס, נישט צו לאָזן זיך בייגן. אַ „האַרטע ניס״ קען מען נישט ווייך מאַכן, פונקט ווי אַ האַרטן שטיין קען מען נישט בייגן. וואָס מער זיי האָבן געהאַמערט, געפייניגט, אונטערגעדרוקט און גע׳רודפ׳ט ערליכע אידן, וואָס מער זיי האָבן מַבאיש רֵיחַ געווען, פאַר׳מיאוס׳ט, און שווער געמאַכט, פאַר אידן שומרי תּורה וּמִצוות, אַלץ שטאַרקער, האַרטער און דרייסטער, זענען געוואָרן די ערליכע אידן. די יְוָנים, האָבן גוֹזר געווען נישט צו דערמאַנען דעם נאָמען, איד, אַ שׂוֹמר תּורה וּמִצוות, די מִתיַוונים האָבן זיך גאָר געשעמט מיט דעם נאָמען „איד״, האָבן די ערליכע אידן שטאָלצירט מיט דעם נאָמען איד, שׂוֹמר תּורה ומצוות, „אַמאָליגער איד״, „אַלט פאַרצייטישער איד״. דאָס גרעסטע חֲשִׁיבות, דער שענסטער טיטול, איז געווען ביי ערליכע אידן „אַן אַמאָליגער איד״. דער העכסטער ראַנג ביי צדיקים איז געווען שטאַנדהאַפט, אומבויגזאַם.

אידן זענען אַ מאָדנע פאָלק, אַנדערש פון אַנדערע פעלקער, אַנדערע פעלקער אַז מען דרוקט זיי, מען רודפ׳ט זיי געבן זיי זיך אונטער. זיי געבן אויף, זיי פאַרלירן זיך. זיי דערהייבן נישט קיין צָרות, קיין רְדִיפות. וויפיל גרויסע און שטאַרקע פעלקער זענען שוין אונטערגעגאַנגען, און אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

אָבער אידישע קינדער האָבן אַ בְרָכה פון די תּורה הַקדוֹשה, כַּאֲשֶׁר יְעַנוּ אוֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרוֹץ, וואָס מער מען פייניגט זיי, וואָס מער מען האָט זיי פיינט, אַלץ מער און גרעסער ווערן זיי. וואָס מער מען דרוקט זיי אונטער,

אַלץ שטאַרקער, פעסטער, און מעכטיגער ווערן זיי. אַלץ פעסטער כאַפּן זיי זיך אָן אין די תּורה הַקדוֹשה, און זיי קלאַמערן זיך בעסער צו שמירת תּורה ומצוות, נישט נאָכצולאָזן אפילו אַ קליינינקייט, אַ מִנהג יִשׂרָאל, זיי דערנענטערן זיך מער צו השי״ת.

עס האָט שוין פּאַסירט אַמאָל אַזאַ זאַך אַז מען האָט יאָ געוואָלט מאַכן קליינע ענדערונגען אין די הייליגע תּורה דערצו נאָך טאַקע ביי שלמה המלך. ער אַליין דערציילט אונז די מעשׂה צו לערנען זיך דערפון. שלמה המלך׳ס גרויסקייט דאַרף מען נישט דערציילן. ער איז געווען אַ צַדיק בֶּן צַדיק, נָביא בֶּן נָביא, חָכם בן חָכם, און מֶלך בן מֶלך. ער האָט געוואָלט פאַרבייגן אַוועקרירן אַ מצוה פון דער תּורה הַקדושה מיט דעם אויסרייד אַז אים וועט דאָס נישט שאַדן. איז דאָס קליינע אות „י״ (יוד) זיך געגאַנגען באַקלאָגן פאַר השי״ת אויפ׳ן גרויסן שלמה המלך. האָט השי״ת זיך אָנגענומען פאַר די תּורה הַקדוֹשה און מיט דער גרעסטער שאַרפקייט געענטפערט, „מען מעג זיין טויזנט מאָל גרעסער ווי שלמה המלך קען מען אויך נישט רירן איין קליין פּינטעלע פון די הייליגע תּורה״ (מדרש רבה, מדרש תנחומא, פרשת וארא).

דער דורכגאַנג אָבער איז געווען זייער שווער. פינסטערע שווערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דאָס אידישע פאָלק, און דער מצב איז געווען זייער פאַרנעפּלט. דער שׂונא האָט געבושעוועט מיטן גרעסטן אַכזָריות, מיט ברוטאַלע מעטאָדן, און די מִתיַוונים האָבן געבונטעוועט. עס איז געווען שטאַרק פינסטער פאַר אידן אין די צייט. „הֶחְשִׁיכוּ עֵינֵיהֶם וְלִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל״ — די יְוָנים האָבן פאַרטונקלט די אויגן און הערצער פון אידישע קינדער.



פרק ג

# הַהֲרוּגָה עָלֶיךָ

קאפיטל טו

## מסירת נֶפש פאַר אַ מִנהג

פיל פון די אידן, צום מערסטנס דער פָּשוט׳ער „הֲמון עַם״ אומגעלערנטע, און די וואָס האָבן באַזיצט אַ שוואַכן כאַראַקטער האָבן די שווערע נִסיוֹנות וואָס האָבן זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג נישט געקענטביישטיין. אַ טייל פון מורא, און פיל געצווינגענערהייט, צי איבער אַנדערע טַעמים, האָבן זיי זיך איבערגעגעבן צו אַנטיוכוס׳נס גזֵירות.

אָבער די איידעלע חָשוב׳ע אידן, די תַּלמִידי חֲכָמִים און בְּעִיקר די אֶמת׳דיגע יִראֵי הַשֵם און תְּמִימוּת׳דיגע אידן, האָבן זיך נישט געמאַכט צו טאָן פון די אַלע גזֵירות פון אַנטיוכוס. זיי האָבן זיך ווייטער געפירט פונקט ווי פריער און זיך נישט גערירט פון זייערע אור־אַלטע וועגן. אפילו אַ בלויזן אידישן מִנהג פון זייערע עלטערן האָבן זיי נישט געענדערט*).

*) כאָטש מען דאַרף זיך מוסר נֶפש צו זיין נאָר אויף די דריי האַרבסטע עבירות, עֲבוֹדה זָרה, גִלוּי עֲרָיות און שְפִיכַת דָמִים. דאָס איז אָבער געזאָגט נאָר ווען עס איז נישט אַ גְזֵרה פון מַלכות. אויב אָבער עס איז אַ צייט וואָס רְשָעִים געבן אַרויס גזֵירות אויף אידן כְּדי זיי אויסצו׳שמַד׳ן דאַרף מען זיך מוסר נֶפש צו זיין אפילו אויף אַ אידישן מִנהג. אויב עס איז אַ אידישער מִנהג זיך צו שנירן די שיך מיט ווייסע בענדלעך און די גויים שנירן זיך מיט רויטע און מען צווינגט אַז מען זאָל זיך בינדן מיט די רויטע בענדלעך, דאַרף מען זיך מוסר נֶפש צו זיין און נישט שנירן מיט די רויטע בענדלעך.

(סנהדרין ע״ד ותוס׳ ד״ה אפילו)



צום ביישפיל: אין די שטאָט בּרני האָט מען געפראַוועט חַתונות באַהאַלטענערהייט. עס איז געווען אַן אָפּגעשמועסטער סִימן אַז ווען מען האָט געהערט די מילשטיינער מאָלן האָט מען געוואוסט אַז עס קומט פאָר ערגעץ וואו אַ חַתונה*), אידן האָבן אויפגעזוכט די באַהעלטעניש און מען האָט זיך מיטגעטיילט און מיטגעפרייט מיט די שִׂמחה שֶׁל מִצוה.

אידישע מאַמעס האָבן באַהאַלטן זייערע ניי־געבוירענע קינדער אין פעלד כּדי מען זאָל זיי קענען באַהאַלטענערהייט מאַכן אַ בּרִית.

אין די שטאָט בּרוֹר חַיִל האָט מען געוואוסט אַז ווען מען זעט בייטאָג אַ ליכט ברענען אָדער ביינאַכט מערערע ליכט איז דאָס אַ באַווייז אַז דאָרט קומט פאָר אַ בּרִית. און די אידן זענען אַהינגעגאַנגען כּדי עס זאָל זיין אַ מִנין ביים בּרִית.

אין אַנדענק פון מסִירת נֶפֶשׁ פון יענע אידן איז פאַרבליבן אַ מִנהג ביז'ן היינטיגן טאָג אַז מען צינדט אָן פיל ליכט ביי אַ בּרִית.

כאָטש די ערליכע אידן האָבן גוט געוואוסט אַז דער רָשע מיט זיינע שלוּחים וועלן פריער אָדער שפעטער, זיי כאַפּן און נְקָמה נעמען פון זיי, האָבן זיי דאָך איגנאָרירט זיינע גְזֵירות אינגאַנצן און איבערהויפּט נישט געקוקט דערויף. זיי האָבן אויסגעקליבן ענדערש צו שטאַרבן אויף קִדוּש הַשם ווי איידער עוֹבר צו זיין אויף איין איינציגע מִצוה.

די ערליכע אידן האָבן ביי יעדע געלעגנהייט אויסגעלערנט זייערע קינדער און גוט איינגע'חַזר'ט מיט זיי, אַז קיין שוּם כֹּח אויף דער וועלט, קיין שוּם סטראַשונקעס, וועט זיי נישט אָפּשרעקן. קיין מֵסִית וּמֵדִיחַ וועט זיי נישט איבעררעדן מיט שיינעם, און קיין סאַדיסט און אַכזר מיט פייניגונגען, וועט

*) אין די מיל האָט מען געמאָלן ווייץ צו די סעודה פון די חַתונה. (פני משה ירושלמי כתובות פ"א ה"ה).

זיי נישט באַוועגן ח״ו צו ענדערן איין וואָרט, איין אות, אפילו איין ריר אַוועק ח״ו פון אונזער תּורה הַקדושה. אַזוי האָט מען געמוטיגט די שכֵנים, די באַקאַנטע, און וועמען מען האָט געקענט.

די דאָזיגע אידישע קינדער, אפילו גאָר יונגע קינדער האָבן זיך טאַקע אויסגעצייכנט מיט זייער הייליגן ברען, מיט זייער שטייפן עַקשָנות און אויסגעהאַלטנקייט. ווען זיי זענען געפּרואווט געוואָרן דורך די יְוָנים און נאָך מער דורך די מִתיַוונים, האָבן זיי אַזוי געענטפערט „מיר ווילן נישט און מיר וועלן נישט ענדערן אפילו איין האָר פון אונזער תּורה הַקדושה, מיר וועלן קיינמאָל אפילו קיין ריר נישט אַוועקגיין פון דעם״.

„מיר וועלן זיך פירן פּונקט אַזוי, ווי אונזערע טייערע און געטרייע עלטערן האָבן אונז געלערנט, גענוי אַזוי ווי אונזערע הייליגע חֲכָמים ווייזן אונז אָן. אָט אַזוי! און נישט אַנדערש!״

מען האָט זיי טאַקע געפּייניגט מיט געפערליכע יִסוּרים, מיט איבערמענטשליכע פּייניגונגען, אַלע מִינים אַכזָריות האָבן זיי גענוצט צו דערדריקן די ערליכע אידן זיי זאָלן זיך וועלן בייגן צו זייערע גזירות, און כאָטש נאָר אַביסל נאָכלאָזן פון אידישקייט, פון שמירת תּורה וּמִצוות. מען האָט זיי געשמיסן מיט ריטן, געשניטן שטיקער פלייש ר״ל, א.ד.ג. אָבער די ערליכע אידן האָבן אַלעס אָנגענומען מיט שִׂמחה ביז זיי האָבן זייערע הייליגע נְשָׁמות אויסגעהויכט מיט „שמַע יִשׂרָאֵל״ אויף זייערע ליפּן!

## קאַפּיטל טז
## אויף קִידוש הַשם

עס ווערן געברענגט אָן אַ שִיעור פאַלן פון קִידוש הַשם אין יענע תּקופה, וואָס עס איז פשוט אוממעגליך אַלעס צו באַשרייבן. נאָר איין באַשעפער ווייס אַלעס, געדענקט אַלעס, פירט חֶשבון פון אַלעם, און וועט גוט באַצאָלן פאַר אַלעם, פאַר די רְשָעים פאַר זייער אַכזָריות און רִשעות, און פאַר די ערליכע אידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פּייניגן און זיך דאָס לעבן אַוועקגעגעבן, מיט אַלע מִינים מִיתות מְשוּנות, פאַר׳ן כָּבוד פונעם הייליגן באַשעפער און פון זיין הייליגע תּורה. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר עטליכע דערפון.

מען האָט געכאַפּט צוויי פרויען דורך אַ מְסִירה אַז זיי האָבן געמאַכט אַ



ברית פאַר זייערע קינדער, האָבן די רְשָׁעים צוגעבינדן די קינדער צו זייערע מוטערס און צוזאַמען זיי צוגעבינדן צו פערד און געשלעפּט אויף דער ערד אַרום די גאַנצע שטאָט און דערנאָך זיי אַראָפּגעוואָרפן פון די הויכע מויער פון די שטאָט.

עטליכע ערליכע מִשְׁפָּחוֹת זענען אַנטלאָפן אין מִדבר אַריין און זיך באַהאַלטן אין אַ הייל כּדי זיי זאָלן קענען מְקַיים זיין די מִצְוֹת אָן קיין שׁוּם שטערונגען.

ווען די פְּרִיצִים זענען געוואָר געוואָרן דערפון האָבן זיי פאַר'מַסר'ט די אידן פאַר פִּילִיפּוּס'ן. פִּילִיפּוּס אַליין איז געקומען צו די היילן אום שבת און געפּאָדערט די אידן אַרויסצוקומען און אויסצופאָלגן דעם באַפעל פון קעניג, מְחַלל שַׁבּת צו זיין, עסן נְבֵילוֹת און טְרֵיפוֹת א.א.וו.

זיי האָבן זיך אָבער אַנטזאָגט צו פאָלגן זאָגנדיג: „מיר פאָלגן נאָר אונזער מֶלך, השי"ת! צו אייער מֶלך וועלן מיר זיך נישט צוהערן, מיט קיין שׁוּם זאַך וואָס איז קעגן די תּוֹרה הַקְדוֹשׁה!"

„מיר זענען נאָר אונטערטעניג אין גָלוּת צו זאַכן וואָס געהערן נישט צו שְׁמִירַת תּוֹרה וּמִצְוֹת, צו צאָלן שטייערן און דאָס גלייכן, אָבער קעגן די תּוֹרה הַקְדוֹשׁה נעמען מיר נישט קיין באַפעל פון קיינעם אויף דער וועלט. אפילו אַ מִצְוָה דְרַבָּנָן, אפילו אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל וועלן מיר האַלטן בעזר השי"ת פונקט ווי אונזערע הייליגע חֲכָמִים האָבן אונז געלערנט, נישט ענדערן קיין



האָר. איר קענט טאָן מיט אונז וואָס איר ווילט! אָבער קיין שום כּח אויף דער וועלט וועט אונז נישט ענדערן אונזער עַקשָנות, אונזער שטייפקייט, אונזער צוגעבינדנקייט, צו השי״ת און צו זיין הייליגע תּורה״.

ווי פּיליפוס האָט דאָס געהערט האָט ער פאַרשטאפּט די עפענונג פון די הייל, און אָנגעצינדן אַ גרויס פייער. בערך 1000 אידישע נפשות זענען דאָרט אומגעקומען אויף קידוש השם.

שלמה המלך זאָגט אין משלי (פ״ד פסוק ט״ז) „כּי לֹא יִשְׁנוּ אִם לֹא יָרֵעוּ וְנִגְזְלָה שְׁנָתָם אִם לֹא יַכְשִׁילוּ״, די רְשָעים קענען נישט שלאָפן אויב זיי טוען נישט קיין שלעכטס און עס ווערט פון זיי אַוועק גע׳גַזל׳ט זייער שלאָף אויב זיי שטרויכלען נישט אַנדערע.

די רְשָעים האָבן געכאַפּט איינעם פון די חָשוב׳סטע כּהנים אין יענע צייט, אַן אַלטער 90 יעריגער איד, אַ תַּלמיד חָכם, אַ ירֵא שָמַים, מיט אַ הַדרַת פָּנים, אַ פּראַכטיג שיין אויסזען, מיט׳ן נאָמען אֶלָעזר הַכֹּהן. און זיי האָבן אים געברענגט צו פּילפּוס׳ן.

„אלעזר הכֹּהן!״ האָט פּיליפוס אָנגעהויבן, „דו ביסט דאָך אַ קלוגער מענטש! טו נישט ווידערשפּעניגן דעם באַפעל פון קעניג. בוק דיך צו זיין עֲבוֹדה זָרה געשטאַלט, און עס פון זיין קָרבן דעם חַזיר, וועסטו בלייבן לעבן״.

„חָלִילה וְחָלילה!״ האָט אלעזר מיט עקסטאַז אויסגערופן. „איך וועל ח״ו נישט פאַרשוועכן די הייליגע מִצוות פון אונזער אַלמעכטיגן לעבעדיגן באַשעפער, צו האָרכן דעם באַפעל פון דיין קעניג, וואָס זיינע טעג זענען ווי אַ שאָטן!״

פִּילִיפּוס האָט פּראָבירט אַלע מיטלען. ווען עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אים איבערצוורעדן האָט ער פּראָבירט אויף אַן אַנדערן אופן.

פִּילִיפּוס האָט אים גערופן אין אַ זייט און שטילערהייט אים געזאָגט, „זע אלעזר, איך קען דיך שוין אַ לאַנגע צייט. איך ווייס אַז דו ביסט אַן ערליכער מאַן און איך שוין דיך צו הַרג׳ענען ווייל דו ביסט אַלט. איך וויל פון דיר נאָר איין זאַך, איך וועל ברענגען אַ שטיק כָּשר פלייש, און איך וועל עס דיר געבן צו עסן, וועלן די מענטשן מיינען אַז דו האָסט געגעסן חַזיר פלייש, און דו האָסט געפאָלגט דעם קעניג״.

פִּילִיפּוס האָט געהאַט אַ באַזונדער אינטערעס איבערצורעדן אלעזר הכֹּהן, ווייל ער איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער חָשוב׳ער מענטש, און ער האָט געוואוסט אַז פיל פון פאָלק וועלן אים נאָכטאָן.

„הויך געשעצטער הער פִּילִיפּוס, הער מיך אויס״ האָט דער צדיק אלעזר הכֹּהן געענטפערט, זיינע ווערטער זענען געווען קלאָר, דייטליך, און הויך, אַז יעדער זאָל גוט הערן, און מיט די גרעסטע מאָס דרייסטקייט וואָס אַן אֶמת׳ער ערליכער איד דאַרף צו האָבן, ווען עס קומט צו אַ נִסיוֹן, נישט צוויי דייטיגע ווערטער, און נישט קיין פיל זייטיגער מענטש, זוכן יעדן צו געפעלן.

איך בין שוין היינט אַלט 90 יאָר, מיין גאַנץ לעבן האָב איך געשטרעבט צו דינען אונזער הייליגן באַשעפער, דעם זעלבן באַשעפער וועם מיינע עלטערן האָבן געדינט, מיינע אַלע ווינטשן, מיין ציל און לעבן איז נאָר געווען, אים צו ליבן, אים צו דינען, פאַר אים מוֹרא צו האָבן, צו זיין אַ געטרייער ערליכער דינער פאַר השי״ת, אָבער נאָר פאַר אים אַליין, און ווייטער קיינעם נישט.

אַלע מיינע יאָרן האָב איך געלערנט מיינע קינדער, מיינע תּלמידים, און יעדן ווער עס האָט זיך צוגעהערט צו מיר, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ גוטע זאַך ווי אַ איד צו זיין, עס איז נישטאָ אַזאַ זיסע זאַך אויף די וועלט ווי די הייליגע תּוֹרה, עס איז נישטא אַזאַ לעכטיגקייט אויף די וועלט ווי שְמירת תּוֹרה וּמצוות, אָבער טאַקע בשלימות, מיט אַלע הידורים, מיט אַלע מפרשים, אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן מיך אַלעמאָל געלערנט אַז מיר זענען „לְכתחִלה אידן״ נישט קיין ״בדיעבד״ מענטשן, עס איז נישטאָ קיין שענערס, קיין בעסערס, און באַ׳טעמ׳טערס, ווי צו דינען השי״ת מיט חֵשק, מיט שִׂמחה, מיט אַ גוטמוטיג האַרץ. ביי אַן ערליכן איד ווען עס קומט צו עֲבודות השי״ת, מְקַיים צו זיין אַ מצוה, ווערן אַלע שווערִיגקייטן גרינג, אַלע נִסיוֹנות







פאַרשוואונדן, אַלע אוממעגליכע זאַכן ווערן יאָ מעגליך און ווערן טאַקע דורכגעפירט, אָט אַזוי אויף דעם אופן האָבן מיר זיך געפירט אַלע יאָרן, אַלע דורות פריער.

נאָך האָבן מיר געלערנט, געהאַלטן אין איין חזר׳ן פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע, ספּעציעל פאַר די יוגנט, אַז אַ איד דאַרף זיך צו דערווייטערן פון אַלעם וואָס איז גוי׳איש, נישט קליידן זיך ווי אַ גוי, נישט רעדן ווי אַ גוי, נישט פירן זיך ווי אַ גוי, נישט זוכן זייערע מאָדעס, נישט שטודירן זייער קולטור, זייערע אוניווערזיטעטן, זייערע קאַלידזשעס, נישט ליינען זייערע ביכער, ווייל דאָס אַלעס איז סַם מיט פאַרגיפטונג ח״ו פאַר אַ איד, דאָס אַלעס דערווייטערט פון די אַלע אויבנדערמאנטע זאַכן.

יעצט ווילסטו געערטער הער, איך זאָל טאָן פונקט דאָס פאַרקערטע, אַלס אַ גרייז גרויער איד, איך זאָל ח״ו טאָן אַ זאַך, וואָס זאָל פונקט דאָס פאַרקערטע ווירקן אויף אונזער יוגנט, אויף אונזער שוואַרץ אַפּל פון אויג, אויף אונזער צוקונפט אויף אונזער עקזיסטענץ אַלס אַ אידיש פאָלק, אַלס אַ תּורה פאָלק.

וואו איז אייער חָכמה? אייער פאַרשטאַנד? דאָס איז די וועלט באַרימטע „יְוָנ׳ישע חָכמה״ מיט וואָס איר גרויסט אייך? דאָס הייסט וויסנשאַפט מיט וואָס איר שטאָלצירט? ברענגט אַ חדר אינגל, רופט אַ יונג קינד, וועלן זיי אייך אויסלאַכן מיט אייערע גרויסאַרטיגע פּלאַנען.

זיכער בין איך גרייט אפילו אויפן ערגסטן, און נישט פעלשן אונזער בונד, אונזער געטריישאַפט, מיט אונזער באַשעפער, ווער עס האָט באַשאַפן אַלע וועלטן און געוועלטיגט איבעראַל, דער אמת׳ער הער און בעל הבית פון דער וועלט. פון ווען מיר זענען געוואָרן אַ אידיש פאָלק זענען מיר שטענדיג גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין אויף אונזער אֱמונה אין השי״ת. מיט׳ן אויסשרייען דעם פסוק: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״ האָבן זיך אידן אין אַלע דורות

געלאָזט הרג׳ענען פאַרן באַשעפערס וועגן, און אין די ערגסטע צייטן האָבן זיי זיך געשטאַרקט מיט בּטָחון אין הייליגן בורא. אָט די טייערע עלטערן שטייען פאַר מיינע אויגן, אין זייערע וועגן וועל איך גיין, און איך וועל חלילה נישט פעלשן מיין אֱמונה, אונזער פעסטע אֱמונה וואָס מיר גלייבן אין השי״ת, אונזער אֱמת׳ער בּטחון, וואָס מיר פאַרלאָזן זיך און פאַרזיכערן זיך, נאָר אויף אונזער באַשעפער, נישט אויף קיין שום אַנדערע מאַכט, — וועלן מיר נישט אויפטוישן אויף קיין גריכישן נאַרישן אָפּגאָט. מיר פאַרלאָזן זיך אויף השי״ת אפילו אין שווערע צייטן, ביי טונקעלע מאָמענטן, אפילו מיר זענען געדריקט, פאַר׳מיאוס׳ט, גע׳רודפ׳ט, געפּלאָגט, און געיאָגט. מיר שרייבן נישט פאָר, אויף וואָס פאַר אַן אופן השי״ת זאָל פירן זיין וועלט, נאָר מיר זענען גרייט אָנצונעמען פאַר גוט אַזוי ווי השי״ת „וויל״. ער פאַרשטייט בעסער פון אונז מענטשן, וואָס איז פאַר אונז גוט און וואָס נישט. אָן קיין שום באַדינגונג, זענען מיר געטרייע דינערס פאַר השי״ת, נֶאֱמָנִים לַה׳ וּלְתוֹרָתוֹ.

אויב איך וואָלט ח״ו דיך יאָ געפאָלגט מען זאָל נאָר „מיינען״, אַזוי ווי דיין עֵצה איז, וואָס וועלן די יונגערע זאָגן!? קוקט נאָר, אלעזר דער כּהן, דער תַּלמיד חָכם, האָט איבערגעלאָזט די תּורה און דינט עֲבודה זָרה ח״ו. לאָמיר אים נאָכטאָן. דאַן וועלן זיי איבערלאָזן די תּורה און וועלן אַראָפּפאַלן צום טיפסטן אָפּגרונד ח״ו״.

„זאָלסט וויסן!״ האָט ער פאָרגעזעצט, „דו קענסט מיך הרג׳ענען. מיין פיזיש לעבן פון עולם הַזֶה קענסטו מיר צונעמען, אָבער אויף מיין נְשָׁמה האָסטו קיין שום מאַכט! ווייל נאָר דעם גוף האָט השי״ת איבערגעגעבן אין אייערע הענט, ליידער צוליב אונזערע זינד, און וויבאַלד מיר וועלן אֱמת׳דיג תּשובה טאָן, צוריקקערן זיך צו אונזער באַשעפער, וועט השי״ת שיצן אונזערע גופים אויך פון אייערע הענט, ווייל השי״ת געוועלטיגט אויף דעם גוף פונקט ווי אויף די נְשָׁמה, אויף די לעבעדיגע פונקט ווי אויף די טויטע. ענדערש זאָל איך יעצט שטאַרבן און זאָל מיין טויט געבן מוט, עַקשָׁנות, און דרייסטקייט פאַר מיינע יונגערע ברידער זיך מוסר נֶפש צו זיין מיט שִׂמחה פאַר די הייליגע תּורה!״ האָט ער פאַרענדיגט.

הערנדיג די פייערדיגע אֱמת׳דיגע רייד וואָס זענען אַרויס פון טיפסטן האַרץ, איז פִּילִפּוס זייער אין כַּעס געוואָרן. ער האָט געצאָרנט נישט נאָר אויף אים, נאָר אויף יעדן ערליכן איד, און ער האָט באַפוילן מען זאָל זיי פייניגן אָן רַחמָנות.

פאַר דעם צַדיק אלעזר הכּהן איז פִּילִפּוס פון אַ פריינד געוואָרן אַן

אַכזָריות׳דיגער פיינט, און האָט געהייסן אים שלאָגן און פייניגן אָן אויפהער.

אונטער די גרויזאַמע יסורים האָט אלעזר תּפלה געטאָן צו השי״ת און געזאָגט, „הייליגער באַשעפער, דו ווייסט דאָך אַז איך וואָלט מיך געקענט ראַטעווען פון דעם טויט, אָבער איך וויל נישט ווייל איך האָב דיך ליב! די יסורים זענען שרעקליך! אומדערטרעגליך! אָבער פאַר דיינעטוועגן קעגן מיין ליבשאַפט צו דיין גרויסן נאָמען, זענען זיי גערעכנט פאַר גאָרנישט! איך וועל זיי דערליידן מיט שטאַרקקייט! אָבער רבש״ע, איך בעט דיך, האָב שוין רַחמָנות אויף דיין פאָלק!״

הייליגער געטרייער פאָטער אין הימל, גיב כּח, מוט און שטארקקייט פאַר דיינע קינדער. גיב זיי פאַרשטאַנד און שׂכל, ווי אַזוי זיך צו האַלטן פעסט צוגעבינדן צו דיין תּורה. היט זיי, שיץ זיי, און טו זיי מַציל זיין פון די בלוטיגע הענט פון זייערע שׂונאים. צי צוריק דיין צאָרן פון דיינע קינדער. זיי זענען שוואַכע אָרעמע געליטענע שעפעלעך צווישן ווילדע שטאַרקע אַכזָריות׳דיגע וועלף. ראַטעווע זיי פון זייערע שׂונאים!״

מיט די רייד האָט דער צַדיק אויסגעהויכט זיין הייליגע נְשָמה.

און אַזוי ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט אַזוי איז טאַקע געווען, זיין העלדישקייט האָט געגעבן מוט און שטאַרקונג צו די יונגערע, און מיט אַ פרישן ברען, מיט מער עַקשָנות, מיט אַ שטאַרקערן ווילן און שׂמחה האָבן זיי געשטאַרקט איינער דעם אַנדערן און זיך אַליין מְחַזק געווען זיך מוסר נֶפש צו זיין פאַר די הייליגע תּורה.

יְשַעי׳ הַנָבִיא האָט אונז געלערנט, ווען מען לעבט דורך שווערע צייטן, איין נסיון קומט נאָכן אַנדערן, שׂונאים, שטאַרקן זיך איבער אידן, מען וויל

אִ׳ש אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ
וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק
(יְשַעי׳ מ״א פסוק ו׳)

אַנטיוֹכוס הָרָשע האָט זיך נאָך נישט דערווייטערט פון יְרוּשָלַיִם ווייל ער האָט געוואָלט זען ווי אַזוי מען פירט אויס זיינע גזֵירות. האָבן די רְשָעים, די מִתיַוונים פאַר אים פאַר׳מסר׳ט אַז עס איז דאָ אַ אידישע פרוי מיט זיבן קינדער, וואָס האַלט זיך פעסט ביי די אידישע תּוֹרה. זי וויל נישט הערן פון די גריכישע געזעצן וואָס איז קעגן זייער תּוֹרה. דעם קעניג אַנטיוֹכוס׳נס באַפעל איז ביי איר נישט חָשוב און זי איז אַנטשלאָסן מיט איר גרויס עַקשָנוּת ווייטער אָנצוגיין מיט אָט דעם וועג; און נאָכמער פון אַלעם, אַלע אירע קינדער פון גרויס ביז קליין לערנט זי אויך אַזוי, אַז איין וואָרט פון זייער תּוֹרה, איין מִצוה פון זייערע חֲכָמים און איין מִנהג וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי געלערנט איז מער ווערט פון אַלע גוֹי׳אישע געזעצן מיט זייער גאַנצן קולטור און וויסנשאַפט אינאיינעם.

אין דעם רָשע האָט זיך צעפלאַקערט דער כַּעַס, ער איז געוואָרן אָנגעצינדן מיט רְציחה. וואָס הייסט, נאָך די אַלע גזֵירות, פּייניגונגען און הֲריגות, האָבן נאָך די אידן נישט געבראָכן זייער שטאַנדהאַפטיגקייט. זיי זענען נאָך די זעלבע עַקשָנים, זיי קלאַמערן זיך נאָך אַלץ צו די אידישע תּוֹרה.

ער האָט מיט חוצפּה אַ שריי געגעבן אויפגערעגטערהייט: „ברענגט זיי שוין אַהער!״

די רְשָעים האָבן געפאָלגט, און מען האָט די צדיקת חַנה, די שטאָלצע אידישע מאַמען מיט אירע זיבן קינדער געברענגט צום קעניג אַנטיוֹכוס הָרָשע.

ווענדנדיג זיך צום עלטסטן, צום בּכוֹר האָט ער געזאָגט, „שוין אָפּ דיין יונג לעבן. עס פון דעם חַזיר פלייש, און לאָז דיך וואויל גיין. וואָס טויג דיר נאָכצוגיין די אַלטע געזעצן פון אייער תּוֹרה?! היינט איז אַנדערע צייטן, מען קען זיך נישט פירן אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק. מען דאַרף מאַכן ענדערונגען אין די אַלט מאָדישע געזעצן. פּאַס דיך צו צו די היינטיגע וועלט״, האָט אַנטיוֹכוס אים געפּרוּווט איבערצורעדן.

„וואָס רעדסטו צו מיר אַזויפיל פון דיינע נאַרישקייטן?״ האָט דער בּכוֹר מיט אַ הייליגן שטאָלץ דרייסט געענטפערט. „ווייסטו דען נישט אַז מיר אידן האָבן נאָר איין באַשעפער און איין תּוֹרה. מיר לאָזן זיך ענדערש הרג׳ענען ווי איידער עוֹבר צו זיין אויף איין זאַך פון די הייליגע תּוֹרה. איין אות פון אונזער תּוֹרה, אָדער איין דין פון אונזערע דינים און הֲלָכוֹת וועלן מיר נישט ענדערן אפילו מען נעמט אונז צו דאָס לעבן.״

דערדריקן, צוטרעטן און ח״ו איינשלינגען, ווענדעט מען זיך צו השי״ת נאָך הילף, ביז די יְשועה קומט, איז די בעסטע עֵצה איינער דעם אַנדערן אַרויסצוהעלפן, מוטיגן און שטאַרקן, פאַר אַ ברודער פאַר אַ שָכן, פאַר אַ באַקאַנטן, זאָגט מען שטאַרק דיך, מיט אַ ביסל געדולד, אַ ביסל שִמחה, קען מען גרינגער פאַטרייבן די ליידן, די שווערינקייטן ווערן גרינגער, השי״ת פאַרלאָזט נישט זיינע קינדער, די יְשועה איז שוין נאָנט.

קאפיטל י״ז

## חַנה מיט די זיבן זין

דאָס מענטשליכע פאַרשטאַנד איז צי שוואַך דאָס צו באַגרייפן, דאָס האַרץ דאָס צו פילן, די כּוחות דאָס צו דערשפירן און זיכער איז די גאַנצע וועלט׳ס טינט און פאַפיר צי ווייניג, דאָס צו באַשרייבן, און די פעדער איז צי אָרעם צו שילדערן דאָס געוואַלדיגע מסירת נפש פון די העלדן, די הייליגע פרוי חנה מיט אירע זיבן הייליגע זין. דאָ זעט מען קלאָר וואָס אַן אֱמת׳דיג וואַרעם אידיש האַרץ, וואָס פלאַמט פאַרן באַשעפער, קען באַווייזן.



דערהערנדיק די שטאָלצע רייד פון דעם אינגל איז דער מֶלך זייער אין כַּעס געוואָרן. ער האָט געהייסן ברענגען אַ גרויסן פאַן מיט אַ גרויסן טאָפּ און זיי אָנהייצן אויפ׳ן פייער.

מיט אַ געוואַלדיקן רִשעות און אַכזָריות האָט ער באַפוילן מען זאָל אים צוערשט אַראָפּשניידן די צונג, דערנאָך די הענט און די פיס, אָפּשינדן די הויט פון קאָפּ און אַלץ אַריינוואַרפן אין פאַן. דאָס איבעריקע וואָס איז איבערגעבליבן פון קערפּער, האָט דער רָשע געהייסן, אַריינוואַרפן אין טאָפּ. די גרויזאַמע ברוטאַלע פייניגונגען האָט ער אפגעטאָן אין אָנוועזנהייט פון די מאַמען און די איבעריקע זעקס קינדער.

ביז ווי לאַנג דעם בָּחור׳ס נְשָׁמה האָט זיך געהאַלטן אין אים האָבן זיי אים געשטאַרקט און געטרייסט, ער זאָל שטאַרבן מיט שִׂמחה ווייל ער שטאַרבט פאַרן באַשעפער׳ס וועגן.

„דאָס האָט משה רבינו פאָראויס געזאָגט אין זיין נְבוּאה, „וְעַל עֲבָדָיו יִתְנֶחָם״ — „וועגן זיינע קנעכט וועט ער צוריקציען די גזֵירות איבער אידן. ער וועט זען וואָס מען טוט מיט זיינע געטרייע קנעכט, וועט ער צוריקציען זיין צאָרן פון זיין פאָלק. מיר דאַרפן זיך שפּירן גליקליך אַז מיר זענען אויסדערוועלט געוואָרן צו זיין די קנעכט.״ האָט די מוטער אויסגעפירט.

דערנאָך האָט מען געברענגט דעם צווייטן זון.

„פאָלג דעם מֶלך״, האָבן געראָטן די באַדינער פון דעם רָשע, „פּאַרוואָס זאָלסטו שטאַרבן מיט אַזעלכע יסורים ווי דיין ברודער?״

„ברענגט דאָס פייער! ברענגט די שווערד! טוט מיט מיר וואָס איר ווילט! איך בין נישט אַנדערש פון מיין ברודער!!״ האָט ער דרייסט אויסגערופן. „צייטן מעגן זיך ענדערן אָבער אונזער הייליגע תּורה וועט זיך קיינמאָל נישט ענדערן, פּונקט ווי אונזער לעבעדיקער באַשעפער ענדערט זיך קיינמאָל נישט!״

אַנטיוכוס האָט גלייך באַפוילן צו טאָן מיט אים דאָס זעלבע וואָס מען האָט געטאָן מיט זיין ברודער.

איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין נְשָמה האָט ער געזאָגט צום קעניג אַנטיוכוס, דעם מערדער, „דו נעמסט טאַקע צו מיין נְשָמה אָבער עס וועט נישט בלייבן ביי דיר. מיין נְשָמה גייט גראָד אַרויף אין הימל און השי״ת וועט עס אַריינפירן אין גַן עֵדן ווייל איך האָב מיך געלאָזט הרג׳ענען פאַר זיין הייליגע תּורה וועגן. אָבער דו רָשע, דו וועסט זיין פאַרשאָלטן אויף אייביג!״ און דער צווייטער האָט אויך אויסגעהויכט זיין הייליגע נְשָמה.

די רְשָעים האָבן גענומען דעם דריטן זון און געמאַכט די זעלבע פּראָבע.

אָבער עס האָט זיך ביים דריטן קינד אויך נישט איינגעגעבן.

דאָ האָט זיך דער רָשע אַנטיוכוס אָנגערופן מיט אַ געמאַכטן שמייכל, „זאָג נאָר מיין קינד, פאַרוואָס זאָלסטו זיין אַזאַ עַקשן ווי דיינע צוויי עלטערע ברודערס, קוק ווי טייער זיי האָבן באַצאָלט פאַר זייער עַקשָנות. אַ



מענטש מוז זיין נאָכגעבליך. עַקשָׁנות איז אַ מִיאוס׳ע געוואוינהייט. איבער יאָ אָדער נישט עסן אַ שטיקל פלייש, דאַרף מען נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט. איך מיין נאָר דיין טוֹבה. קוק צו דעם צַעַר און ווייטאָג פון דיין מאַמען. האָב רַחמָנות אויף דיין יונג לעבן. פאָלג מיך מיין קינד, וועט דיר זיין וואויל אין דיין גאַנץ לעבן״.

דאָס קלוגע קינד האָט קורץ און שאַרף געענטפערט דעם מעכטיגן קעניג אַנטיוֹכוס, „עַקשָׁנות איז די שענסטע מִדה וואָס מיר אידן פאַרמאָגן, צו קלאַמערן זיך אין אונזער הייליגע תּוֹרה אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן. עַקשָׁנות איז נאָר מִיאוס״ האָט דאָס קינד פאָרגעזעצט „ווען מען נוצט דאָס צו אייגענע אינטערעסן״.

דער רָשע אַנטיוֹכוס האָט אויף דעם נישט גערעכנט, אַ קליין יונג אידיש קינד, זאָל אַזוי אָפּענטפערן אַ מעכטיגן קעניג, וואָס באהערשט אַ וועלט. ער איז געוואָרן רויט פון בושה, און אַ ווינק געגעבן ווייטער אָנצוגיין מיט די פייניגונגען מיט אַכזָריות.

די געטרייע דינערס פונעם מעכטיגן קעניג אַנטיוֹכוס, האָבן טאַקע געפאָלגט, און אָנגעפאַנגען מיט מער אימפעט, מיט אַ גרעסערע רְציחה צו פייניגן זייער יונגן און שוואַכן קָרבן, און אַלץ געפרעגט, „יעצט ווילסטו שוין עסן?״

„ניין!״ האָט ער אַלץ געשריגן מיט שטאָלץ און מיט אַ הייליגן עַקשָׁנות.

בעפאָר מען האָט אים אויסגעשניטן זיין צונג האָט ער זיך אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאָגט, „רִבּוֹנו שֶׁל עוֹלָם, געטרייער פאָטער אין הימל, דו האָסט מיר באַשאַפן מיינע ביינער, מיט׳ן גאַנצן האַרץ גיב איך דאָס צוריק פאַר דיר וועגן דיין הייליגע תּוֹרה. איך האָף צו דיר אַז ווען די צייט וועט קומען וועסטו מיר עס אומקערן, ביי תְּחִיַת הַמֵתִים״.

אַלע אָנוועזנדע האָבן באַוואונדערט דאָס דרייסטקייט און עַקשָׁנות, און אַנטשלאָסנקייט פון אַ יונג קינד וואָס די געפערליכע ווייטאָגן זענען ביי אים ווי גאָרנישט.

אָבער דאָס האָט נישט באַרירט די רְשָׁעים פון ווייטער צו גיין מיט זייער סאַדיסטישע רְציחה, מיט׳ן גרעסטן אַכזָריות.

ווען דער רָשע אַנטיוֹכוס האָט זיך געווענדעט צום פערטן זון האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אויסהערן וואָס ער וויל אים זאָגן, האָט ער גלייך געהייסן אים פייניגן.

# טוֹב לַחְסוֹת בַּה׳ מִבְּטֹחַ בָּאָדָם

אונטער די גרעסטע יסורים האָט ער געזאָגט דעם פסוק אין תְּהִלִּים: „טוֹב לַחְסוֹת בַּה׳ מִבְּטוֹחַ בָּאָדָם״ עס איז בעסער זיך צו שיצן אין השי״ת ווי איידער צו פאַרזיכערן און פאַרלאָזן זיך אין מענטשן, ווייל השי״ת וועט מיך לעבעדיג מאַכן אויף יענע וועלט, און דו מענטש, דו וועסט קיינמאָל מער נישט לעבעדיג ווערן!״

און די פערטע נְשָׁמָה איז אויך אַרויף אין הימל ריין און געלייטערט.

זיי האָבן גענומען דעם פינפטן זון און די זעלבע סצענע האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט.

פּלוצלינג, רופט זיך אָן דער קעניג, מיט אַן ערנסטן טאָן: „זאָג נאָר מיין קינד, שטייט נישט אין די אידישע תּוֹרה אַז מען דאַרף פאָלגן אַ קעניג״?

עס באַווייזט זיך אַ שמייכל אויפ׳ן איידעלן פָּנים פון קינד ווען ער הערט דאָס וואָרט „אידישע תּוֹרה״ ער פאַרגעסט וואו ער געפינט זיך, ער פּראָבירט צו פאַרגעסן פון די פאַרבלוטיגטע קערפּערס פון זיינע פיר דער׳הרג׳עטע ברידער, וואָס ליגן דאָ צעוואָרפן, צעשטיקלט אין אַ טייך בלוט. ער פאַרגעסט פון זיינע צוויי קליינע לעבעדיגע ברידערלעך וואָס שטייען נעבן אים און וואַרטן אויף זייער גוֹרל. אָנכאַפּנדיג זיך אין די גרויסע הייליגע מאַמען, מיטן צעבלוטיגטן האַרץ, פאַרגעסט ער אַז ער שטייט פאַר אַ גרויזאַמען קעניג אין די לעצטע מינוטן פון זיין יונג לעבן.

עס קלינגט אים אין די אויערן „די אידישע תּוֹרה״. ער דערמאנט זיך אין די זיסע פאַרגאַנגענהייט. אָט זיצט ער אין חֶדר, מיט זיינע חֲבֵרים צוזאַמען. זיין רבי, מיט אַ שטענדיגן ליבליכן שמייכל אויפ׳ן פָּנים, זיצט מיטן אָפענעם סֵפר, און מען לערנט די „אידישע תּוֹרה״ דעם באַשעפערס תּוֹרה. מען לערנט דִבְרֵי אֱלֹקִים חַיים די לעבעדיגע תּוֹרה. יעדעס וואָרט אַ פּערל, אַ דיאַמאַנט, טייער און חָשוּב. די קינדערישע זִכְרוֹנוֹת האָבן זיך צעשפּילט און אַוועקגעפירט דאָס קינד מיטן שמייכל אויפ׳ן פנים, אין ווייטן פאַרגאַנגענהייט. עס איז אויפגעשווימען אין זיין יונג מוֹח׳ל אַלע אַנגענעמע




טאָן מיט די זיסע אידישע תּורה, „וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנוֹפֶת צוּפִים״, די הייליגע תּורה מיט אירע מצוות זענען נאָך זיסער פון האָניג. אַזוי טראַכטנדיג פילט ער אַ קלאַפּ פון אונטן פון קעניג׳ס אַ דינער: „דו איד! דער קעניג וואַרט אויף דיין ענטפער!״

„אוי... אין אונזער אידישע תורה״? פרעגט ער איבער „אין אונזער הייליגע תּורה?״ חזר׳ט ער איבער נאָכאַמאָל, אָבער שוין מיט מוט, דרייסט, הויך אויפ׳ן קול. „מיין רבי אין חדר האָט אונז אַזוי געלערנט: חֲנַנְיָ׳ מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָ׳, די גרויסע צַדִּיקִים האָבן געזאָגט צום דעמאָלסדיגן קעניג נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל: השי״ת האָט אונז איבערגעגעבן אין דיינע הענט וועגן אונזערע זינד, אָבער נאָר אויף קערפּערליכע זאַכן, ווי צאָלן שטייערן, שווער צו אַרבעטן און אָנצונעמען דעם יאָך פון גָלות מיט אַלע אירע שוועריגקייטן, אָבער איבער שְׁמִירַת תּורה וּמִצוות זענען מיר נישט אונטערטעניג פאַר

קיינעם אין דער וועלט, נאָר צו אונזער איין איינציגן באַשעפער, דער באַשעפער פון אַלע וועלטן, דעם באַשעפער וועם אונזערע עלטערן האָבן געדינט. אפילו דו וועסט מיט אונז טאָן וואָס דו ווילסט וועלן מיר אויך בלייבן געטריי צו אונזער הייליגן באַשעפער, צו זיין תּורה, צו די „אידישע תּורה".

אַנטיוכוס הָרָשע זעט שוין ווי ער האַלט, מיט אָט די „אידישע" קינדער, וואָס האַלטן יאָ איין די „אידישע" תּורה. ער בלייבט שטיל, ער גיט נאָר אַ ווינק, ווייטער אָנצוגיין מיט זייער בלוט באָד.

ווען מען האָט דאָס קינד שטאַרק געפייניגט האָט ער זיך געווענדעט צו אַנטיוכוס'ן און געזאָגט: „דו קענסט יעצט טאָן רְשעות וויפיל דו ווילסט, אָבער וויסן זאָלסטו דיין סוף וועט קומען. דו זאָלסט נישט מיינען אַז השי"ת האָט פאַרלאָזט זיין פאָלק. וואַרט נאָר אַביסל וועסטו שוין זען ווי השי"ת וועט העלפן זיינע קינדער. ווי וואונדערליך אונזער באַשעפער וועט מַציל זיין זיינע געטרייע שעפעלעך פון דיינע הענט, און דעמאָלס וועסטו פאַר דעם אַלעם גוט באַצאָלן. אונזער לעבעדיגער באַשעפער בלייבט נישט שולדיג פאַר קיינעם. מען דאַרף נאָר צו האָבן געדולד אויסצואוואַרטן.

מיט די ווערטער האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליגע יונגע נְשָמָה.

די רְשָעים זענען נישט מיד געוואָרן. אָן רַחמָנות האָבן זיי גענומען אויך דעם זעקסטן זון, און נישט קוקנדיג דערויף וואָס ער איז אַזוי קליין, האָט מען אים פונקט אַזוי באַרבאַריש געפייניגט ווי די אַנדערע ברידער, אַלעס אין אָנוועזנהייט פון זיין מוטער, די צדיקת חַנה.

אויך ער האָט געזאָגט עטליכע ווערטער צום רָשע, „זאָלסט דיך גאָרנישט גרויס האַלטן. די אַלע צָרות זענען געקומען אויף אונז ווייל מיר האָבן געזינדיגט קעגן אונזער באַשעפער. אַלעס איז מיט דִין און אַלעס מיט אַ פּינקטליכן גענויעם חשבון. אָבער וויסן זאָלסטו, דו וועסט נישט קענען אַנטלויפן פון די האַנט פון הַקָדוש בָרוך הוא, וואָס דו האָסט געשפּעט פון אים, און פון זיין פאָלק, און אים דערצערנט."

ווער קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מענטש די צדיקת חַנה איז געווען? אַקעגן אירע אויגן האָט מען גע'שחט'ן אירע קינדער איינס נאָכן אַנדערן, דערצו נאָך מיט אַזעלכע אַכזָריות'דיגע פייניגונגען.

לאָמיר אויף אַ רֶגע זיך אָפּשטעלן און אַריינטראַכטן, אין נאַטירליכע מוטערליכע געפילן. אין אַ צייט ווען איר קינד איז אין אַ סכָּנה, וואָס טוט

# אֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה

זי? די מוטערליכע געפילן שטאַרקן זיך איבער מענטשליכע כּוחות. זי קען אויף זיין נעכט, און גאַנצע טעג, און וואַכן שטיין אויף די פיס, אויסרייסן מויערן, לויפן מיילן. זי טוט דאָס אוממעגליכע כּדי צו ראַטעווען איר קינד.

וואָס האָט חנה געטאָן אין די צייט? ביי יעדן קינד האָט זי פריילעך געזאָגט דעם פּסוק אין תְּהִלִים „אֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה!״ אַ מאַמע פון אַזעלכע קינדער מעג זיך טאַקע פרייען! און זי האָט נאָך געשטאַרקט און געמוטיגט אירע קינדער.

זי האָט גערעדט צו אירע קינדער אין די אידישע שפּראַך וואָס די רְשָׁעִים האָבן נישט פאַרשטאַנען. „קינדער טייערע״, האָט זי געזאָגט, „נישט איך האָב אייך געגעבן דאָס לעבן, דער איינציגער באַשעפער אין הימל, דער באַשעפער פון די אידן, ער האָט אין אייך אַריינגעבלאָזן אייער נְשָׁמָה. יעצט אַז איר גיט אים אַוועק אייער לעבן וועגן זיינע הייליגע מִצְוֹת, וועט ער עס אייך גוט באַצאָלן אויף יענע וועלט און ער וועט אייך אייערע נְשָׁמוֹת אומקערן, ווען עס וועט קומען די צייט פון תְּחִיַּית הַמֵּתִים״.

אַנטיוכוס, טראָץ זיין רִשְׁעוּת און גאַווה, האָט זיך פּשוט געשעמט פאַר די פרוי. זי מיט אירע קינדער זענען פיל שטאַרקער פון אים. „ביים לעצטן, ביים קלענסטן מוז איך פּועל׳ן״, האָט ער זיך געטראַכט. (דאָס קינד איז געווען קוים זיבן יאָר אַלט.)

„קום אַהער מיין קינד״, האָט אים דער קעניג צוגערופן נענטער צו זיך. „אויב דו וועסט מיך פאָלגן, וועסטו זיין אַ גרויסער עוֹשר. איך שווער אַז איך וועל דיך מאַכן אַ מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ און וואָס עס וועט דיר פעלן וועל איך דיר ערפילן״.

דאָס קליינע אינגל האָט אים מיט געשפּעט צוריק געענטפערט, „אוי, דו אַלטער טִיפֶּשׁ, דו ווילסט מיך איבעררעדן מיט פאַלשע מַתָּנוֹת, וואָס ווייסטו וואָס מיט דיר וועט זיין מאָרגן?״ מיין טאַטע האָט מיך געלערנט אַז די




גאַנצע וועלטס פאַרמעגן, כָּבוד, רייכטום, און תַּענוגים זענען נישט גענוג אויף וויפיל השי"ת וועט אונז באַצאָלן נאָר פאַר איין איינציגע מִצוה וואָס מיר זענען מְקַיים. ווילסטו מיך אָפּקויפן מיט מַתָּנות כדי ח"ו עובר צו זיין אויף די תּורה הַקדושה?

איינזעענדיג אַז מיט גוטן פּועל'ט ער נישט האָט ער פּראָבירט אים צו דערשרעקן מיט אַלע סאָרט שלעכטע שטראָפן וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט אים מאָמענטאַל דיקטירט. אָבער אויך דאָס האָט קינד נישט אָפּגעשראָקן.

האָט זיך אַנטיוכוס געווענדעט צו זיין מוטער, „האָב רַחמָנות אויף דיין לעצטן קינד, רעד אים איבער".

„גוט, איך וועל פּראָבירן", האָט זי געענטפערט.

זי האָט אָבער אינזינען געהאַט גאָר עפּעס אַנדערש.

זי האָט גענומען דאָס קינד אין אַ זייט, געהאַלזט און געקושט, און אין די אידישע שפּראַך, אַז די שׂוֹנאים זאָלן נישט פאַרשטיין, האָט זי אים מיט העלדן־מוט געזאָגט: „מיין טייער געליבט קינד, איך האָב מיך מיט דיר פיל געמאַטערט, מיט פלאָג און מי האָב איך דיך דערצויגן ביזן היינטיגן טאָג, בעט איך דיך מיין טייער קינד, מיין האַרץ מיין פאַרגעניגן מיין לעבן! דאָס איינע מאָל דערבאַרעם דיך אויף מיר!"

# מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה׳



„קוק אַרויף אויפ׳ן הימל, די זון די לְבָנה און די ליכטיגע שטערן׳ס. קוק אויף די ערד מיט אַלע אירע באַשעפענישן, דעם ים מיט אַלעם וואָס עס איז דאָ דערינען. דאָס אַלעס האָט אונזער הייליגער באַשעפער בּאַשאַפן פון גאָרנישט און געמאַכט אַזאַ שיינע גרויסע וועלט״.

„קוק מיין קינד, די ביימער די גראָזן, די פֵּירות, די בלומען, די חַיות און בְּהֵמות, די פיש אין וואַסער און די פויגל וואָס פליען. אַלעס אַלעס האָט אונזער באַשעפער באַשאַפן, און אַלע זאָגן שִׁירה, זיי זינגען, דאַנקען, און לויבן צום לעבעדיגן באַשעפער.

„אַזאַ גרויסן, הייליגן, לעבעדיגן, באַשעפער, וואָס האָט אונז געגעבן אַ הייליגע תּורה לוינט זיך נישט אויפצוטוישן פאַר זייער נאַרישן אָפּגאָט, פאַר זייער עֲבוֹדה זָרה״.

„דערפֿאַר מיין קינד, פֿאַרכט דיך נישט פֿון דעם מערדער און גיי שטאַרבן מיט דיין גוטן ווילן און מיט שׂמחה אַזוי ווי דיינע ברידער האָבן געטאָן. השי״ת איז באַגליבט, ער וועט דיר אומקערן דיין נְשָׁמה ווען די צייט וועט קומען ביי תּחִיַּית הַמֵּתים, ווען ער וועט זיך דערבאַרעמען אויף אַלע אידן!״

„מיין זיסע טייערע מאַמע״, האָט דאָס קינד געענטפֿערט, „דו ברויכסט גאָרנישט צו זאָרגן איבער מיר, איך בין גרייט פּינקטליך אַזוי צו טאָן, ווי דו האָסט מיך געלערנט. מיין רָצון איז נאָר צו טאָן דיין ווילן און דעם ווילן פֿון השי״ת. דו וועסט דיך קיינמאָל נישט דאַרפֿן צו שעמען מיט מיר, פּונקט ווי מיט אַלע מיינע ברידער. איך בין גרייט אָוועקצוגעבן מיין יונג לעבן פֿאַרן כָּבוד פֿון השי״ת, אַזוי ווי אונזער הייליגע תּורה לערנט אונז״.

אַזוי רעדנדיג, האָט דאָס קינד ווענדנדיג זיך צו די רְשָׁעים אויסגעשריגן. „וואָס וואַרט איר? איך וועל חָלִילה נישט האָרכן דעם קעניג, ווייל מיין נְשָׁמה איז באַהאָפֿטן צו אונזער הייליגע תּורה וואָס השי״ת האָט אונז געגעבן דורך זיין געטרייען קנעכט משה רבינו. „און דו״, האָט ער ווייטער געזאָגט ווייזנדיג מיט׳ן פֿינגער אויף אַנטיוכוס׳ן, „דו פֿיינט פֿון די אידן, פֿון די האַנט פֿונעם אויבערשטן וועסטו נישט קענען אַנטרינען ווערן. מיר ליידן יעצט וועגן אונזערע זינד. יעצט איז דיין האַנט שווער אויף אונז, אָבער באַלד וועט זיך השי״ת דערבאַרעמען אויף אונז״.

„אָבער דו, געמיינער, בלוטיגער רוצח! וואָס דיינס גלייכן איז נישטאָ״, האָט ער פֿאָרגעזעצט, „דו זאָלסט דיך נישט רימען אַז מיט דיין שטאַרקקייט האָסטו געהויבן דיין האַנט צו שלאָגן די קנעכט פֿון השי״ת. דו וועסט נישט קענען אַנטלויפֿן פֿון דעם דִין און מִשפּט, ווייל קיין זאַך איז נישט פֿאַרהוילן פֿון השי״ת״.

„נאָר אַ פּאָר מינוט האָבן מיינע ברידער געליטן פֿון דיין צאָרן, אָבער יעצט טוט השי״ת מיט זיין גענאַד שיצן אויף זיי. איך בין זיך מוסר נֶפֶש וועגן די געזעצן וואָס מיינע עלטערן האָבן געהיטן, פּונקט אַזוי ווי מיינע ברידער האָבן געטאָן, און איך שריי צום באַשעפֿער ער זאָל זיך שוין דערבאַרעמען אויף זיין פֿאָלק״.

„ווען דער אויבערשטער וועט דיך קלאַפּן מיט גרויסע קלעפּ וועסטו שוין מודה זיין אַז השי״ת איז דער איינציגער. דער צאָרן פֿון השי״ת וואָס איז געוואָרן אויסגעגאָסן אויף מיין פֿאָלק וועט זיך אָפּשטילן מיט מיין בלוט און מיט׳ן בלוט פֿון מיינע ברידער!״

מיט די האַרציגע ווערטער האָט דאָס קינד געענדיגט.

דעם רָשע אַנטיוכוס האָט עס גאָרנישט באַרירט, און ער האָט געהייסן אויך דאָס זיבעטע, דאָס לעצטע קינד הַרג׳ענען.

פאַרטיג, אַלע זיבן זון גע׳הַרג׳עט. שאַרף און שטאָלץ האָט די אומשאַצבאַרע הייליגע מוטער צוגעקוקט די טראַגעדיע. פאַר אירע אויגן ליגן די קערפּערס פון אַלע אירע קינדער. פון איר פאַמיליע איז קיינער נישט געבליבן, נאָר זי אַליין. טראָץ דעם האָבן אירע הייליגע געפילן צום באַשעפער נאָך אַלץ איבערגעוואויגן די גַשמִיות׳דיגע נאַטורליכע מוטערליכע געפילן, וואָס אַ יעדע מאַמע באַזיצט.

זי האָט אויפגעהויבן אירע הענט און האָט געזאָגט אַ הייסע תּפִלה צום אויבערשטן:

„הייליגער געטרייער פאָטער אין הימל. מיין האַרץ איז שטאָלץ. קיין איינעם פון מיינע קינדער איז דעם פיינט נישט געלונגען איבערצורעדן, אָפּצולאָזן דיינע וועגן״.

„איר שׂונאים, האַלט אייך נישט גרויס. מיינט נישט אַז איר באַזיגט מיט אייער כּח, אָדער מיט׳ן כּח פון אייער אָפּגאָט. ווייל פונקט ווי השי״ת אונזער באַשעפער, האָט אונז באַשטראָפט ווייל מיר האָבן געזינדיגט; פונקט אַזוי וועט ער אייך אויך שטראָפן, און וועט שנעל שיקן די יְשוּעָה. די שׂונאים פון די אידן וועלן פאַרשניטן ווערן און אידישע קינדער וועלן געהאָלפן ווערן״.

„אַלמעכטיגער הייליגער באַשעפער! אָנָא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָא העלף דיין דינסט חנה, און נעם מיין נְשָׁמה צו דיר, די רְשָׁעים זאָלן מיך נישט פאַרפירן. פיר מיך רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם צו דעם אָרט וואָס דו האָסט אָנגעגרייט פאַר מיינע טייערע קינדער, מיינע שעפעלעך, דיינע געטרייע זיבן קנעכט וואָס האָבן זיך געלאָזט הַרג׳ענען וועגן דיין הייליגע תּוֹרה, און שענק מיר אויך דאָרט אַ שטיקל פלאַץ״. אַזוי האָט זי מִתפּלל געווען פון טיפן האַרצן און פאַרגאָסן טייכן טרערן פאַר השי״ת.

ווען זי האָט געענדיגט אירע תּפִילות איז זי אַנידערגעפאַלן אויף די צעשטיקלטע, און צעבלוטיגטע קערפּערס פון אירע הייליגע קינדער, וואָס זי האָט אַזוי מוסטערהאַפטיג ערצויגן, און מיט ליבשאַפט זיי מַקריב געווען פאַר השי״ת, און זי האָט אויסגעהויכט איר הייליגע נְשָׁמה.




חנה מיט אירע זיבן זין זענען פאַרבליבן אַ סימבאָל פון מְסִירַת נֶפֶשׁ פאַר די הייליגע תּוֹרה פאַר אַלע דורות. זיי פאַרנעמען אין גַן עֵדן צווישן די חָשוב׳סטע ערטער, צווישן די מְקַדְשֵׁי הַשֵׁם, וועלכע האָבן געאָפפערט זייער לעבן אויף קידוש השם, וואָס קיינער קען נישט קומען אין זייער מְחִיצָה אין גַן עֵדֶן.

הַשֵׁם יִנְקוֹם דָמָם — השי״ת זאָל אינגיכן נְקָמָה נעמען פאַר זייער פאַרגאָסן בלוט, אָמן!!!

פרק ד

# עַל הַנִּסִּים

קאפיטל י״ח

## מַתִּתְיָהו נעמט זיך אָן פאַרן כבוד שָׁמַיִם

אין יענע צייט האָט געוואוינט אין הַר הַמּוֹדִיעִין, — אַ קליין דערפל וואָס ליגט אויף אַ באַרג אין שֵׁבֶט יְהוּדָא, — אַ איד מיט׳ן נאָמען מַתִּתְיָהוּ. ער איז געווען דער זון פון יוחנן כֹּהֵן גָּדוֹל, וואָס האָט געשטאַמט פון די מיוחס׳דיגע מִשְׁפָּחָה יְהוֹיָרִיב, די ערשטע מִשְׁפָּחָה פון די 24 מִשְׁמָרוֹת כְּהוּנָּה, וואָס שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא מיט דָוִד הַמֶּלֶךְ האָבן איינגעטיילט אַז יעדע וואָך זאָל אַן אַנדערע מִשְׁפָּחָה פון כֹּהֲנִים טאָן די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

פריער האָט ער געוואוינט אין יְרוּשָׁלַיִם, נאָר זייט די ביטערע גְזֵירוֹת קעגן שְׁמִירַת תּוֹרָה וּמִצְוֹת האָבן זיך פאַרמערט אין יְרוּשָׁלַיִם, איז ער, מיט זיין גאַנצע מִשְׁפָּחָה אַנטלאָפן קיין מוֹדִיעִין, ווייל אַהין זענען די יְוָונִים נאָך נישט אָנגעקומען.

ער האָט געהאַט פינף זון, יוחנן, שִׁמְעוֹן, יהודא, אלעזר און יונתן.

מַתִּתְיָהוּ איז געווען אַ גרויסער ערליכער איד, פון די „מְסִירַת נֶפֶשׁ אידן״. ער איז געווען אַ תַּלְמִיד פון די הייליגע תַּנָּאִים יוֹסֵי בֶּן יוֹעֶזֶר און יוֹסֵי בֶּן יוֹחָנָן, נָשִׂיא און אָב בֵּית דִּין פון פריערדיגן דור, וואָס זענען דעמאָלס געווען די גרעסטע חֲכָמִים פון דור, און אַ חָבֵר פון יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה און נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי, וועלכע זענען שפעטער געוואָרן נָשִׂיא און אָב בֵּית דִּין.

# הַר הַמוֹדִיעִין



אויך זיינע קינדער זענען נאָכגעגאַנגען די פיסטריט פון זייער גרויסן ערליכן פאָטער אין צדקות און ערליכקייט. אויסער דעם האָבן זיי זיך אויך אויסגעצייכנט מיט פיל מַעלות, איבערהויפּט יהודא דער מיטלסטער. ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער מענטש, דערפאַר האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען „מַכַּבִּי" וואָס מיינט אויף יְוָנ׳יש אַ שטאַרקער. (מכב"י איז אויך די ראָשי תּיבות פון מי כמוך באלים י־ה׳).

אויך האָט מַתִּתְיָהוּ געהאַט אַן איינציגע טאָכטער מיטן נאָמען חנה, וואָס האָט באַזיצט אַלע מַעלות פון אַ אידישע טאָכטער, צניעות׳דיג, באַשיידן, אַ שעמעוודיגע מיט יִראַת שָׁמַיִם און גוטע מִדות א.א.וו.

מַתִּתְיָהוּ הערנדיג און זעענדיג אַלץ וואָס געשעט, די אַלע אומווירדיגקייטן וואָס קומען פאָר אין יְרוּשָׁלַיִם און אין לאַנד יהודא, איבערהויפּט ווי מען האָט פאַרשוועכט דאָס הייליגע בֵּית הַמִקדש, האָט ער געוויינט און געקלאָגט:

„ווי צו מיר וואָס איך בין געקומען אויף דער וועלט אין די פינסטערע

צייט, צו זען דעם בראָך פון מיין טייער פאָלק! פון די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם! דאָס בֵּית הַמִקְדָש איז וויסט און אין פרעמדע הענט״.

„אוי ווי, אוי ווי, מען קען נישט מַקריב זיין קָרבָּנות״, האָט ער ווייטער געיאָמערט.

„קינדער ווערן דערשטיקט, יונגע מענטשן גע׳שָחט׳ן, אידישע מאַמעס ווערן מיטן גרעסטן אַכזָריות געפייניגט פאַר האַלטן די תּורה און מְקַיים זיין אירע מִצוות. אונזערע פאַרמעגנס ווערן צוגערויבט! אוי ווי, ווי קען מען לעבן צו זען דאָס אַלעס...״

מַתִּתְיָהוּ מיט זיינע קינדער האָבן זיך צעריסן זייערע קליידער, אָנגעטאָן זעק מיט אַש, און ביטער געטרויערט אויפ׳ן שיקזאַל, אויף דעם ביטערן גורל פון זייערע טייערע ברידער.

ווי שוין פריער דערמאנט, איז נאָכדעם וואָס יְרוּשָׁלַיִם איז שוין פיל געווען מיט די גריכישע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס, פאַרשוועכט און אומריין, און די יְוָונים מיט די מִתיַוונים האָבן שוין געבושעוועט אין די גאַנצע הייליגע שטאָט און געבונטעוועט אין בֵּית הַמִקְדָש, זענען די שלוּחים פון דעם רָשָע אַנטיוכוס געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, אויפגעשטעלט בָּמות, און מַקְרִיב געווען דערויף חַזֵירים פאַר זייערע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס; און דערנאָך געצווינגען די אידן צו עסן דערפון.



עס האָט נישט געדויערט לאַנג, און זיי זענען אָנגעקומען אויך אויף מוֹדיעין, און אויך דאָרט אויפגעשטעלט אַ בָּמה.

צוערשט האָבן זיי זיך געווענדעט צו מַתּתיָהוּ, ווייל זיי האָבן געקלערט אַז אויב מען וועט ביי אים, ביים חָשוב׳סטן פון דאָרף פּוֹעל׳ן צו דינען די עֲבוֹדה זָרה וועט שוין גרינגער זיין אויסצופירן אויך ביי די איבריגע.

„מַתּתיָהוּ!״ האָט דער הויפּט פון די יְוָונים גערעדט צו אים. „דו ביסט דאָך דער חָשוב׳סטער פון דיין פאָלק, דו ביסט אויך דער הויפּט פון אַ גרויסע מִשפָּחה, זענען מיר דיך מְכבד דו זאָלסט זיין דער ערשטער אויסצופירן דעם באַפעל פון אונזער גרויסן קעניג מַקריב צו זיין דעם קָרבן, אַזוי ווי מען האָט געטאָן אין אַלע לענדער פון קעניג״.

מַתּתיָהוּ האָט קאַטעגאָריש און דרייסט אָפּגעזאָגט: „איך וועל פאָלגן נאָר „מיין״ קעניג׳ס באַפעלן!״ האָט ער געענטפערט דרייסט און ענטשלאָסן, מיט אַ קלאָר הויך קוֹל וואָס האָט אַדורכגענומען אַלע צוהערערס. „אייער קעניג זאָלט „איר״ פאָלגן, נישט איך״.

„אויך אין לאַנד יהודא און אפילו אין יְרוּשָלַים האָט מען מַקריב געווען פאַר אונזער קעניג׳ס אָפּגאָט״. האָט דער שַׂר פּראָבירט אים איבעררעדן. „אויב איר וועט פאָלגן וועט איר וואויל געפעלן אין די אויגן פון אונזער מעכטיגן קעניג און ער וועט אייך באַלוינען מיט אַסאַך גאָלד און זילבער״.

מַתּתיָהוּ האָט אויפגעהויבן זיין קוֹל און שטאָלץ און שאַרף געענטפערט: „אפילו די גאַנצע וועלט זאָל דינען צו דיין קעניג, און מיר וועלן בלייבן אַליין, וועסטו אונז נישט קענען איבעררעדן! מיר וועלן נישט פאַרלאָזן די מִצוות פון השי״ת, צו פאַרטוישן חָלִילה די הייליגע תּוֹרה אויף די געזעצן פון אייער קעניג!!״

„מַיִם רַבִּים לֹא יוּכלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה״, אַלע פעלקער פון דער וועלט מיט זייערע אַרמעיען מיט זייערע הערשערס און קעניגן, מיט זייער געווער, כֹּח, מאַכט, און הערשאַפט מיט זייערע אַלע פאַרמעגנס, כָּבוד און פאַרגעניגנס, וועלן זיי נישט קענען אויסלעשן די אַהֲבה, די ליבשאַפט וואָס מיר אידן האָבן צו אונזער געטרייעם פאָטער אין הימל.״

אַזוי ווי מַתּתיָהוּ האָט געענדיגט זיינע פייערדיגע פאָר ווערטער מיט אַ צעבלוטיגט אידיש האַרץ אויפ׳ן ביטערן מַצב, איז צוגעגאַנגען צו די בָּמה איינער פון די אַסימילירטע אידן, אַ פּוֹשע יִשׂרָאל, אַ פרעכער מְחוּצף, אַ מִתיַוון, מַקריב צו זיין דעם חַזיר אויף די בָּמה.

פאַר מַתִּתְיָהוּ'ן איז פאַרקלעמט געוואָרן דאָס האַרץ. דאָס בלוט איז אין אים פאַרגליווערט געוואָרן און ער איז געבליבן שטיין ווייס ווי שניי. ער האָט נישט געקענט צוקוקן דעם חִלּוּל הַשֵּׁם קעגן זיינע אויגן. אין אונזער הייליג לאַנד אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זאָל זיך טרויען אַ איד, וואָס איז געבוירן אין אַ אידיש הויז, צו דינען די עֲבוֹדָה זָרָה בְּפַרְהֶסְיָא אין געגנוואַרט פון פיל פאַרזאַמלטע אידן. אַ איד וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן באַרג סִינַי און געהערט פון השי"ת אַליין אָנֹכִי און לֹא יִהְיֶה לְךָ, גייט אויף דעם עוֹבֵר זיין בְּמֵזִיד און יאָ דינען די עֲבוֹדָה זָרָה, דערצו נאָך וואו? אין פַּלְטְרִין שֶׁל מֶלֶךְ אין קעניגליכן פּאַלאַץ, אין די הייליגע וואוינונג פון מֶלֶךְ הַכָּבוֹד, מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב"ה.

דאָס אידישע האַרץ האָט זיך אין אים צעפלאַקערט, און ער איז אינגאַנצן אויפגעשטורעמט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעצינדן אין אים אַ הייליגער פלאַם פייער פון קִנְאוּת פאַרן כָּבוֹד פון השי"ת, דער זעלבער פלאַם וואָס האָט זיך אָנגעצינדן ביי זיין זיידן פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, ווען ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן באַשעפערס כָּבוֹד און האָט גע'הַרג'עט זִמְרִי, וואָס האָט אויך געטאָן אַן עֲבֵירָה בְּפַרְהֶסְיָא.

מַתִּתְיָהוּ איז צוגעלאָפן מיט איין אָטעם, און זיינע קינדער נאָך אים. ער איז אַרויפגעשפּרינגען אויף די בָּמָה, און מיט אַ קליינע שווערד האָט ער אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דעם מִתְיַוֵּן. זיינע קינדער האָבן דאָס צוגעזען, זענען זיי אים גלייך נאָכגעגאַנגען און צוזאַמען מיט זייער הייליגן, העלדישן פאָטער האָבן זיי גע'הַרג'עט דעם שַׂר דעם אָפּיציר, מיט עטליכע פון זיינע אויפזעערס און די איבריגע זענען אַנטלאָפן.

מַתִּתְיָהוּ האָט צעשטערט די בָּמָה און געלאָפן אין דאָרף אַריין, און אויסגערופן הויך אויפ'ן קול: „ווער עס איז געטריי צו די הייליגע תּוֹרָה, און האַלט דעם בונד מיט השי"ת, מיטן באַשעפער פון אונזערע עלטערן, זאָל נאָכקומען נאָך מיר! „מִי לַה' אֵלָי".





אויך צו די אַרומיגע שטעט האָט ער געלאָזט באַפעלן דאָס זעלבע. נאָכדעם איז ער מיט זיינע קינדער מיט פיל ערליכע אידן אַנטלאָפן צווישן די בערג.

עס האָט געקלינגען איבעראַל ווי אַ דונער. אין אַלע עקן פון לאַנד האָט מען געהערט אַז מַתִּתְיָהוּ האָט זיך אָנגענומען פאַרן כָּבוד פון באַשעפער. ער האָט ווידערגעשפעניגט אין אַנטיוכוס דעם קעניג פון יָון, און נישט געפאָלגט צו דינען די עֲבוֹדָה זָרָה. אויך האָט ער גע׳הַרג׳עט די דאָזיגע וואָס דינען יאָ די גריכישע עֲבוֹדָה זָרָה. אַלע ערליכע אידן האָבן אויפגעזוכט מַתִּתְיָהוּ׳ן און זיך באַהאָפטן צו אים.

מַתִּתְיָהוּ האָט געזען מיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואָס ער האָט צו טאָן, האָט ער זיי אָרגאַניזירט און איז געוואָרן זייער הויפּט. ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע מענטשן פון זייער באַהעלטעניש, און געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און צעשטויסן אַלע בָּמוֹת, צעהאַקט אַלע גריכישע בילדער מיט זייערע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס, און אויסגערופן, „אידישע קינדער, לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונזער



תּוֹרה, צו אונזער באַשעפער, צו דעם זעלבן באַשעפער וואָס אונזערע עלטערן האָבן געדינט״. און אַזוי האָט ער איבערגעדרייט די לאַגע און אַרויסגעטריבן די יְוָונים פון איין שטאָט נאָך די אַנדערע.

אין יעדע שטאָט האָט ער אויסגערופן אַז ער גיט דריי טעג צייט תּשובה צו טאָן. ווער עס האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון די מִתיַוונים האָט ער גע׳הרג׳עט.

ער האָט צעשטערט די בָּמות, און געמאַכט בּרית׳ן פאַר די אַלע קינדער וועלכע מען האָט נישט געהאַט געמאַכט, וועגן די גזֵירות.

דריי יאָר מיט אַכט חדָשים צייט האָבן געדויערט די גזֵירות ביז השי״ת האָט זיך דערבאַרעמט און געשיקט די יְשוּעה דורך זיין קנעכט מַתּתְיָהוּ הַכּהן, אין יאָר ג׳ תרכ״א (3621).

איבעראָל איז געוואָרן פריילין פאַר די ערליכע אידן. אוֹרה וְשָׂשׂוֹן וְשִׂמחה, ליכטיג און פריילין. זיי האָבן אויפגענומען מַתּתְיָהוּ׳ן פאַר אַ קעניג.

# קאפיטל יט

## מַתִּתְיָהוּ'ס צַוָואה

איין יאָר האָט מַתִּתְיָהוּ געפירט די מלוכה מיט גרויס הַצְלָחה. דערנאָך ווען ער האָט געשפּירט אַז זיינע טעג זענען געציילטע, האָט ער צוגערופן זיינע זין צו זיך און געזאָגט:

„טייערע קינדער, איך שפּיר עס איז געקומען די צייט אַז איך מוז פאַרלאָזן די וועלט, וויל איך אייך איבערגעבן מיין לעצטן ווינטש".

„עס איז אַן עֵת צָרה, אַ שווערע צייט פאַר אידישע קינדער. איך ווייס אַז די יְוָונים וועלן קומען אויף אייך מיט גרויסע מִלְחָמות, ווייל מיר האָבן זיך אָנגענומען פאַר אונזער תּורה און פאַר אונזער פאָלק. מיינע קינדער, איר זאָלט נישט מורא האָבן פאַר די טָמא'נע גויים. פירט אייך ערליך וועט השי"ת באַגליקן אייערע וועגן! זייט שטענדיג גרייט זיך מוסר גֶפש צו זיין פאַר אונזער הייליגע תּורה".

„געדענקט וואָס השי"ת האָט באַצאָלט פאַר אונזערע עלטערן וואָס זענען געגאַנגען אין זיינע וועגן. אברהם אבינו איז בייגעשטאַנען די צען נִסיונות האָט השי"ת אויסגעקליבן זיינע קינדער פאַר אַ פאָלק. פִּנְחָס האָט זיך אָנגענומען פאַר השי"ת האָט ער מיט אים געשלאָסן אַ בונד אויף אייביג, אַז אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך וועלן זיין כֹּהֲנים. דָוד הַמֶלֶך איז געווען ערליך האָט אים השי"ת צוגעזאָגט די מלוכה אויף אייביג. חֲנַניה מִישָׁאל וְעֲזַריה האָבן זיך פאַרזיכערט אין אויבערשטן זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון קאַלעך אויוון פון ברענענדיגן פייער, און אַזוי ווייטער".

„זעט איר אַליין אַז ווער עס איז ערליך און פאַרזיכערט זיך אין הייליגן באַשעפער העלפט ער אים. יעצט מיינע טייערע קינדער, שטאַרקט אייך און האָט קיין מורא! זיי, די יְוָונים, פאַרזיכערן זיך מיט אַ גרויס מיליטער, מיט רייטער און געווער. איר וועט אייך פאַרזיכערן אין כֹּח פון השי"ת וואָס קען העלפן מיט אַסאַך מענטשן און מיט ווייניג, מיט געווער און אָן געווער. זייט שטענדיג צוזאַמען מיט אַחדות, און נעמט אייך אָן פאַר'ן כָּבוד פון באַשעפער".

עס ווערט שטיל אין שטוב... און מיטאַמאָל הייבט מַתִּתְיָהוּ ווייטער אָן צו רעדן: „שמעון מיין קינד, קום נעענטער צו מיר", שמעון קומט צו און מַתִּתְיָהוּ



נעמט זיך רעדן צו אים מיט האַרציגע רייד, „השי״ת האָט דיר געגעבן פאַרשטאַנד מיט חָכמה, דו זאָלסט העלפן דיינע ברידער און דיין פאָלק מיט די קלוגע עֵצות וואָס השי״ת וועט דיך „חוֹנן דַעַת״ זיין צו פירן די אידישע קינדער אין ריכטיגן וועג״.

„יהודא מיין קינד, קום נאָנט צו מיר״, יהודא קומט צו און מַתִּתְיָהו זאָגט ווייטער, „דו ביסט דאָך אַ גִיבּור נאָך פון דיין יוגנט, אַ שטאַרקער מענטש פול מיט כּח, דו וועסט זיין דער הויפט און וועסט פירן די מִלחָמות פאַר אידישע קינדער מיט דרייסטקייט, מוט, און חֵשק לויטן ווילן פון השי״ת״.

דערנאָך ווענדט זיך ווייטער מַתִּתְיָהו צו זיינע אַנדערע דריי זין און זאָגט צו זיי: „יוֹחנן, אֶלְעָזר און יוֹנתן איר וועט געטריי העלפן אייערע ברידער אויסצופירן דעם ווילן פון השי״ת״.

מַתִּתְיָהו האָט גענומען אַ קריגל אויל און געגאָסן אויף יהודא׳ס קאָפּ*) דערנאָך האָט ער געזאָגט אַ הייסע תפִלה צום רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ער זאָל העלפן פאַר זיינע קינדער און זאָל שטענדיג שטיין צו די רעכטע האַנט פון די ערליכע אידן.

מַתִּתְיָהו איז נפטר געוואָרן, אַלע אידן האָבן אים באַקלאָגט און באַוויינט, מען האָט איבעראָל געמאַכט אַ גרויסן הֶספד און טרויער נאָך אים.

יהודא האָט איבערגענומען די מלוכה.

---

*) אַזוי איז געווען דער סֵדר אַז ווען מען האָט געמאַכט איינעם פאַר אַ קעניג אָדער פאַר אַ קריגס פירער, האָט מען אים געזאַלבט מיט אויל פון בֵּית הַמִקדָש.



## קאפיטל כ

# די מִלחָמות פאַר די תּורה הקדושה

יהודא בן מַתִּתְיָהו הַכֹּהן איז געוואָרן אַ הער, אַן אָנפירער אַ געטרייער מַנהיג צו זיין פאָלק. מען האָט אים גערופן יהודא המַכַּבי, דאָס מיינט אויף יְוָונ׳יש אַ גִיבּור, אַ העלד, אַ דרייסטער מענטש ווער עס איז אַלעמאָל גרייט צו פאַרטיידיגן זיין פאָלק פאַר יעדן פרייז. אויף זיין פאָן האָט ער אויפגעשריבן די ראָשי תּיבות מִי כָמוֹךָ בָּאֵלִים י־ה׳ — ווער איז נאָך אַזוי שטאַרק און אַלמעכטיג ווי השי״ת*).

דער יהודא בן מַתִּתְיָהו כֹּהן גדול, איז געוועזן אַ קינד פון זיין גרויסן טאַטן, ווער עס האָט זיך אַוועק געגעבן זיין לעבן פאַרן כבוד שָׁמַיִם, אַן אייניקל פון פנחס בן אלעזר בן אהרן הכֹּהן, ווער עס האָט זיך מוסר נפש געוועזן פאַרן

*) דער חתם סופר זאָגט: אַז מכב״י איז די רָאשי תּיבות מתתי׳ כהן בן יוחנן. אויך ווערט געברענגט פון של״ה הקדוש אַז מכב״י איז ראשי תיבות: ברוך כבוד י־ה׳ ממקומו.

כלל ישׂראל, זיין אייגן לעבן געשטעלט אין דער זייט כדי צו ראַטעווען דאָס גאַנצע כלל ישׂראל פון אונטערגאַנג, און אַן אור אייניקל פון אהרן הכהן ווער עס האָט אַלע זיינע יאָרן געשטרעבט, געקעמפט, אַז אידן זאָלן זיך פירן בדרך התּורה. ער איז געווען אַ געוואַלדיגער גִבּור. זיין געשריי איז געווען ווי פון אַ לייב, זיין געשיקטקייט און דרייסטקייט ווי אַ לעמפּערט, ער איז געלאָפן ווי אַ הערש, און געווען גרינג ווי אַן אָדלער צו פאַרטיידיגן, צו היטן, צו שיצן צו שטאַרקן, אידישע קינדער, צו העלפן זיין געדריקט פאָלק, אין דעם שווערן מצב, פון די הענט פון די רְשָׁעִים, די יְוָונים, און נישט ח״ו זיך אונטערצוגעבן צו די מִתְיַוונים, וואָס ווילן ח״ו פאַרפירן אידישע קינדער צו שטודירן די חכמת יונית, מיט סְפָרים חִיצוֹנים, צו ווערן „פאָרגעשריטן״; אפילו נישט צו די „מעסיגע״ וואָס פאַר זיי איז גוט כאָטש ווי אַזוי.

און נאָך מער פון אַלעם איז ער געווען אַ פלאַם פייערדיגער ערליכער איד, אַ צַדיק אֶמת וואָס זיין האַרץ איז געווען פול מיט יִראת שָׁמַיִם און אַהֲבת ה׳, מיט אַ שטענדיגע גרייטקייט זיך מוסר נֶפש צו זיין פאַר די הייליגע תּורה און פאַר זיינע ברידער, וואָס ווילן זיך פירן לויט די תורה הקדושה, וואָס ווילן נישט ענדערן „כּחוּט הַשַׂעֲרָה״ קיין האָר נישט פון אַמאָל״, פון טייערן הייליגן וועג וואָס אונזערע עלטערן, אונזערע ערליכע מנהיגי ישׂראל, האָבן אונז געלערנט „אַמאָל״.

עס האָבן זיך צוזאַמען געקליבן זעקס טויזנט ערליכע אידן וואָס זענען גרייט געווען צו קעמפן מיט אים פאַרן כָּבוד פון השי״ת און די תּורה הקדושה.

אַ קליינע אַרמעי, זייער קליין אין צאָל, קעגן אַזאַ מעכטיגע, גרויסע, שטאַרקע, גריכישע אַרמעי. פאָרוואָס טאַקע אַזוי ווייניג מענטשן? ווייל נישט יעדן האָט מען אַריינגענומען אין די אַרמעי. מען האָט געדאַרפט צו זיין פריער פון אַלעם, אַ יְרֵא חֵטא, אַן ערליכער איד, וואָס האָט אֶמת׳דיג מוֹרא פאַר השי״ת. דאַן האָט מען געדאַרפט צו האָבן אין זיך אַ ברען אַ וואַרעמקייט צו שְׁמירת תּורה וּמִצוות, און זיכער צו זיין גענוג דרייסט, אַרויסצוגיין אָפן קעגן די מְהַרסֵי הַדָת, קעגן די רְשָׁעִים די יְוָונים מיט זייערע געהילפן די מִתְיַוונים. און צו אַלעם צו, האָט מען געדאַרפט צו זיין אַ געטרייער, ערליכער, גוטער, סאָלדאַט; מוטער און דרייסט, נישט שרעקן זיך פון גאָרנישט, נישט מוֹרא האָבן פאַר קיינעם, נאָר פאַר השי״ת, אינגאַנצן פאַרגעסן פון אייגענע אינטערעסן, פון גאַנצן „זיך״ ווען עס האַנדלט זיך אין כּבוֹד שָׁמַיִם. אַזוי נאָך איז מען געווען רָאוּי, און מען האָט

געקענט, זיין אַ זעלנער אין די אַרמעי פון יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן. און זיכער האָט נישט געקענט קומען אין באַטראַכט, צו זיין אַן אָפיציר אַן אָנפירער, אַ מַנהיג אין די אַרמעי, פון די כֹּהֲנִים הַקְדוֹשִׁים, ווער עס איז נישט געווען געגנוג דרייסט, נישט גרייט געוועזן אַוועק צו געבן דעם זיך, די אייגענע אינטערעסן אין אַלעס וואָס מען האָט, פאַר יעדן קלענסטן איד, מַמָשׁ מַפקִיר צו זיין זיך דאָס לעבן, דעם צוקונפט, אַלעס וואָס מען פאַרמאָגט, כּדי צו העלפן מַצִיל זיין דעם כּלַל יִשׂראל פון אונטערגאַנג ח״ו, העלפן היטן און שיצט אידישע קינדער פון די גרויזאַמע יְוָנ׳ישע הענט, מיט זייערע אַרויסהעלפערס און נאָכלויפערס די מִתְיַוונים. דעריבער האָט יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן דער צדיק אֱמת, דער גִבּוֹר חַיִל, דער דרייסטער פאַרטיידיגער פון זיינע אָרעמע געדריקטע ברידערס נישט געהאַט נאָר אַזאַ קליינע אַרמעי ווייניג אין צאָל, אָרעם אין מיליטערישע אויסשטאַטונג, אָבער רייך אין גייסט שטאַרק, אין דרייסטקייט, און שטאָלץ מיטן נאָמען איד, מיטן צונאָמען „אַמאָליגער איד״, און מיטן שפּעט נאָמען „פאַנאַטישער איד״.

יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן האָט ווייטער פאָרגעזעצט וואָס זיין גרויסער פאָטער האָט איבערגעלאָזט. וואו עס זענען נאָך געבליבן מִתְיַוונים, וואָס האָבן נישט געוואָלט תּשובה טאָן און זיך צוריקקערן צו אונזער אֱמונה אין השי״ת, האָט ער זיי אויסגע׳הרג׳עט. ער האָט פאַרשטאַרקט שטענדיג, איבעראָל, ביי יעדע געלעגנהייט, די הענט פון די ערליכע אידן, וואָס האָבן מיט מְסִירת נֶפֶשׁ געוואָלט צוריק שטעלן „הָעֲטָרה לְיוֹשְׁנָה״ — די קרוין פון שְׁמִירַת תּורה וּמִצוות בשלימות צום „אַמאָל״ אַזוי ווי פריערדיגע צדיקים ערליכע אידן האָבן זיך געפירט.

ער האָט צעשטערט די גוי׳אישע געריכט הייזער וואָס די רְשָׁעִים האָבן אויפגעשטעלט אין הייליגן לאַנד, און האָט צוריק איבערגעגעבן די אויטאָריטעט פון מאַכן געזעצן פאַר די הייליגע חֲכָמִים, יוֹסִי בֶּן יוֹעֶזר, דער אַלטער נָשִׂיא פון די סַנהֶדרִין, און זיינע תַּלמִידִים, יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה און נִתַּאי הָאַרבֵּלִי, (יוֹסִי בֶּן יוֹחנן דער אַב בֵּית דִין האָט שוין דעמאָלס נישט געלעבט)*).

*) ביי אידן האָט מען זיך אַלעמאָל געפירט, דערזייט מַתַּן תּורה, אַז דער דעצידירנדער כֹּח, דאָס העכסטע וואָרט איז נאָר די תּורה הקדושה, דאָס הייסט די הַלָכה, וואָס די הייליגע חֲכָמִים האָבן באַשטימט לויט די תּורה הקדושה. ביי יעדן סָפק, צווייפל אָדער פראַגע, סיי וואָס מען האָט פאַר זיך אַליין, סיי אַ קאָנפליקט מיט אַן אַנדערן, צי האַנדלט זיך אין געלט, כָּבוד, פאַרגעניגנס, אָדער אין ערנסטע זאַכן, ווי פּרנסה און געזונטהייטס פראַגן ווענדט מען זיך צו אַן ערליכן מוֹרֶה הוֹרָאָה, נאָך אַ דעַת תּורה, און דאָס איז דאָס העכסטע געריכט, דאָס

ווען אפּילוֹניוס דער שַׂר פון אַנטיוֹכוס, האָט געהערט פון דעם אַלעם, אַז ערליכע אידן האָבן צעבראָכן די גריכישע אָפּגעטער, און זיך גענומען דרייסטקייט אָפּנבאַר צו האַלטן די תּוֹרה, און מְקַיים זיין די מצוות, אָן שום מוֹרא, האָט ער צוזאַמען גענומען אַ גרויס מיליטער אונטערצודרוקן דעם נייעם אידישן קעניג יהוּדא בן מַתִּתְיָהו הכּהן מיט זיינע אָנהענגער.

ער האָט געטראַכט אַז ער וועט קענען גרינג בייקומען די בַּטלָנים וואָס פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג מיט דאַווענען און לערנען, זיי זענען דאָך גאָרנישט געשולט צו פירן מִלחָמות. זיי פאַרלאָזן זיך נאָר אויף זייער באַשעפער, אויפ׳ן באַשעפער פון זייערע עלטערן. זיי זענען אַלט פאַנאַטישע נאַיווע מענטשן. זיי מיינען אַז זייער באַשעפער קען זיי העלפן קעגן אַ גרויסע שטאַרקע ציוויליזירטע גריכישע אַרמעי; אַן אַרמעי, וואָס איז אויסגעשטאַטעט מיט אַלע נייע מאָדערנסטע וואָפן, מער מאַניציאָן און בעסער געווער, פון אַלע פריערדיגע גרויסע וועלטמאַכטן, אַלעס וואָס דער נייער טעכניק פאַרמאָגט. און בעיקר האָט דער רָשע געטראַכט און שטאָלצירט מיט זיין אַרמעי, וואָס אַלע זענען געשולט, גוט אויסשטודירט, גרויסע קענערס אין די חָכמַת הַיְוָונִית, עכט פאָרגעשריטענע מענטשן ווי עס פּאַסט זיך אין היינטיגע צייטן.

„אַלע אונזערע אָפיצירן, אַרמעי אָנפירערס, און גענערעלן, זענען ציוויליזירטע מענטשן, גראַדואירט אין די גרעסטע אוניווערזיטעטן פון היינטיגן דוֹר, שטודירט אין די בעסטע באַרימטסטע קאַלידזשעס וואָס די וועלט פאַרמאָגט, געלערנט ביי די גרויסע פּראָפעסאָרן די חָכמַת יְוָונִית. די גרעסטע קענערס אין די גאַנצע גריכישע אימפּעריע, ווער קען זיך דאָס אָנמעסטן קעגן אונז״, האָט צו זיך אַליין גערעדט דער גענעראַל, מיט אַ צינישן שמייכל, אֲנִי וְאַפְסִי, „מיר און נאָר מיר, הויך שטודירטע מענטשן, זענען די שטאַרקסטע, די מעכטיגסטע און די אנגעזעענסטע אויף דער וועלט״.

---

מאַכט דעם ענדגילטיגן באַשלוס, און דאָס טוט אַנטשיידן ווי אַזוי צו האַנדלען. אַזוי נאָך איז מען פאַרזיכערט מיט די נאָכפאָלגן פון דער זאַך ווי דער פּסוק זאָגט דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נוֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם (משלי ג׳ י״ז) — די וועגן פון דער הייליגער תּוֹרה זענען זיסע וועגן, און אַלע אירע שטעגן פירן צו פרידן.

ווען די יְוָונים האָבן געהערשט, האָבן זיי געלייגט כּוחות אַוועקצורייסן אידישע קינדער פון דעם אַלעם. די גריכן האָבן איינגעפירט, אַז דער כּח הייסט די פויסט, ווער עס איז שטאַרקער, ווער עס קען העכער שרייען, ווער עס קען מער אַ מויל אויפמאַכן, דער זיגט. וואָס מער גְּבַר אַלים, געוואַלדס מענטש, אַלץ מער מאַכט, כָּבוֹד און אויטאָריטעט האָט ער. יעצט ווען השי״ת האָט געהאָלפן און מען האָט זיי באַזיגט, פאַריאָגט פון בֵּית הַמִקדש, און פאַרטריבן פון גאַנץ ארץ ישׂראל, האָבן די חַשמוֹנָאים די ערליכע אידן צוריק געשטעלט די תּוֹרה אויטאָריטעט אויפ׳ן פּלאַץ.



אַזוי האָט געטראַכט דער גוֹיאישער גענעראַל אֶפּילוניוס, דער עֶבֶד נֶאֱמָן, דער געטרייער נאָכפאָלגער פון זיין הער אַנטיוּכוס דער צוֹרר הַיהודים, דער אכזר, דער רשע, דער ווילדער טיראַן, די ווילדע חיה אין צורה פון אַ מענטש.

די ערליכע אידן האָבן אָבער געקעמפט ווי לייבן, וויסנדיג אַז זיי קעמפן פאַר השי״ת מיט׳ן כֹּח פון די הייליגע תּורה, זייער קאַמף איז געווען בלויז פאַרן כָּבוד פון השי״ת. פאַרן כבוד שָׁמַיִם, פאַרן כָּבוד פון די הייליגע תּורה. די מִלְחָמָה איז צו באַפרייען די ערליכע אידן פון די הענט פון די רְשָׁעִים, מיט זייערע אידישע אַרויסהעלפער די מִתְיַוונים, וואָס לאָזן נישט טאָן די עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש, וואָס לאָזן נישט דינען דעם באַשעפער, וואָס לאָזן נישט מְחַנך זיין אידישע קינדער צו שְׁמִירת תּוֹרה וּמִצוות בשלֵימות. פאַר אַזאַ מִלְחָמָה דאַרף מען אַלעס טאָן, מען מוז אפילו דאָס לעבן איינשטעלן, אבי נישט אַריינצולאָזן אין די אידישע מחנה, אין אידישן לאַגער, קיין שׁום מענטש, וואָס וויל אַוועקפירן, אָפּרייסן, פון דרך הַמקוּבל מֵאֲבוֹתֵינו, פון אַלטן אויסגעטרעטענעם אידישן וועג, פון אונזערע הייליגע צדיקים, פון אונזערע רבי׳ס, פון אונזערע עלטערן פון פריערדיגע דוֹרות.

ווען יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן האָט דערזען אַפּילוניוס פונדערווייטנס איז ער צוגעלאָפן צו אים מיט צאָרן, און אַלע סאָלדאַטן וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג האָט ער פאַרטיליגט, אַזוי ווי מען שניידט ווייץ. ער





האָט געֿהרג׳עט אפּילוניוס׳ן, און דערנאָך איז שוין דאָס גאַנצע מיליטער צעפאַלן און זיך אינגאַנצן צעלאָפן.

יהודא בן מַתִּתְיָהו, דער צדיק, דער גרויסער קעמפער פאַרן כבוד שמַים, האָט גע׳יַרש׳נט די שווערד פון אפּילוניוס און מיט דעם האָט ער מִלחָמה געהאַלטן זיין גאַנץ לעבן.

יהודא בן מַתִּתְיָהו מיט זיינע מענטשן האָבן נאָך נישט געענדיגט זיך צוזאַמען צו קלויבן פון די ערשטע מִלחָמה; אַ טייל פון די ערליכע אידן וואָס האָבן געקעמפט אין די אַרמעי פון יהודה בן מַתִּתְיָהו הַכֹּהן, האָבן שוין אָנגעפאַנגען אַהיים צו גיין, איז שוין געקומען אויף זיי די צווייטע מִלחָמה.

דאָס מאָל איז געקומען אַ גרויסער גענעראַל פון סורי׳שן מיליטער מיט׳ן נאָמען סִירוֹן מיט אַ גרויסע אַרמעי. דערצו האָבן די מִתיַוונים וואָס זענען אַנטלאָפן פון יהודא׳ן זיך אויך צוגעשטעלט צו הילף פאַר אים, און זיי האָבן זיך באַהאָפטן מיט די פיינט אַקעגן זייערע אייגענע ברידער.

זיי האָבן זיך צוזאַמען געטראָפן אין בֵּית חוֹרוֹן*). אַ דערפל אויף אַ באַרג אין לאַנד יְהוּדא.

---

*) אויף דעם פּלאַץ זענען שוין געשען נִיסים פאַר די אידן. ווען יהושע האָט מִלחָמה געהאַלטן מיט די פינף קעניגן פון אֱמוֹרִי, האָט השי״ת אַראָפּגעוואָרפן אויפ׳ן שׂוֹנא שטיינער פון הימל (די שטיינער זענען די זעלבע שטיינער וואָס זענען געבליבן שטיין אינמיטן הימל ווען משה רבינו האָט לויטן געבעט פון פרעה, געבעטן השי״ת אָפּצושטעלן דעם האָגל ביי די מכות אין מִצרַים), און אַסאַך מער זענען געפאַלן פון שׂוֹנא דורך די שטיינער ווי די וואָס זענען געפאַלן דורך די שווערד.

אָט דער נס איז דעמאָלס געשען אין בֵּית חוֹרוֹן. אויך האָט יְהוֹשֻׁעַ דעמאָלס אָפּגעשטעלט די זון מיט די לְבָנָה און עס איז געווען אַ גרויסער קִידוּשׁ הַשֵּׁם אויף די גאַנצע וועלט.
(יהושע י׳ ומדרש רבה שמות פ׳ י״ב ז׳)

כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי



וּבַנְּהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּךָ

# כִּי תֵלֵךְ בְּמוֹ אֵשׁ לֹא תִכָּוֶה



# וְלֶהָבָה לֹא תִבְעַר בָּךְ

(ישעי' מ"ג פסוק ב')

זעענדיג ווי אַזאַ גרויס מיליטער דערנענטערט זיך, האָבן זיך אַ טייל פון די ערליכע אידן דערשראָקן. אָבער דער צדיק, דער דרייסטער העלד יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן האָט זיי געשטאַרקט, און אויסגערופן מיט אַ קול פון בִּטָחוֹן:

„אֱמֶת, מיר זענען מיד, הונגעריג, און אַ טייל פון אונז זענען אַהיימגעגאַנגען. די אַלע זאַכן זענען אָבער נאָר אַ פעלער ביי די וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייער אייגן שטאַרקקייט, אויף זייער מיליטער, און זייער געווער, אויפ'ן כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי, אָבער מיר אַלע פאַרזיכערן זיך נאָר אין אונזער גרויסן באַשעפער!! קען ער דען נישט העלפן מיט ווייניג פונקט ווי מיט אַסאַך? זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייער מיליטער — אויף זייער פויסט, זייער כֹּח, און זייער שווערד, און זייער ציל איז נאָר הרג'ענען, רויבן, און צו לעבן מיט הפקרות. מיר פאַרלאָזן זיך נאָר אויף השי"ת, דער לעבעדיגער באַשעפער, דער באַשעפער פון אונזערע עלטערן, און אונזער ציל איז צו קענען לעבן אַ תּוֹרה'דיג לעבן".

„געדענקט מיט וויפיל מענטשן האָט אַבְרָהָם אָבִינוּ באַזיגט און ביֵיגעקומען די פיר מעכטיגע קעניגן מיט זייערע שטאַרקע אַרמעיען?"

„דער נָבִיא יְשַׁעְיָ' האָט געזאָגט: „כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי וּבַנְּהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּךָ כִּי תֵלֵךְ בְּמוֹ אֵשׁ לֹא תִכָּוֶה וְלֶהָבָה לֹא תִבְעַר בָּךְ", ווער עס פאַרלאָזט זיך נאָר אויף השי"ת, דעם שיצט השי"ת פון וואַסער און פון פייער. שטורעמדיגע וואַסערן קענען אים נישט פאַרפלייצן, און גליענדיגע קוילן מיט פלאַמען פייער, קענען אים נישט פאַרברענען, נישט אַמאָל אָפּבריען אויך נישט. טייערע אידישע קינדער, מיר דאַרפן נאָר טאָן איין זאַך, אָננעמען זיך פאַרן כבוד שמים, שיצן אידישע קינדער פון זייערע שׂוֹנאים, און ווענדן זיך צו השי"ת נאָך הילף און פאַרלאָזן זיך אויף אים דעמאָלס איז השי"ת מיט אונז און מיר דאַרפן זיך גאָרנישט שרעקן".

געשטאַרקט פון די חִזוק רייד פון יהודא בן מַתִּתְיָהוּ האָבן זיי באַפאַלן די יְוָנִים און אויסגע'הרג'עט 800 לייט אויף איין מאָל, און אויך דעם גענעראַל סִירוֹן צווישן זיי. די איבריגע זענען אַראָפּגעלאָפן דעם באַרג און יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן האָט נאָכגעיאָגט נאָך זיי, ביז צום טאָל. ער, מיט זיין קליינע אַרמעי, גאָר ווייניג אין צאָל, האָבן נאָכגעיאָגט די גרויסע שטאַרקע און מעכטיגע אַרמעי פון דעם גרויסן אַנְטִיוֹכוּס הָרָשָׁע, רַבִּים בְּיַד מְעַטִּים וּרְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים. דאָרט האָט ער פיל פון זיי גע'הרג'עט. השי"ת האָט ווידער געהאָלפן זיינע געטרייע קינדער, אפילו זיי זענען געווען גאַנץ ווייניג אין צאָל, קעגן אַ גרויסע שטאַרקע אַרמעי פון רְשָׁעִים.

## קאפיטל כא

# רְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים

אַנטיוכוס איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן נאָך די נידערלאַגעס.

ער האָט צוזאַמענגענומען זיין גאַנץ מיליטער, און אויך צו געדינגען פרעמד מיליטער מיט׳ן באַדינג צו באַצאָלן איין יאָר געהאַלט אויף פאָראויס. ער האָט זיך געאיילט אַליין צו גיין מִלְחָמָה האַלטן מיט די אידן. דערווייל איז אָבער געוואָרן אַן אויפשטאַנד אין פערסיע. (פָּרַס), אַ מְדִינָה וועלכע איז אים געווען אונטערטעניג האָט ווידערגעשפעניגט און אַראָפּגעוואָרפן זיין יאָך.

אַנטיוכוס האָט געשטעלט איינעם פון זיינע נאָענטסטע קרובים, לִיזִיאַש אַנשטאָט אים, ער זאָל זען חָרוּב צו מאַכן יהודא בן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן מיט זיין קליינע שוואַכע אַרמעי. ער האָט אים געגעבן אַ האַלב מיליטער מיט עלעפאַנטן און רייטער.

ער אַליין איז געגאַנגען מיט די אַנדערע העלפט, אונטערדרוקן דעם אויפשטאַנד אַקעגן אים אין פָּרַס.

לִיזִיאַש, האָט אויסגעוועלט די דריי גרעסטע גענעראַלן, טאַלמאוס, נִיקָנוֹר און גוֹרגיאַס, מיט פערציג טויזנט סאָלדאַטן און זיבן טויזנט רייטער.

לִיזִיאַש אַליין, איז צוריק קיין אַנטיוכא, ווייל ער איז זיכער געווען אַז דאָס מאָל וועלן זיי זיגן. ער האָט געזאָגט מיט שטאָלץ, „דאָס זאַמד פון יהודא וועט נישט גענוג זיין פאַר די פוסטריט פון מיין מיליטער״.

עס האָבן זיך אויך צוגעשטשעפעט צו זיי, שְׁכֵנִים וואָס האָבן אויך פיינט געהאַט די אידן.

ווען די „קנעכט סוֹחרים״ האָבן געהערט אַז אַזאַ ריזיגער מיליטער גייט מִלְחָמָה האַלטן מיט יהודא, זענען זיי געקומען צו די יְוָנ׳ישע מַחנה מיט נעמענדיג מיט זיך אַסאַך געלט און קייטן. זיי זענען זיכער געווען אַז די יְוָנִים וועלן זיגן, וועלן זיי האָבן אַ גוטע געלעגנהייט צו קויפן אַסאַך אידישע קנעכט פאַר ביליג.

ווען יהודא איז געוואָר געוואָרן אַז עס דערנענטערט זיך אַזאַ ריזיגער מיליטער צום גרעניץ פון לאַנד, האָט ער צוזאַמענגערופן אַלע ערליכע אידן צום „מִצְפֶּה״, אַ הויכער באַרג קעגן יְרוּשָׁלַיִם. אויף דעם פּלאַץ פלעגן אידן דאַווענען ווי לאַנג דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז נאָך געווען וויסט.



די חֲכָמִים האָבן „גוֹזר תַּעֲנִית״ געווען, און מען האָט פאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג מיט תּפִלּוֹת און געוויין השי״ת זאָל העלפן מען זאָל בייקומען דעם שׂוֹנא. השי״ת זאָל היטן און שיצן זיינע קינדער פון אַלע מִינִים שׂוֹנאִים, פון די רְשָׁעִים פון דרויסן און פון די מִתְיַוונים פון אינעווייניג, אידישע קינדער זאָלן קענען ווייטער דינען השי״ת מיט שָׁלוֹם מנוחה און הַרְחָבַת הַדַעַת.

דערנאָך האָט יהודא בן מַתִּתְיָהו געטאָן ווי עס שטייט אין די תּוֹרה, ווען מען גייט אין אַ מִלְחָמה און אויסגערופן:

„ווער עס האָט געבויט אַ הויז און עס נאָך נישט באַנייט! ווער עס איז אַ חָתן און נאָך נישט חֲתוּנה געהאַט! ווער עס האָט אָנגעפלאַנצט אַ וויין גאָרטן און נאָך נישט געניסט פון די פּירות! ווער עס האָט מוֹרא! די אַלע זאָלן אַהיימגיין.״

פיל זענען טאַקע אַהיימגעגאַנגען, און יהודא איז געבליבן מיט 3,000 מענטשן.

יהודא בן מַתִּתְיָהוּ האָט זיי געזאָגט ווערטער וואָס שטאַרקן און מוטיגן. טייל פון זיינע ווערטער זענען געווען:

„געדענקט אַז דאָס בֵּית הַמִקְדָשׁ איז נאָך וויסט, פאַרשוועכט פון די גוֹיִים! געדענקט די מַפָּלָה פון פיל שׂוֹנאֵי יִשְׂרָאֵל מיט גרויסע און שטאַרקע אַרמעיען, וואָס השי״ת האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ קליין הייפעלע שוואַכע מענטשן, ווען אידישע קינדער האָבן זיך געווענדעט צו השי״ת נאָך הילף. טייערע ברידער! לאָזן מיר אויך בעטן השי״ת מיט׳ן גאַנצן האַרץ וועט ער אונז אויך קומען צו הילף״.

אלעזר בֶּן מַתִּתְיָהו האָט געליינט פון אַ ספר תּוֹרה די פַּרְשָׁה וואו עס שטייט די דִינִים ווי אידן דאַרפן זיך פירן ביי אַ מִלְחָמָה.

נאָך שטייט אין פסוק: כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וגו׳ וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ (דברים כ״ג ט״ו), השי״ת גייט צווישן אייך אידישע קינדער, אייך מַצִיל צו זיין פון אייערע פיינט און איבערצוגעבן אייערע שׂוֹנאים אין אייערע הענט, דערפאַר זאָל אייער לאַגער זיין הייליג. איר זאָלט אייך פירן איידל, נישט טאָן וואָס מען טאָר נישט, נישט רעדן וואָס מען טאָר נישט, און אפילו נישט טראַכטן וואָס מען טאָר נישט. השי״ת זאָל נישט זען אין אייך קיין שענדליכע און אומאיידעלע אויפפירונג, כדי ער זאָל זיך נישט צוריקקערן פון אייך און נישט פאַרלאָזן אייך. אַז מיר וועלן זיך פירן ווי די תּוֹרה הַקדוֹשה פאַרלאַנגט קענען מיר ערוואַרטן די פולע הילף און שוץ פון השי״ת, די גאַנצע יְשוּעה.

דערווייל האָט זיך דער שׂוֹנא דערנענטערט מיט גרויס שטאָלץ. זיי זענען אָנגעקומען צו עֶמאַס, אַ דאָרף אויף אַ באַרג אין אֶרץ יִשׂרָאל.

יהודא מיט זיינע מענטשן, האָבן זיך געשטעלט אויף אַ באַרג קעגן זיי, מיט גרויס בּטָחון אין השי״ת*).

ביינאַכט האָט דער גענעראַל גוֹרגִיאַש גענומען אַ טייל פון זיין מיליטער און איז געגאַנגען צו די ריכטונג פון די אידן, כּדי זיי צו באַפאַלן פלוצלינג. די מִתיַוונים האָבן אים געוויזן דעם וועג, און די גענעראַלן נִיקנוֹר און טאַלמאוס מיט דעם אַנדערן טייל פון מיליטער זענען געבליבן וואַרטן אין עֶמאַס. יהוּדא׳ן איז אָבער אויך איינגעפאַלן אַ פּלאַן. ער האָט איבערגעלאָזט זיין לאַגער ליכטיג, ער האָט געלאָזט ברענען די פייערן, און זיי האָבן

*) דער רמב״ם שרייבט, ווער עס גייט אין אַ מִלחָמה אַריין, קעגן שׂוֹנאי ה׳ (דאָ רעדט זיך פון אַ מלחמה וואָס די תּוֹרה הַקדוֹשה איז מְחַייב צו גיין), זאָל זיך נאָר פאַרלאָזן אויפ׳ן באַשעפער וועלכער העלפט די אידן אין אַן עֵת צָרה. ער זאָל גוט וויסן אַז ער האַלט מִלחָמה פאַר׳ן באַשעפער׳ס וועגן, דעריבער זאָל ער זיין דרייסט, אָן פחד און אָן קיין שום מוֹרא פאַרן פיינט, און ער זאָל זיך נישט פארכטן און זיך נישט שרעקן פאַר גאָרנישט און פאַר קיינעם.

ער זאָל נישט קלערן פון זיין היים, ער זאָל אינגאַנצן נישט טראַכטן פון זיך, זיין הויז, זיין פאַרמעגן. ווייל יעדער ווער עס האַלט מלחמה, ער קעמפט מיטן גאַנצן האַרץ אָן אַ ציטער און שרעק, און זיין כּוונה איז נאָר אויף צו הייליגן דעם נאָמען פון איינציגן באַשעפער, איז ער געזיכערט פון השי״ת אַז עס וועט אים נישט געשען קיין שום שאָדן, קיין שׂוּם שלעכטס, און קיין שׂוּם אומגליק וועט אים נישט טרעפן, נאָר ער וועט זוכה זיין אַהיימצוקומען געזונטערהייט. ער וועט נאָך אויפשטעלן אַ שיין ערליך אידיש הויז, מְגַדל און מְחַנך זיין ערליכע אידישע דורות, ער וועט מְזַכּה זיין זיך, און זיינע קינדער, ביז אייביג. אויסער דעם וועט ער נאָך זוכה זיין צו חַיֵי עוֹלָם הַבָּא, ווי עס שטייט און פסוק ביי דוד המלך ע״ה (שמואל א׳ כ״ה).

(הלכות מלכים פרק ז׳ הלכה ט״ו)

געלאָכטן פונדערווייטנס, אַזוי אַז דער שׂונא זאָל מיינען אַז זיי רוען אַלע דאָרט, און דערווייל איז ער געגאַנגען דורך אַן אַנדערן וועג צום לאַגער פון שׂונא מיט זיינע 3,000 מענטשן, אָן קיין שום געהעריג געווער.

בעפאָר ער האָט זיי באַפאַלן, האָט זיך יהודה בֶּן מַתִּתְיָהו אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און געבעטן אַז השי״ת זאָל העלפן אין זכות פון די צעבראָכענע אידן וואָס קלאַמערן זיך אין די תּוֹרה הַקדוֹשה, און קעמפן אַזוי שווער, געבן זיך אַוועק דאָס לעבן, כּדי צו קענען בלייבן תּורה טרייע אידן און זיי מיינען אֶמת׳דיג גאָרנישט נאָר דעם כָּבוד שָׁמַים.

השי״ת האָט טאַקע געהאָלפן און זיי האָבן געזיגט. זיי האָבן אויסגע׳הרג׳עט עטליכע טויזנט סאָלדאַטן פון ניקנור׳ס מיליטער, און די איבריגע זענען אַנטלאָפן. יהודה האָט אָנגעצינדן זייער לאַגער און עס איז פאַרברענט געוואָרן אין פייער.

דער גענעראַל ניקנור אַליין האָט זיך געראַטעוועט דורך דעם וואָס ער האָט זיך אויסגעטאָן זיינע אָפיצירישע קליידער און זיך געקליידעט ווי אַן אָפּגעריסענער אָרעמאַן און אַזוי איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. ער איז אָנגעקומען קיין אַנטיוכא מיט צעריסענע קליידער און גרויס שאַנד.

אין די זעלבע צייט איז גורגיאש דער גענעראַל מיט זיין מעכטיגע אַרמעי, אָנגעקומען צום לאַגער פון די אידן און האָט קיינעם נישט געפונען. ער האָט געמיינט אַז זיי זענען באַהאַלטן, האָט ער זיי אַרום געזוכט. פּלוצלינג האָט





ער באַמערקט דעם רויך וואָס קומט פון ניקנור׳ס לאַגער, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָרט גייט פאָר. עס איז געפאַלן אויף אים אַ שרעק און ער איז אַנטלאָפן צוזאַם מיט אַלע זיינע העלדישע סאָלדאַטן.

יהודא בֶּן מַתִּתְיָהו האָט דאָס געזען איז ער אים נאָכגעלאָפן און גע׳הַרג׳עט פיל פון זיינע מענטשן.

יהודא בֶּן מַתִּתְיָהו הַכֹּהֵן איז געוואָר געוואָרן אַז פִּילְפּוּס דער צוֹרֵר הַיְהוּדִים, דער טרויעריג באַקאַנטער רָשָׁע, ווער עס האָט געבושעוועט אין ירוּשָׁלַיִם מיט די הילף פון די מִתְיַוְונִים, ווער עס האָט אַזויפיל רִשְׁעוּת און אַכְזָרִיוּת אַרויסגעוויזן ביים פייניגן און אונטערדריקן אידישע קינדער, ווער עס האָט מיט אַ בלוטיגע האַנט, מיט אייזערנע פויסטן, גע׳הרג׳עט, פאַרברענט, און דערשטיקט, יעדן איד וואָס קלאַמערט זיך אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אין די „אידישע״ תּוֹרָה מיט אירע מצוות, ער געפונט זיך אויך דאָרט און ער באַהאַלט זיך אין אַ שטוב, האָט יהודא פאַרברענט די שטוב מיטן גענעראַל פִּילְפּוּס צוזאַמען. אַזוי האָט ער נְקָמָה גענומען פאַר׳ן פאַרגאָסענעם בלוט פון אלעזר הַכֹּהֵן און נאָך פיל אומשולדיגע אידן. און

אַזוי ווי ער האָט פאַרברענט די אידן וואָס האָבן געהאַלטן שבת אין הייל, האָט מען אים אויך פאַרברענט.

ווידער האָט השי״ת אונזער געטרייער פאָטער און הימל אונזער היטער און אונזער שיצער אַרויסגעוויזן דאָס גרויסע ליבשאַפט צו זיינע געטרייע קינדער וואָס ווענדן זיך צו אים נאָך הילף צו יעדער צייט, און איבערגעגעבן רַבִּים בְּיַד מְעַטִים, רְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים, וְזֵדִים בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ.

אויך די „קנעכט סוחרים״ האָט מען געכאַפּט און צוגענומען זייער געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעגרייט אָפּצוקויפן אידישע געפאַנגענע.

זיי האָבן אָנגעפירט די מִלְחָמָה ביז עס האָט זיך דערנענטערט שַׁבת און יהודא בֶּן מַתִּתְיָהו הַכֹּהן האָט געהייסן אויפהערן נאָכלויפן.

עס איז געווען אַ געהויבענער שַׁבת פאַר אַלע ערליכע אידן. זיי האָבן געדאַנקט און געלויבט דעם הייליגן באַשעפער מיט תְּפִלּוֹת און געזאַנג פאַר די גרויסע ישועה.

דאָס פאַרמעגן וואָס זיי האָבן געכאַפּט האָבן זיי נאָך שַׁבת צעטיילט פאַר אַלְמָנוֹת, יְתוֹמִים און אָרעמעלייט, און אַ חֵלֶק האָבן זיי אויך צעטיילט צווישן זיך.



# הודו לַה׳ כִּי טוב כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ

זיי האָבן זיך אָפגעטיילט איינער פון אַנדערן מיט די לויב ווערטער: „הודו לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ״.

עטליכע אַנטלאָפענע זענען צוריקגעקומען צו לִיזִיאַש און אים דערציילט וואָס עס איז געשען. ער האָט גע׳חלש׳ט פאַר גרויס אויפרעגונג.

אַ צייט שפּעטער איז ער אַליין געקומען מיט אַן אַרמעי פון 60,000 סאָלדאַטן, און 5,000 רייטער. השי״ת האָט געהאָלפן און אויך דאָס מאָל האָבן די אידן געוואונען די מִלְחָמָה און באַזיגט זייערע שׂוֹנאִים.

לִיזִיאַש האָט זיך קוים אַליין געראַטעוועט דאָס לעבן, און ער איז צוריק אַנגעקומען קיין אנטיוכא מיט גרויס שאַנד.

אין די זעלבע צייט וואָס די הייליגע חַשְׁמוֹנָאִים האָבן זיך אונטן גענומען מיט אַ הייליגן ברען צו שטעלן אין קאַמף, זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ צו זיין פאַר די הייליגע תּוֹרה, פאַר׳ן כָּבוֹד פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צו העלפן און שיצן ערליכע אידן וואָס ווילן האַלטן די תּוֹרה און מְקַיֵּים זיין אירע מִצְוֹת בִּשְׁלֵימוּת, און פאַר׳ן כָּבוֹד פון השי״ת, האָט אונזער גרויסער באַשעפער אין הימל צוזאַמענגענומען אַלע זיבעציג שָׂרֵי מַעְלָה, די מַלְאָכִים וואָס זענען געשטעלט איבער יעדן גוי׳אישן פאָלק, און זיי באַפוילן: „אַלע זאָלט איר פאַרניכטן די רְשָׁעִים פון אייערע פעלקער וועלכע שטעלן זיך קעגן אידישע קינדער. אויב איינער פון די שׂוֹנאֵי יִשְׂרָאֵל ווערט אַנטרינען, זענט איר פאַראַנטוואָרטליך!״

די שָׂרֵי מַעְלָה האָבן אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון השי״ת, און דורך די גאַנצע צייט, ביי אַלע שלאַכטן וואָס די צַדִּיקִים האָבן געפירט מיט די אומצאָליגע גוי׳אישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען אויסגעמישט מיט די יְוָנִי׳ישע, ווייל דער טיראַן אַנטיוכוס איז דאָך געווען אַ וועלט הערשער, האָט ער צוזאַמענגענומען סאָלדאַטן פון דער גאַנצער וועלט; זענען זיי די שָׂרֵי מַעְלָה, געשטאַנען דערביי און געטאָן זייער פליכט! זיי האָבן אַלע פיילן און שליידער שטיינער, קוילן, און גראַנאַטן, וואָס די יְוָנִים האָבן געוואָרפן אויף די אידן, פאַרקירעוועט, אַזוי אַז זיי האָבן געטראָפן די אייגענע זעלנער, וועלכע זענען דערפון גע׳הרג׳עט געוואָרן אין די שווערע טויזנטער.



די צַדִיקִים, די חַשְׁמוֹנָאִים הָאבן צו געזען די גרויסע נִיסִים, מיט די אייגענע אויגן הָאבן זיי בייגעוואוינט וואָס דָוד הַמֶלֶך זאָגט אין תְּהִלִים, הִנֵה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל, השי״ת שלאָפט נישט און דרימלט נישט, נאָר ער היט אידישע קינדער, און הָאבן געזאָגט: „ה׳ יִלָחֵם לָנוּ״ — השי״ת פירט די מִלְחָמָה פאַר אונז אידן קעגן אונזערע שׂוֹנאִים.

## קאפיטל כב

# דער נס פון די מנורה

פון גאַנץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מען שוין אַוועק געטריבן די יְוָונִים, אויסער פון דעם אָרט „חַקְרָא״ אין יְרוּשָׁלַיִם. און די מִתְיַוונִים, אַ טייל פון זיי הָאבן תְּשׁוּבָה געטאָן, און אַ טייל זענען אַנטלאָפן, און די איבריגע הָאט מען גע׳הַרג׳עט. עס הָאט געהערשט אַ צייטווייליגע רואיגקייט.

יהוּדא בֶּן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן הָאט צוזאַמען גערופן דאָס פאָלק און געפאָדערט אַז יעדער ווער עס קען זאָל אַרויפקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם אויסריינִיגן און פאַרריכטן דאָס פאַרלאָזטע בֵּית הַמִקְדָשׁ.

„נאָך די גרויסע נִיסִים און גרויסע זיגן וואָס השי״ת הָאט אונז באַוויזן איז אַ פליכט, אַן אויפגאַבע אויף אונז אַלע אויסצורייניגן דאָס בֵּית הַמִקְדָשׁ, און

מַקריב זיין קָרבּנות, דאַנקען דעם גרויסן באַשעפער פאַר זיין גענאַד וואָס ער האָט אונז געטאָן!״, האָט יהודא אויסגערופן. אַזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: נְדָרַי לַה׳ אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה נָּא לְכָל עַמּוֹ, מיר וועלן באַצאָלן אונזערע נְדָרים פאַר השי״ת, אַלעס וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט, אין די שווערע צייטן, וואָס מיר האָבן זיך פאַרגענומען אינמיטן די גרויסע צָרות, אַלעס, אַלעס, וועלן מיר איינהאַלטן, אַלע אידן צוזאַמען און אָפּגעבן, אָפּצאָלן פאַר השי״ת.

עס איז נישט מעגליך צו שילדערן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין זייערע הערצער, ווען זיי זענען אָנגעקומען אויף יְרוּשָׁלַיִם און דערזען ווי אַזוי דאָס בֵּית הַמִקדש זעט אויס. עס איז זיי פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן! די עֲבוֹדה זָרה שטייט אויפ׳ן הייליגן מִזבֵּחַ! די טירן זענען פאַרברענט! די לְשכוֹת, די צימערן פון בֵּית הַמִקדש זענען חָרוב, און גראָז וואַקסט אין בֵּית הַמִקדש.

„אוי ווי געוואַלד״, האָבן זיי זיך דערשראָקן. זיי האָבן פון פאָראויס געוואוסט אַז דאָס בֵּית הַמִקדש איז וויסט, אָבער געוואַלד, אַזעלכע אומווירדיגקייטן זענען זיי נישט געווען אומשטאַנד זיך פאָרצושטעלן. אַזאַ חורבן איז געווען אומדערטרעגליך צוצוקוקן.

זיי האָבן זיך צעריסן די קליידער, געלייגט אַש אויף זייערע קעפּ, אַזוי ווי אֲבֵלים, ר״ל, און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערליך געוויין. „ווייי איז צו אונז וואָס אונזערע אייגענע ברודער די רְשָׁעים די מִתיַוונים האָבן דאָס אַלעס גורם געווען. אָך און וויי איז צו די אויגן וואָס קוקן דאָס צו״.

לאַנג האָט דאָס אָבער נישט געדויערט, יהודא בּן מַתִּתיָהוּ האָט געהאַלטן אין איין מוטיגן די ערליכע אידן, יעצט איז נישט קיין צייט אויף קלאָגן און וויינען, יעצט איז צייט פון טאָן פאַרן כבוד שָׁמַים. יעדע מינוט איז טייער, עס איז אַ שאָד צו פאַרזוימען, צוריק צו שטעלן אויפ׳ן פלאַץ עֲבוֹדַת בֵּית אֱלֹקֵינוּ, ווידער צו קענען טאָן די עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש. מען האָט זיך טאַקע שוין גענומען צו דער אַרבעט. יהודא בֶּן מַתִּתיָהוּ האָט געהייסן קודם אַרומנעמען דאָס אָרט חַקרא, כּדי די רְשָׁעים זאָלן נישט קענען שטערן די אַרבעט.

מען האָט אַרויסגעוואָרפן די עֲבוֹדה זָרה פון מִזבֵּחַ צוזאַמען מיט אַלע בילדער און געטשקעס וואָס די יְוָונים האָבן אַריינגעלייגט אין בֵּית הַמִקדש. אויך פון די גאַסן פון יְרוּשָׁלַיִם האָט מען אַלע זייערע מִזבְּחות, עֲבוֹדָה זָרה בילדער, און קלויסטערס, צעשטערט.



יהודא בֶּן מַתִּתְיָהוּ האָט אויסגעוועלט כֹּהנים וואָס האָבן זיך נישט מְטַמא געווען, און האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביים ריכטיגן תּוֹרה וועג דורך די אַלע שווערע צייטן, און זיי געהייסן אויסרייניגן דאָס בֵּית הַמִקדש פון אַלע שמוצן און טָמא׳נע זאַכן.

נאָר אַזעלכע כֹּהנים וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון די יְוָנים מיט זייערע מִתיַוונ׳ישע אַרויסהעלפער אין די שווערסטע אומשטענדן, זיי זענען געבליבן טריי די תּוֹרה הַקדושה מיט אירע מִצוות, האָבן געקענט נעמען אַ חלק אין די הייליגע אַרבעט פון צוריק מְקַדש און מְטַהר זיין דאָס בֵּית הַמקדש און שפּעטער טאָן די עֲבוֹדה.

דעם פאַרשוועכטן מִזבֵּחַ האָט מען צענומען און די שטיינער האָט מען באַהאַלטן אין אַ באַזונדער צימער וואָס האָט געהייסן לִשכַּת הַחוֹתמוֹת.

מען האָט געברענגט נייע גאַנצע שטיינער וואָס זענען נישט געשניטן געוואָרן פון אייזן, אַזוי ווי דער דין איז, און מען האָט געבויט פון זיי אַ נייעם מִזבֵּחַ פונקט ווי דאָס אַלטע.

אויך האָט מען פאַרראָכטן אַלע צעבראָכענע ווענט פון בֵּית הַמִקדש.

דערווייל זענען די כֹּהנים די חַשמוֹנָאִים געווען אָרעם, זיי האָבן נישט געהאַט קיין גאָלד צו מאַכן דערפון נייע כֵּלים פאַרן בֵּית הַמִקדש אַזוי ווי עס




פֿאַסט. האָבן זיי גענומען זיבן שפּיצן פֿון אײַזן וואָס זיי האָבן געטראָפֿן און מען האָט עס באַדעקט מיט אַ מעטאַל וואָס רופֿט זיך „צין", און געמאַכט דערפֿון אַ מְנוֹרה. אויך האָט מען געמאַכט אַ נײַעם שוּלחן, אַ נײַעם מִזְבֵּחַ פֿאַר קְטוֹרֶת און זיי האָבן אויפֿגעניייט אַ נײַעם פּרוֹכֶת.

זיי האָבן געזוכט אַ טָהוֹר'ן ריינעם אויל מען זאָל קענען אָנצינדן דערמיט די מְנוֹרה, אָבער אַלעס האָבן די רְשָׁעים פֿאַראומרייניקט.

די הייליקע כֹּהֲנִים האָבן ווײַטער געזוכט ביז זיי האָבן געפֿונען אונטערן מִזְבֵּחַ אַ קליין פֿאַרזיגלט שאַרבן קריגעלע, מיט'ן זיגל פֿון כֹּהֵן גָּדוֹל. דורך דעם זיגל האָבן זיי געוואוסט אַז די יְוָונִים האָבן עס נישט געעפֿנט, און נישט געקענט מְטַמֵא זײַן דעם שֶׁמֶן.

אָבער דאָס קריגעלע איז געווען קליין. עס איז נישט געווען דערין גענוג אויל צו צינדן נאָר אויף איין נאַכט, און דאָס איז נישט געווען גענוג ווײַל אויף צו באַקומען ריינעם שֶׁמֶן האָט גענומען נאָך אַכט טעג; פֿיר טעג דאָס גיין דערנאָך, און פֿיר טעג דאָס צוריקקומען.

השי"ת האָט באַוויזן זײַן ליבשאַפֿט צו זײַנע געטרײַע קינדער, און עס איז געשען אַ נס, אַז דאָס ביסעלע אויל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג.

## קאפיטל כג

# כ״ה כסלו ג׳־תרכ״ב

דעם פינף און צוואנציגסטן טאָג אין כּסלו ג׳ תרכ״ב (3622) פּונקט אין דעם טאָג וואָס מיט פיר יאָר צוריק האָבן די רְשָׁעִים מַקריב געווען די ערשטע טָמא׳נע בהמה אין בֵּית הַמִקדש, בְּעֶצֶם הַיוֹם הַזֶה, אין דעם זעלבן טאָג, האָט השי״ת ווידער געהאָלפן דורך די ערליכע אידן, די חַשמוֹנָאִים, די

כ״ה כסלו, ג׳ תרכ״ב לפ״ג
דריי טויזנט זעקס הונדערט
צוויי און צוואנציג יאר פון
ווען השי״ת האט באשאפן
די וועלט (3622)

צַדִיקים, די כֹּהֲנִים הַקדוֹשים, די הייליגע כֹּהֲנים וואָס האָבן זיך דאָס לעבן אַוועק געגעבן פאַרן כבוד פון השי״ת, פאַר שְׁמִירת תּוֹרה וּמִצוות, פאַר צוריק שטעלן די עֲבוֹדה אין בֵּית הַמִקדש, אין דעם פּלאַץ וואו השי״ת האָט געמאַכט זיין הייליגע וואוינונג, זיין רו פּלאַץ צווישן אונז אידישע קינדער.

אין דעם זעלבן טאָג האָט מען באַזיגט די יְוָנים, און זיי פאַרטריבן פון ירוּשָׁלַים פונעם בֵּית הַמִקדש. די אויבערהאַנט איז צוריק געגאַנגען צו ערליכע אידן, די הערשאַפט, דעם אויטאָריטעט האָבן באַקומען בלויז צדיקים, נאָר דער ריינער דַעַת תּוֹרה האָט דאָמינירט. תַּלמִידי חֲכָמִים ערליכע אידן, אֱמת׳דיגע יִראֵי הַשֵׁם וואָס האָבן דרייסט אַרויסגעזאָגט דאָס תּוֹרה וואָרט, זיי זענען געוואָרן די מַנהִיגֵי יִשְׂרָאֵל, די וואָרט זאָגערס. מען האָט זיך מער נישט גערעכנט מיט די יְוָנ׳ישע גוי׳אישע געזעצן, און נישט מיט זייערע נאָכשלעפּערס די מִתיַוונים.




מען האָט שוין געקענט דינען השי״ת אָפנבאַר און לערנען די הייליגע תּורה אָן שטערונג. מען האָט ווידער געקענט שיקן קינדערלעך אין חדר, און מוסדות החינוך אָן קיין ענדערונגען, אָן קיין פּשרות. מען האָט געקענט ווידער גיין אין תּורה וועג פון „אַמאָל״ ווי אַמאָליגע צדיקים האָבן אונז געלערנט דור אַחר דור, איין דור נאָכן אַנדערן, צוריק ביז מתּן תּורה. מען האָט געקענט לערנען מיט יעדן דעם וועג פון שמירת תּורה ומצוות, מען האָט געקענט האַלטן שבת און עסן כּשר׳ס, און פירן זיך לויט די תּורה געזעצן, — אין דעם זעלבן טאָג האָט מען ווידער אָנגעהויבן אָנצוצינדן די מנורה אין בית המקדש יעדן טאָג.



צוערשט האָט מען באַנייט דעם מִזְבֵּחַ, און מַקריב געווען קָרבָּנוֹת פאַר השי״ת. זיי האָבן געשריגן, געוויינט, און געבעטן השי״ת ער זאָל זיי געבן פייער פון הימל, אַזוי ווי אין די צייטן פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אין מִשכּן און שלֹמה הַמֶלך ביים ערשטן בֵּית הַמִקדש.

זייער תְּפִלָּה איז אָנגענומען געוואָרן און עס איז אַרויסגעקומען אַ פייער פון די שטיינער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו ברענען ביז צום חורבן בֵּית הַמִקדש.

די פרייד איז געווען גרויס, זעענדיג אַז השי״ת האָט באַוויליגט זייערע מַעשׂים.

טרערן פון פרייד זענען גערינען פון די אויגן פון די הייליגע חַשמוֹנָאים די כֹּהַנים, ווען מען האָט מַקְריב געווען דעם קָרבן תָּמיד און נאָך פיל קָרבָּנות, עוֹלוֹת און תּוֹדוֹת, אַלס דאַנק פאַר די גרויסע חֲסָדים פון השי״ת.

אויך די אַנדערע עֲבוֹדוֹת, מַקטיר צו זיין קטוֹרֶת, באַקן און שטעלן דעם לֶחם הַפָּנים אויפ׳ן שֻׁלחָן, האָט מען געטאָן דעם טאָג מיט אַן אויסערגעוועהנליכן גרויס הִתלַהבות און ברען. זיי האָבן געזינגען הַלל, געלויבט השי״ת מיט געזאַנג, פידלען, און אַלע ערליי כְּלֵי זֶמֶר. די שׂמחה איז געווען אָן אַ שִׁיעור, עס האָט מַמש געשפאלטן הימלען. ביינאַכט האָט דער כֹּהן גָדול אָנגעצינדן די מְנוֹרה, און אַלעס איז צוריק געוואָרן אַזוי ווי פריער!

אַכט טעג האָבן די אידן פאַרברענגט מיט לויב און געזאַנג, און יעדן טאָג

מַקריב געווען קָרבָּנות לְכָבוד דעם באַנייען דעם מִזבֵּחַ — „חֲנוּכַּת הַמִזבֵּחַ״. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם מִזבֵּחַ מיט עֲרָבות און לוּלָבים דערפאַר וואָס זיי האָבן דאָס נישט געקענט טאָן אין די לעצטע עטליכע יאָר אום יום טוב סוכות.

אַכט טעג האָט מען געקענט יעדן טאָג אָנצינדן די מנוֹרה דורך דעם ביסל טָהור׳ן אויל וואָס מען האָט געפינען אין דעם קליינעם קריגעלע, וואָס ווען נישט דער נס וואָלט עס נישט גענוג געווען נאָר אויף איין טאָג.

„לַיְהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמחה״, פאַר די ערליכע אידן איז געווען ליכטיג און פריילין, ווייל השי״ת האָט אַראָפגענומען פון זיי די צָרות, ליידן און שאַנד פון די גוֹיִים. אויך האָבן זיי געבעטן אויף ווייטער השי״ת זאָל זיי היטן פון אַזעלכע צָרות, עס זאָל שוין זיין נאָר פרייד ביי אידן, מען זאָל קענען דינען השי״ת מיט שִׂמחה, גוטמוטיג, מיט אַ פריילין האַרץ, אַ גרינג געמיט, מיט אַלעם גוטן מתּוך נַחַת וְהַרחָבה*).

---

*) דער מדרש ברענגט, דאָס משכן וואָס משה רבינו האָט געמאַכט איז פאַרטיג געוואָרן אין כ״ה כסלו, אָבער השי״ת האָט אים געהייסן ער זאָל עס ערשט אויפשטעלן און באַנייען אין ראָש חודש ניסן, ווייל השי״ת האָט געוואָלט אַז די שִׂמחה פון אויפשטעלן דאָס משכן וואו די שכִינה וועט רוען צווישן אידישע קינדער זאָל זיין אין די זעלבע צייט ווען יצחק אבינו איז געבוירן געוואָרן. און ווייל דער חודש כסלו איז פאַרשעמט געבליבן מיט דעם וואָס מען האָט אָפּגעלייגט דאָס באַנייען פון משכן אויף חודש ניסן, דעריבער האָט השי״ת אים באַצאָלט אַז די חַשמוֹנָאים האָבן באַנייט אין כ״ה כסלו, חנוכּה, די עֲבודה אין בֵּית הַמִקדש. און אַזוי טרעפן מיר אויך, אַז דאָס ערשטע בית הַמִקדש וואָס שלֹמה הַמֶלך האָט אויפגעבויט איז פאַרענדיגט געוואָרן אין חודש חשון, אָבער פון הימל האָט מען געהייסן פאַר שלמה המלך אַז ער זאָל עס באַנייען ערשט אין דעם קומענדיגן חודש תשרי פון אַנדערן יאָר ווייל השי״ת האָט געוואָלט אַז די שִׂמחה פון באַנייען דאָס בית המקדש זאָל זיין אין די זעלבע צייט ווען אברהם אבינו איז געבוירן געוואָרן. און ווייל דער חודש חשון איז פאַרשעמט געבליבן מיט דעם וואָס מען האָט אָפּגעלייגט דאָס באַנייען פון בית המקדש אויף חודש תשרי, דעריבער וועט השי״ת אים באַצאָלן מיט דעם וואָס דאָס דריטע בֵּית הַמִקדש וואָס אויף איר וואַרטן מיר אַלע אַזוי שווער, וואָס וועט זיין דורך משיח צדקינו, וועט אויפגעבויט ווערן אין חודש חשון, במהרה בימינו אמן.

(ילקוט מלכים סימן קפ״ד)

## קאפיטל כד

# מַעשׂה מיט מִרים בַּת בִּילגה

די שִׂנאה און האַס וואָס די פאַרקראָכענע גריכיזירטע אידן, די מִתיַוונים האָבן געהאַט אין זייער צייט צו זייערע אייגענע ברידער, די ערליכע אידן, איז געווען אַרויס פון אַלע מענטשליכע געפילן, אַריבער יעדע גרעניץ.

עס איז געווען אַ פאַרדאָרבענע פרוי, מיט'ן נאָמען מרים וועלכע האָט געשטאַמט פון די כֹּהנים פון מִשמר „בִּילגה", איינס פון די 24 מִשמורוֹת וואָס האָבן געטאָן די עֲבוֹדה אין בית המקדש. זי האָט קודם אָנגעהויבן מיט קליינע ענדערונגען מיט די שׂפּראַך, „עס איז נישט געפערליך ווען מען רעדט יָוָנ'יש", האָט זי גע'טענה'ט, מען קען זיין אַ פיינער איד אויך ווען מען רעדט נישט פונקט אידיש ווי אַלע ערליכע אידן, און דערנאָך האָט זי שוין גע'טענה'ט אַז מען מעג זיך אויך רופן מיט אַ יָוָנ'ישן נאָמען און קליידן זיך ווי אַלע יְוָנים. דערנאָך האָט זי זיך דערנענטערט צו זייער קולטור, פאַר'מיאוס'ט אונזער הייליגע תּוֹרה מיט אירע מצוות, ביז, ביז זי איז פאַרקראָכן אינגאַנצן פון אידישן וועג, זי האָט זיך גע'שמַד'ט ר"ל און חַתונה געהאַט צו אַ יְוָנ'ישן אָפיציר.

ווען די יְוָנים זענען אַריינגעגאַנגען אין בֵּית הַמִקדש איז די מַרשַעת אויך מיט געגאַנגען און אויף אַ וואולגאַרן, חוצפה'דיגן וועג, געקלאַפּט מיט אירע שיך אויפ'ן מִזבֵּחַ און געלעסטערט דאָס הייליגסטע ביי אידן.

זי האָט געשריגן טאַקע אויף יְוָנ'יש צום מִזבֵּחַ „לוקוס לוקוס" דאָס הייסט וואָלף, וואָלף, ווי לאַנג וועסטו פאַרלענדן אידיש געלט, און העלפן קענסטו זיי גאָרנישט.

אַזוי ווייט איז זי פאַרקראָכן די אַמאָליגע אידישע טאָכטער, און היינט, אַ יְוָנ'ישע אומפאַרשעמטע מאַדאַם. אָנגעהויבן האָט זי טאַקע נאָר מיט רעדן גוי'איש, זיך רופן מיט אַ גוי'אישן נאָמען און קליידן זיך גוי'איש, דערנאָך ליינען גוי'אישע ביכער, וואָס עס ברענגט צו פירן זיך גוי'איש מיט אַלע אַנדערע זאַכן אויך, ווי באַוואוסט אַז ליינען גוי'אישע ביכער פירט איבער די הַשקָפה, די אויפפאַסונג פון דעם ליינער צו אַן אַנדערע וועלט, אַז צום סוף איז זי אָנגעקומען אַזוי ווייט אַז זי האָט געלעסטערט און געשענדעט דאָס הייליגסטע ביי אידן.

# „לוקוס לוקוס"

# „LOKUS LOKUS"



# „וואלף וואלף"

יעצט ווען השי״ת האָט געהאָלפן אַז ערליכע אידן זענען אויפגעראָכטן געוואָרן, די זון האָט אויפגעשיינט אויף אידן שומרי תּורה וּמִצוות, דורך די כֹּהֲנים הַקדושים, די הייליגע צדיקים די חַשמונָאים, וואָס האָבן זיך אוועק געגעבן דאָס לעבן פאַרן כבוד פון השי״ת, פאַרן כָּבוד פון די תּורה הקדושה, און זיי האָבן באַזיגט די רְשָׁעים, די יְוָנים האָבן געהאַט אַ מַפָּלה, און זענען פאַרטריבן געוואָרן פון יְרוּשָׁלַיִם, פון בֵּית הַמִקדש, די מִתיַוונים האָבן זיך פאַרשטעקט אין מייז לעכער פאַר בושה, — האָבן די חֲכָמים גע׳קַנס׳עט די גאַנצע מִשמורה*) פון בילגה, מיט געוויסע באַגרעניצונגען אין בֵּית הַמִקדש, 1) אין בֵּית הַמִקדש האָט יעדע מִשמורה געהאַט אַ קליין פענסטערל אין די

*) דוד המלך און שמואל הַנָבִיא האָבן איינגעטיילט 24 מִשמורות, אָפּטיילונגען, גרופּעס (ווי אויבנדערמאנט), וואָס יעדע גרופּע האָט געהאַט צוגעטיילט אַ באַזונדערע צייט ווען עס איז אויסגעקומען אויף זיי, צו האָבן די זכי׳ צו קענען טאָן די עֲבודה אין בֵּית הַמִקדש, צוויי מאָל אין יאָר, צוויי מאָל פער איין וואָך.

צָפון וואַנט פון הֵיכל, וואו די כֹּהֲנים האָבן געהאַלטן זייערע מעסער׳ס, דעם חַלף צום שחט׳ן, האָט מען גע׳קנס׳עט די מִשמורה פון בילגה און מען האָט פאַרקלאַפּט זייער פענסטער, אַזוי אַז זיי האָבן אַלץ געדאַרפט אָנקומען צו אַן אַנדערנס פענסטער. 2) מען האָט פאַרנאָגלט די רינג וואָס האָט זיי פאַרגרינגערט צו שחט׳ן אַ קרבן, א.א.וו.

די הייליגע חֲכָמים האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב פון אַ מִשפָּחה איז אַרויסגעקומען אַזאַ מרשַעת, אַן אויסוואורף, קען מען נישט פאַרגעסן פון דעם כּלַל אַז:

„אַ קינד זאָגט נאָר דאָס וואָס עס הערט ביי די עלטערן", אויב זי האָט געלעסטערט די עֲבודה און דעם מִזבֵּחַ, וואו אידישע קינדער זענען געקומען פון די גאַנצע וועלט דינען דעם באַשעפער, איז אַ סִימן אַז זי האָט אויך ביי אירע עלטערן געהערט, עפּעס אַ גרינגשעצונג אויפ׳ן בֵּית הַמקדש, אויף די



עֲבוֹדה, אויף די תּוֹרה הַקדוֹשה, אָדער אויפ'ן חֶשבּון פון שְמִירת תּוֹרה וּמִצוות. עס איז אַ סִימָן אַז מען האָט כאַטש „עפּעס דערפון" געהערט אָדער געזען אינדערהיים. וועגן דעם האָבן די הייליגע חֲכָמִים באַצייכנט די מִשפָּחה אויף אַלע דוֹרוֹת צו שאַנד, מען זאָל וויסן און געדענקען פּאַרזיכטיג צו זיין ווי אַזוי צו ערציען קינדער עס זאָל נישט ברענגען קיין שאַנד פאַר זיך, און פאַר די מִשפָּחה, אויף אַלע דוֹרוֹת.

---

*) אונזערע הייליגע חכמים זאָגן אויפ'ן פּסוק וְהָיָה בֵּית יַעֲקֹב אֵשׁ (עוֹבדי' א' פסוק י"ח) אַז אידן זענען צוגעגליכן צו פייער און די פעלקער פון דער וועלט צו וואַסער, ווי עס שטייט אין פּסוק מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה (שיר השירים פרק ח' פסוק ז').

די ביידע פסוקים טייטשט דער מהר"ל מפּראג: אַז פייער און וואַסער ווען זיי מישן זיך צוזאַמען ווערט דאָך דאָס פייער אויסגעלאָשן דורכ'ן וואַסער. אָבער ווען דאָס פייער איז אָפּגעטיילט, עס איז דאָ אַ וואַנט צווישן פייער און וואַסער, לְמָשל אַ כּלי מיט וואַסער שטייט אויפ'ן פייער, איז דורך די צייט ווערט דאָס וואַסער אויסגעטרוקנט און פאַרניכטעט דורך די היץ פון פייער.

אַזוי אויך דאַרפן אידן זיך שטענדיג דערווייטערן, האָבן אַ שטאַרקע מְחִיצה, אַ גרויסן צווישנשייד, אַ מסך הַמַבדיל — אַ וואַנט וועלכע טיילט אָפּ פון די אוּמוֹת הָעוֹלם און נישט האָבן קיין שוּם שייכוּת מיט זיי.

אַן ערליכער איד דאַרף אַלץ שטיין ווייט פון די אַלע וואָס האָבן צו טאָן מיט גוֹי'אישקייט, אַזוי קען מען האָבן אַן עקזיסטענץ און בלייבן אַ תּוֹרה טרייער איד.

(נצח ישראל כ"ה).





פרק ה

# יְהוּדִית

## קאפיטל כה

## הֶעלִיפוֹרנוּס קומט מִלחָמה האַלטן

צווישן די שווערע און וואונדערליכע מִלחָמות, אין די שווערע צייטן ווען די יְוָנִים האָבן נאָך אונטערדריקט די אידישע קינדער, און די הייליגע חַשמוֹנָאים האָבן זיך אָנגענומען פאַרן כָּבוד פון השי״ת און פאַר זיין תּוֹרה הַקדוֹשה, פאַרדינט עקסטרע באַצייכנט צו ווערן דאָס אָרט „בֵּית חוּלְיָא״, מיט איר גרויסע העלדן די צדיקת יְהוּדית.

אַנטִיוּכוס האָט געהערט פון דעם אויפשטאַנד אַז די ערליכע אידן האָבן זיך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיי קענען מער נישט דולדן די גריכישע עֲבוֹדה זָרה זאָל רעגירן אין אֶרץ יִשׂרָאל, אין יְרוּשָׁלַים, אין בֵּית הַמִקדָש, און די ערליכע אידן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַקעגן די מעכטיגע יְוָנִ׳ישע הערשאַפט. חַשמוֹנָאִי מיט זיינע קינדער מיט זייערע נאָכפאָלגערס האָבן עפנטליך אויסגערופן: „מיר וועלן נישט זיין אונטערטעניג פאַר קיין שוּם מאַכט אויף דער וועלט, ווער עס וויל שטערן אידישע קינדער פון שְׁמִירת תּוֹרה וּמִצוות, מיר וועלן זיך נישט לאָזן אַוועקרייסן פון די תּוֹרה הַקדוֹשה דורך קיין שוּם כֹּח פון וועמען עס זאָל נישט זיין. מיר ווילן און וועלן זיין אונטערטעניג, געהאָרכזאַם נאָר פאַר אונזער הייליגן גרויסן קעניג, פאַר השי״ת מיט זיין תּוֹרה הַקדוֹשה!״.

אַזוי ווי דער רָשָׁע אַנטיוּכוס האָט דאָס אַלעס געהערט האָט ער

צוזאַמגענומען גרויסע ריזיגע אַרמעיען, זיינע שטאַרקסטע סאָלדאַטן מיט די בעסטע וואפנס, אויפגעריסטעט מיט פיל מוניציאָן און מיט כלי זיין אָן אַ שיעור, מיט'ן גענעראַל העליפורנוס אין שפיץ, און זיי געשיקט מלחָמה האַלטן מיט די אידישע קינדער, און ער האָט געוואָלט חָרוב מאַכן גאַנץ אֶרץ יִשׂרָאל.

דער שטאַרקער און געלערנטער גענעראַל הֶעלִיפוֹרנוס איז אָנגעקומען מיט זיין מיליטער צו די שטאָט בֵּית חוּליא. ער האָט זיך געגרויסט, און געטראַכט אַז זיין זיג איז אַ זיכערער, און אַז ער וועט נישט דאַרפן פאַרלייגן קיין גרויסע כּוחות, אויף בייצוקומען די אידן. דערפאַר, ווען זיינע שפּיאָנען און שלוּחים האָבן אים דערציילט אַז די אידן גרייטן זיך אויף אַ ווידערשטאַנד איז ער מיט זיין איבערמענטשליכן פרעכהייט און שטאָלץ, געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט און מיט מער אימפּעט, צאָרן און כַּעס, האָט ער זיך פאָרגענומען אַז ער וועט זיך שוין מיט די אידן „אָפּרעכענען".

ער האָט מיט זיין מעכטיגע אַרמעי, באַלאַגערט די שטאָט, געשטעלט שׁוֹמרים, היטערס, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַנטלויפן פון זיינע הענט, און זיך געגרייט אויף די מִלחָמה.

ער האָט זיך אַדורכגעשמועסט מיט זיינע אָפיצירן, מיניסטאָרן און ראַטגעבער, וועגן די מעטאָדן ווי אַזוי אָנצופאַנגען די מִלחָמה, קעגן השי"ת ח"ו און קעגן זיין אויסדערוועלט פאָלק, און ווי אַזוי ח"ו צו „ענדיגן" מיט'ן אידישן פאָלק. ער האָט פאַר'מִשפּט, פאַראורטיילט, דעם כּלַל יִשׂרָאל ח"ו צום אונטערגאַנג אויב זיי וועלן נישט אָננעמען די יְוָנִ'ישע געזעצן אַנשטאט די הייליגע תּוֹרה.

דָוד הַמֶלך זאָגט אין תְּהִלים (ע"א): „כִּי אָמְרוּ אוֹיבַי לִי וְשֹׁמְרֵי נַפְשִׁי נוֹעֲצוּ יַחְדָיו וגו' רִדְפוּ וְתִפְשׂוּהוּ כִּי אֵין מַצִיל", מיינע שׂוֹנאים, די מענטשן וואָס „היטן" מיך, זיי „עֵצה'ן" זיך צוזאַם קעגן מיר, מיך בייצוקומען, זיי זאָגן: יאָגט אים, כאַפּט אים, יעצט איז די ריכטיגע צייט אים צו פאַרטרייבן און רוֹדפ'ן, ווייל ער איז שוואַך און קיינער וועט זיך נישט אָננעמען פאַר אים.

ווייטער זאָגט אָבער דָוד הַמֶלך אין תהלים (ק"ט): „כִּי יַעֲמוֹד לִימִין אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיעַ מִשׁוֹפְטֵי נַפְשׁוֹ", השי"ת שטייט ביי די זייט פון אָרעמאַן, פון אַ צעבראָכענעם דערדרוקטן מענטש, אים צו העלפן, צו שיצן און מַציל זיין פון זיינע „שׁוֹפְטִים" וואָס מִשפּט'ן אים ח"ו אומצוברענגען.

דאָס זעלבע האָט געטאָן דער רָשע העלִיפוֹרנוס, דער גענעראַל פון אַנטיוכוס מֶלך יָוון. ער האָט געשטעלט „שׁוֹמרים" וואָס זאָלן היטן אַז

אידישע קינדער זאָלן נישט קענען אַנטלויפן, „יוֹעֲצִים" ראַטגעבערס ווי אַזוי צו פירן די מִלְחָמָה קעגן אידן, און „שׁוֹפְטִים" וואָס האָבן פאַר'מִשְׁפּט אַלע ערליכע אידן וואָס ווילן זיך נישט בוקן צו די גריכישע עֲבוֹדָה זָרָה.

קאַפּיטל כו

## אַכיוֹר דער שטערנזעער

אַכיוֹר איינער פון די מיניסטאָרן וואָס איז געווען אַ „שטערנזעער" האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: „איך בין באַקאַנט אין די פאַרגאַנגענהייט פון דעם אידישן פאָלק. זייערע עלטערן האָבן מיט יאָרן צוריק געדינט צו זייער באַשעפער. זיי זענען געווען ערליך, איז זייער באַשעפער געשטאַנען זיי צו הילף, און באַוויזן איבערנאַטורליכע וואונדער. ער האָט געמאַכט פאַלן פאַר זיי פרינצן און קעניגן, מעכטיגע הערשערס, מיט גרויסע אַרמעיען. שטאַרקע וועלט רעגירערס פון פעלקער און נאַציאָנען, האָט זייער באַשעפער געמאַכט אַש און בלאָטע פאַר זיי. זיי האָבן רעגירט אויף לענדער און פעלקער, ווייל צו זייער באַשעפער איז קיין גלייכן נישטאָ"!

„שפעטער אָבער", האָט אַכיוֹר פאָרגעזעצט „זענען די אידן אַראָפּגעגאַנגען פון זייערע עלטערנ'ס וועג. זיי האָבן נישט געהאַלטן זייערע געזעצן פון די תּוֹרָה, האָט זיי זייער באַשעפער אָפּגעלאָזט, געמאַכט זיי צו שאַנד, און זיי זענען אונטערדרוקט געוואָרן דורך אַנדערע פעלקער. אָבער יעצט אַזוי ווי זיי האָבן חֲרָטָה געהאַט אויף זייערע וועגן, נעמט זיך זייער באַשעפער ווידער אָן פאַר זיין פאָלק. השי"ת נעמט זייער גרינג אָן זייער תְּשׁוּבָה טאָן. מען דאַרף גאָרנישט טאָן קיין שׁוּם שווערע זאַך צום תְּשׁוּבָה טאָן. מען האָט חֲרָטָה, מען זינדיגט מער נישט און שוין פאַרטיג! און דעמאָלס איז נישטאָ מער ווער עס קען זיי בייקומען. עס עקזיסטירט נישט דער כֹּחַ וואָס עס זאָל עפּעס קענען שאָדן טאָן פאַר זיי, אָדער זיי בייקומען אין די צייט וואָס השי"ת, דער באַשעפער פון אידישע קינדער נעמט זיך אָן פאַר זיי".

„דערפאַר", האָט אַכיוֹר אויסגעפירט, „איז מיין מיינונג אַז מען זאָל זיך אינטערעסירן און אויסגעפונען, צי זיי האַלטן זייער תּוֹרָה, צי האָבן זיי זיך נישט פאַרזינדיגט קעגן זייער באַשעפער? אויב יאָ, דאַן קענען מיר רואיג זיי אַטאַקירן און דורכפירן די אָפּענסיווע מיט ערפאָלג".

„אויב זיי פירן זיך אָבער לויט זייערע פאָרשריפטן, אויפ'ן וועג פון

זייערע עלטערן, זיי האַלטן זייער תּורה מיט אירע מִצוות, דאַן איז אַ שאָד צו פּראָבירן. זייער באַשעפער וועט זיי שטיין צו הילף, און מיר וועלן האָבן אַ געװצליכן דורכפאַל. עס וועט אונז נאָר מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט קעגן אַלע פעלקער פון דער וועלט, אַזוי ווי פַּרעֹה מֶלך מִצרַים, סִיסרָא און סַנחֶרִיב, הָמָן פון שוּשַן הַבִּירָה, און אַנדערע שׂוֹנאִים פון אידישן פאָלק!״

אַלע אָנוועזנדע זענען אויפגעשטורעמט געוואָרן צוליב די ווערטער.

„ווי וואַגסטו אַזוי צו רעדן?״ האָט הֶעלִיפוֹרנוּס געדונערט, „ווייסטו דען נישט אַז דער קעניג אַנטיוֹכוּס צו וועמען מיר דינען, ער איז דער מעכטיגסטער?״

„אַלזאָ דו פאַררעטער״, האָט דער הויפּט גענעראַל ווייטער געשריגן אויף אַכיוֹר׳ן. „פאַר דיינע ווערטער וועסטו טייער באַצאָלן. איך וואָלט דיך געדאַרפט גלייך דער׳הַרג׳ענען ווי דעם נידריגסטן, אָבער איך וועל דיך ערשט אָנלערנען. דו וועסט מיט דיינע אויגן צוקוקן ווער עס איז דער פאַקטישער הערשער אויף דער וועלט, און אַזוי וועסטו באַקומען דיין שטראָף״.

ער האָט באַפוילן אַז מען זאָל אים בינדן הענט און פיס, אים צוטראָגן צום טויער פון די אידישע שטאָט, און אים דאָרט אַוועקשטעלן צוגעבינדן צו אַ בוים. „ווען איך וועל איינעמען די שטאָט וועל איך אים אומברענגען צוזאַמען מיט זיי״, האָט ער געזאָגט.

מען האָט אים גענומען אין אים צוגעטראָגן צו די מויער, צוגעבינדן צו אַ בוים נעבן דעם טויער, און אים דאָרט געלאָזט, פּינקטליך, גענוי, ווי דער מעכטיגער גענעראַל האָט באַפוילן.

ווען די אידישע שטאָט וועכטער האָבן אים דערזען, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צו אים, אים אויפגעבינדן און אַריינגעברענגט אין שטאָט.

ווען ער האָט דערציילט די אורזאַך פון זיין פאַרשיקט ווערן, און וואָס דער רָשע טראַכט צו טאָן, זענען זיי אַלע דערשראָקן געוואָרן און מען האָט גענומען דעם אַלטן מיטל פון אונזערע עלטערן, די גוט אויספּראָבירטע עֵצה צו ווענדן זיך צו אונזער געטרייען פאָטער אין הימל מיט תְּפִילות וְתַחנוּנִים. מען האָט אָנגעהויבן צו שרייען צו השי״ת, מיט צעבראָכענע הערצער מיט אַ געדרוקטן געמיט, מיט געוויין, אַז די קולות האָבן געשפּאַלטן די הימלען.

אַכיוֹר דער שטערנזעער האָט דאָס אַלעס צוגעקוקט דערשיטערטערהייט.

דער הויפט פון שטאָט וואָס זיין נאָמען איז געווען עוזיָהו האָט באַרואיגט דעם דערשראָקענעם מיניסטער אַכיוֹר, און אים געמוטיגט, „האָב קיין מוֹרא נישט, השי"ת אונזער באַשעפער וואָס דו האָסט דערציילט און אַנטפּלעקט זיין הייליגן נאָמען און זיין שטאַרקקייט, וועט אונז העלפן און באַשיצן פון דעם שׂוֹנא, און ער וועט דיר ווייזן די מַפָּלה פון אונזערע פיינט. דו וועסט זען ווי זיי וועלן דערשלאָגן ווערן, און אויך וועסטו צוזען ווי אונזער געטרייער פאָטער וועט אונז ראַטעווען, אויף וואונדערליכע וועגן, וואָס קיינער ווייס דאָס נישט פאָראויס, נאָר דער באַשעפער".

די אידן האָבן פאַרברענגט דעם טאָג מיט פאַסטן, מִתפַּלל זיין, און תְּהִלִים זאָגן, מיט תְּשׁוּבה, תְּפִלָּה, און צְדָקה, און די ערליכע אידן די חַכמֵי יִשׂרָאל האָבן געהייסן אַז מען זאָל נישט אויפהערן דאָס שרייען צום טאַטן אין הימל, ער זאָל זיך מְרַחם זיין אויף זיינע קינדער.

אַזוי ווי דָוד הַמֶלך האָט אונז געלערנט אין תּהִלים (ל"ד): קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב וְאֶת דַכְּאֵי רוּחַ יוֹשִׁיעַ", השי"ת איז נאָנט צו די תְּפִלוֹת וואָס קומען פון צעבראָכענע הערצער, און די דערנידריגטע, דערשלאָגענע העלפט השי"ת. השי"ת טוט נישט פאַרלאָזן זיין געטריי פאָלק.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך העליפורנוס געגרייט צו דער מִלחָמה.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די שטאָט. די אידן האָבן פאַרשטאַרקט די וואַך אַרום די פאַרמויערטע שטאָט, אַזוי אַז עס איז נישט מעגליך געווען אַריינצוקומען.



(קאַפּיטל ל"ד פסוק י"ט)

קאַפּיטל כז

# די שטאָט ליידט דורשט

העליפורנוס האָט באַטראַכט די שטאָט פון אַלע זייטן, האָט ער געזען די וואַסער־קאַנאַלן וואָס פירן אַריין וואַסער צום טרינקען אין די שטאָט.

ער באַפעלט צו צעשטערן די קאַנאַלן, אַז די שטאָט מענטשן זאָלן נישט האָבן וואָס צו טרינקען.

העליפורנוס דער רָשע מיט זיינע ראַטגעבער, היטערס און שׁופטים, האָבן באַשלאָסן אַז דער לייכטסטער וועג איינצונעמען די שטאָט וועט טאַקע זיין אַזוי: אָפּצוהאַקן יעדע ברין וואָס פירט אַריין וואַסער, אַזוי אַז מיט די צייט וועט אויסגיין דאָס וואַסער אין די שטאָט, וועלן זיי זיך מוזן אונטערגעבן פאַר דורשט און נויט, און דער זיג וועט זיין זייערער.

דער פּלאַן איז טאַקע געווען סטראַטעגיש אויסגעהאַלטן. עס זענען



אַדורכגעגאַנגען צוואָנציג טעג און דאָס ביסעלע וואַסער וואָס איז נאָך געווען אין די שטאָטישע רעזערוואַרן, אין די גרובער, האָט שוין געהאַלטן ביים אויפגענוצט ווערן. מען האָט איינגעטיילט דאָס ביסעלע וואַסער אויסגערעכנט לויט אַ מאָס. די מִשְפָּחות מיט קליינע קינדערלעך האָבן זעלבסטפאַרשטענדליך באַקומען מער, יעדער לויט זיין געברויך, אָבער מיט דער צייט האָט מען אָנגעפאַנגען צו ליידן דורשט. דאָס טריקעניש האָט שוין אָנגעהויבן צו באַוויזן זיינע צייכנס אויף די אפגעשמאַכטע אידישע קינדער.

עס האָבן זיך שוין געהערט פאָדערונגען צו עוזִיָהו אַז מען זאָל זיך אונטערגעבן צום שׂונא, „מיר וועלן קענען אַזוי אויך דינען השי״ת, ווי איידער ח״ו אויסצוגיין פון דורשט״.

עס האָט זיך געטאָן אַ גרויס געשריי. טייל האָבן געשריגן אויף די פירער: „איר זענט פאַראַנטוואָרטליך אויף די שרעקליכע לאַגע, איר האַלט אונז דאָ פאַרשפאַרט!״

די שטאָט פירער האָבן מיט געוויינט צוזאַמען מיט זייערע אידישע ברידער. ענדליך האָט עוזִיָהו געזאָגט צום פאָלק:

„טייערע אידישע ברידער! לאָמיר נאָך וואַרטן פינף טעג. מיר האָבן נאָך גענוג אויסדויער קראַפט אויף די עטליכע טעג. השי״ת האָט גענוג וועגן און מיטלען ווי אַזוי אונז צו העלפן, סיי פון אויסגיין ח״ו פאַר צָרות, סיי פון די בלוטיגע הענט פון אונזערע שׂונאים. אויב אָבער השי״ת וועט נאָך נישט שיקן די יְשועה, וועלן מיר טאָן ווי איר שלאָגט פאָר״.

## קאַפיטל כח

## אין זכות פון אַן ערליכע פרוי

אין די שטאָט האָט געוואוינט אַן ערליכע פרוי, זייער אַ חָשוב איידל מענטש, אַ גרויסע צדיקת מיט׳ן נאָמען יְהוּדִית.

איר מאַן מְנַשֶה, האָט שוין נישט געלעבט. ער איז נִפטר געוואָרן מיט דריי און אַ האַלב יאָר פריער.

ער האָט איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן, אַזוי אַז יְהוּדִית איז געווען גאָר אַ רייכע פרוי מיט אַן אומשאַצבאַרן רייכטום פון גאָלד און זילבער. זי האָט פיל צְדָקה געגעבן, און מְחַיֶ׳ געווען פיל אידן. פיל דערביטערטע מענטשן זענען אַרויס פון איר הויז מיט אַ יְשועה, מיט אַ טרייסט, באַגלייט מיט גוטע

ווערטער. אָבער הויפּטזעכליך איז זי געווען באַקאַנט און געשעצט צוליב איר גרויס ערליכקייט, צניעות, צדקות און יראת שמים.

זי איז געווען אַ גרויסע בעלת מדריגה. זי האָט זיך דערווייטערט פון אַלע סאָרט וועלטליכע פאַרגעניגנס און פאַרווײלונגען. זי האָט געהאַט אַן איינפאַכע דירה. קיין שום מותרות, קיין רייכטום, קיין איבריג טייער מעבל און צירונגען האָט זי נישט געהאַט אין הויז. זי איז געווען גענוג קלוג דערצו, צו טאָן וויכטיגערס מיט דעם ריזיגן פאַרמעגן וואָס השי"ת האָט איר געשאָנקען.

זי האָט געפאַסט אַלע טאָג, און נישט געגעסן נאָר אין אָוונט, און דעמאָלס האָט זי אויך נישט געגעסן קיין קעניגליכע סעודות, נאָר אַן איינפאַכע מאָלצייט צו זיין געזונט און שטאַרק און האָבן כח ווייטער צו דינען דעם באַשעפער. נאָר שבת און יום טוב האָט זי געהעריג געגעסן. זי האָט אירע טעג פאַרברענגט מיט דאַוונען און זאָגן תהלים, מתפלל געווען צו השי"ת אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף אידן, אַז צו די שווערע צייטן, די שווערע גזירות און גרויזאַמע צרות זאָל שוין נעמען אַ סוף.

זי האָט געבעטן השי"ת ער זאָל מוטיגן און שטאַרקן אידישע קינדער, זיי זאָלן ח"ו זיך נישט אונטערגעבן אונטערן דרוק פון די מעכטיגע וועלט־מאַכט די יוָנים, מיט זייערע אַרויסהעלפערס די מתיַוונים. זי האָט מתפלל געווען אַז אידישע קינדער זאָלן האָבן גענוג דרייסטקייט זיך צו האַלטן מיט אַ הייליג עקשנות ביי שמירת תורה ומצוות בשלימות.

עקסטער האָט זי אַלץ תפלה געטאָן אַז די „יוגנט" אויף וועם די מתיַוונים האָבן זיך דירעקט פאַרלייגט מיט די גרעסטע כוחות, זיי זאָל השי"ת נאָך מער העלפן, היטן און שיצן, זיך צו האַלטן ביים תורה וועג, ביים אַלטן אַמאָליגן חינוך פון זייערע עלטערן ביים אַל תטוש תורת אמך.

ווייל דער ריינער, אומגעפעלשטער תורה וועג, איז געשטאַנען צום מערסטנס אין וועג פאַר די יוָנים און נאָך מער פאַר די מתיַוונים. דער ציל־פונקט „נומער איינס" איז געווען פאַר די רשעים דער חינוך. דאָס האָבן זיי געוואָלט פאַר יעדן פּרייז קודם שוואַך מאַכן און ענדערן, דערנאָך צעברעכן און צעשטערן. האָבן די יוגנט טאַקע געדאַרפט מער התחזקות, מער שמירה, מער מוטיגונג, און מער אויסהאַלטונג.

ביי די מתיַוונים איז געווען אַ גאַנצער געווינס ממש אַן אוצר, אַריינצושטעלן איינעם פון זייערע מענטשן אין אַ בית חינוך, אַ תלמוד תורה,

אָדער יְשִיבה, כּדי שוואַך צו מאַכן, צו ענדערן, כאָטש נאָר אַביסל אָפּצוקילן דעם ברען דעם חשק דאָס חֲשיבות און ליבשאַפט צו שְמִירַת תּורה וּמִצוות וואָס ערליכע מַנהִיגי יִשְרָאל האָבן אַריינגעפלאַנצט אין די קינדער.

אויך פלעגט זי אַלץ צו מוטיגן אידישע טעכטער אַז עס איז נישט דאָ קיין בעסערס, קיין זיכערערס, קיין אַנגענעמערס ווי דער וועג פון אונזער הייליגע תּורה. אָבער טאַקע אָריגינעל, אָן קיין ענדערונגען, אָן פְּשָרות, פונקט אַזוי ווי השי״ת האָט דאָס אונז געגעבן אַזוי ווילן מיר דאָס מְקַיים זיין בשלימות.

זי פלעגט אַלץ מאָנען אידישן שטאָלץ, פון אידישע טעכטער. צו יעדער צייט איז ביי אונז אַזוי חָשוב, טייער און הייליג אונזער אידישע קליידונג, אונזערע אידישע נעמען, מיט אונזער אידישע שפּראַך וואָס מיר האָבן פון אונזערע עלטערן מְקוּבל, ווי די יְוָונים, מיט זייערס. איין מִצוה פון אונזער הייליגע תּורה איין תַּקָנה פון אונזערע הייליגע חֲכָמים, אָדער אפילו איין מִנהג יִשְרָאל וואָס מיר האָבן געזען ביי אונזערע טייערע עלטערן, געבן מיר נישט אַוועק פאַר די גאַנצע גריכישע אימפּעריע מיט זייער קולטור, אפילו פאַר די גאַנצע וועלטס פאַרמעגן.

זי האָט אין איר וואוינונג געהאַט אַ באַזונדערן צימער ספּעציעל אויף צום דאַווענען, וואו זי איז שטענדיג געווען.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן די ווערטער פון עוזיָהו אַז נאָך פינף טעג וועט מען וואַרטן און אויב די הילף וועט ח״ו נישט קומען וועט מען זיך אונטערגעבן צום פיינט, האָט עס איר זייער געאַרט.

זי האָט זיך געטראָפן מיט די הויפּטלייט, אָנפירערס פון שטאָט און זיי פאָרגעהאַלטן:

„עס איז נישט ריכטיג אַזוי צו רעדן ווי עוזיָהו האָט גערעדט. דאָס הייסט ווי געבן ח״ו פאַר השי״ת אַן אולטימאַטום, באַשטימען אַ צייט אַז אין די טעג זאָל ער העלפן און אַז חָלִילה נישט גיט מען זיך אונטער, און מען פאַרלירט חָלִילה דעם צוטרוי און בִּטָחון צו השי״ת? איר ווילט ח״ו אויספּראָבירן אונזער באַגלייבטן באַשעפער צי ער קען טאַקע העלפן פּינקטליך צו דעם זמַן וואָס איר שרייבט פאָר? דער באַשעפער פון אַלע וועלטן, ווער עס איז אַלמעכטיג, ער קען זיכער אַלעס, אייביג, צו יעדער צייט, מיר מוזן נאָר ווערט זיין דאָס צו זען״.

„עס איז אַ טָעות, ווייל דורך פּרוואון השי״ת וועט זיכער די יְשועה נישט

קומען. דער איינציגער וועג איז נאָר דורך בעטן השי״ת. מיר דאַרפן בעטן און מתפלל זיין אַן אויפהער אַז ער זאָל העלפן זיינע קינדער, זיי מציל זיין פון די שאַרפע נעגל פון די רְשָעים און זיך נוֹקם זיין אין אונזערע פיינט״.

אונזערע עלטערן פון אַלע דורות האָבן אויך אַזוי געטאָן זיי האָבן נישט געפּרואוּפט השי״ת נאָר געגלייבט און געבעטן השי״ת, האָט ער זיי טאַקע אַלעמאָל געהאָלפן.

„דערפאַר״, האָט יהוּדית געזאָגט ווייטער צו די שטאָט פירער, „דאַרפט איר מוטיגן און טרייסטן אונזערע ברידער און אויסרופן צו זיי:״

„אונזערע עלטערן זענען געפּרואווט געוואָרן מיט שווערערע און גרעסערע נסיונות, כּדי זיי זאָלן דינען השי״ת מיטן גאַנצן האַרץ. „כַּאֲשֶׁר יְיַסֵר אִישׁ אֶת בְּנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ מְיַיסְרֶךָ״, אַזוי ווי אַ געטרייער טאַטע וואָס האָט זייער ליב זיין קינד אַזוי ציכט און פּרואווט השי״ת זיינע קינדער, און דאָס אַלעס איז נאָר ... „לְהֵיטִבְךָ בְּאַחֲרִיתֶךָ״ כּדי דערנאָך גוטס צו טאָן מיט אונז, השי״ת באַצאָלט אַ גוטע פּרייז פאַרןביישטיין די אַלע נסיונות, די אַלע צָרות, און שוועריגקייטן״.

„אונזער זיידע אַבְרָהם אָבִינוּ איז געפּרואווט געוואָרן מיט פיל שווערע צייטן און פונדעסטוועגן האָט ער געגלויבט אין השי״ת און זיך געהאַלטן פעסט ביי די אֱמוּנה, אַזוי אַז השי״ת האָט אים גערופן „מיין פריינד״ — מיין ליבהאָבער. אַזוי איז אויך געווען מיט יצחק אבינו, יעקב אבינו, משה רבינו, און אַלע וועלכע זענען געווען ערליך און געטריי צו השי״ת. זיי זענען געפּרואווט געוואָרן מיט גרויסע צָרות, און אַלע מִינים שוועריגקייטן, און זיי האָבן אַלעס מְקַבֵּל געווען בְּאַהֲבָה, קיינמאָל נישט געגעבן ח״ו אַן אולטימאַטום פאַר השי״ת, און זייער שְׂכַר איז טאַקע געווען זייער גרויס״.

„פון זייערע זכוּתים טוען מיר נאָך היינט געניסן. אַנדערש אָבער די וועלכע האָבן געפּרואווט השי״ת און זיך אָפּגערעדט אויף זיינע הייליגע וועגן, די זענען געשלאָגן געוואָרן מיט שווערע און ביטערע שטראָפן״.

„דערפאַר טייערע אידן לאָמיר אַנערקענען אַז די צָרות און ליידן זענען צוליב אונזערע זינד, און זיי זענען נאָך מיט גרויסע חֲסָדים קעגן אונזערע שווערע עֲבירות וואָס מיר זענען שולדיג. לאָמיר תּשובה טאָן, און זיך פאַרנעמען צו פאַרבעסערן אונזערע מַעשׂים, יעדער זאָל ביי זיך אין שטוב זוכן, וואָס עס איז דאָ צו פאַרריכטן. ווער וויל דען אַז איבער אים זאָל ח״ו געשען אַן אומגליק אויפ׳ן גאַנצן כְּלַל יִשְׂרָאֵל? אַזוי נאָך קענען מיר

ערוואַרטן אַ יְשׁוּעָה פון השי״ת, און ער וועט זיך זיכער אויף אונז דערבאַרעמען, ווייל דאָס איז דאָך זיין הייליגער ווילן״. האָט יְהוּדִית פאַרענדיגט.

„דו ביסט זייער גערעכט״, האָט עוּזִיָּהוּ מוֹדה געווען צו יהוּדית, „מיר טוען אַנערקענען אונזערע נישט אויסגעהאַלטענע ווערטער, און בעט טאַקע פאַר אונזערט וועגן אַז מיר זאָלן נישט געשטראָפט ווערן״.

מיר ווילן ח״ו נישט פּרוּאוון השי״ת, מיר ווענדן זיך נאָר צו אים נאָך הילף. אַזוי ווי אונזערע עלטערן האָבן אַלעמאָל געטאָן״, האָבן די חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, די שטאָט אָנפירער ווייטער געזאָגט.

## קאַפּיטל כח
## חָכְמַת נָשִׁים בָּנְתָה בֵּיתָהּ

די צדיקת יהוּדית האָט זיך געווענדעט נאָכאַמאָל צו די חַכמי יִשְׂרָאֵל און אויסגערופן מיט פרייד:

אויב אַזוי! קענען מיר טאַקע ערוואַרטן די יְשׁוּעָה פון השי״ת. האָט דען השי״ת נישט געטאָן גרויסע נִיסים מיט אונזערע עלטערן, ווען מען האָט זיך געווענדעט צו אים נאָך הילף, אָבער טאַקע נאָר צו אים״.

„יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן האָט איינגענומען די שטאָט יְרִיחוֹ אָן קיין שום געווער נאָר מיט שׁוֹפר בלאָזן״.

„גִּדְעוֹן בֶּן יוֹאָשׁ דער שׁוֹפט, האָט מיט בלויז דריי הונדערט מענטשן באַזיגט מעכטיגע גרויסע אַרמעיען וואָס זיי זענען געווען אַזוי פיל ווי דאָס שטויב אויף די ערד. די אַלע דריי הונדערט מענטשן האָבן קיינמאָל נישט געקניט צו קיין עֲבוֹדָה זָרָה, נאָר זיך פאַרלאָזט אויף אונזער איינציגן באַשעפער. דבורה הַנְּבִיאָה האָט צעקלאַפּט סִיסְרָא׳ן*) דעם גרויסן העלד, מיט זיין גאַנצע אַרמעי, אַלעס נישט מיט מענטשליכע כּוֹחוֹת, נאָר מיט די איבערנאַטירליכע הילף פון אונזער באַשעפער, ווייל מען האָט זיך צו אים געבעטן״.

*) דער מדרש זאָגט, אַז סיסרא דער קריגספירער פון יָבִין מֶלך כּנַעַן, האָט געהאַט אַ מין מעכטיגע גבוּרה, ער האָט נישט מוֹרא געהאַט פון קיין שום חַיה אויף די וועלט. ער האָט איין שריי געגעבן, איז געפאַלן אַ פַּחַד אויף די ווילדסטע און שטאַרקסטע חיות און זיי זענען פון אים אַנטלאָפן.


יְרִיחוֹ
יַרְדֵן

דָוד הַמֶלֶך האָט געווינען אַלע מִלְחָמות קעגן זיינע שׂונאים, און קעגן די רְשָׁעים וואָס זענען אויפגעשטאַנען אויף אידישע קינדער, אַלעס נאָר מיט די הילף פון השי״ת, ווי ער דערציילט עס אַליין אָן אַ שיעור מאָל אין סֵפר תְּהִלִים״.

„יְהוֹשָׁפָט מֶלֶך יְהוּדה איז געגאַנגען אין די מִלְחָמה מיט כְּלֵי זֶמֶר (מוזיק) אַנשטאָט כְּלֵי זַיין (געווער) און ער האָט באַזיגט דעם שׂונא. קיין איין איד האָט נישט געשאָדט קיין טראָפּן בלוט״.

„סַנְחֵרִיב מֶלֶך אַשוּר האָט צוזאַמענגענומען די גאַנצע וועלט׳ס סאָלדאַטן. ער האָט מיט גאווה און מיט שפּאָט אָפּגעלאַכט פון די „קליינע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם״, אין מינוטן וועט ער דאָס איינעמען, האָט ער זיך באַרימט פאַר זיינע גענעראַלן. האָט השי״ת געשיקט איין מַלאך און פאַרניכטעט זיין גאַנצע אַרמעי, צוזאַם מיט זיין גאווה. סַנְחֵרִיב׳ס סאָלדאַטן האָבן צוזאַמגעקליבן די גאַנצע וועלט׳ס פאַרמעגן און מיטגענומען מיט זיך אויף יְרוּשָׁלַיִם. דאָס אַלעס איז געבליבן פאַר חִזְקִיָהוּ מֶלֶך יְהוּדָה מיט זיין פאָלק״ *).

„וואונדער איבער וואונדער האָט השי״ת שוין באַוויזן פאַר אונז אידן אין אַלע דורות, ווייל מען האָט געפאָלגט די ערליכע אידן, מען איז געגאַנגען אין תּוֹרה וועג, מען האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון קיין שום פאַרפירערס, נישט פון רְשָׁעים מיט צוואַנג פונדרויסן, און נישט פון די מִתְיַוְונים מיט

*) די הייליגע חֲכָמִים זאָגן, אַז אין די צייטן פון דעם צַדיק חִזְקִיָהוּ הַמֶלֶך האָט געהערשט זייער גרויס אָרעמקייט, ווייל דער מֶלֶך האָט געצווינגען אַז יעדער מוז לערנען אַ סאַך תּוֹרה, האָט מען געהאַט ווייניג צייט צו אַרבעטן און צו פאַרדינען געלט.

מען האָט טאַקע נישט געפונען, קיין עַם־הָאָרֶץ אין גאַנץ אֶרֶץ ישׂרָאֵל. אפילו קינדער זענען גוט באַקאַנט געווען אין אַלע הֲלָכוֹת. די גְמָרא זאָגט אַז אפילו פרויען און מיידלעך האָבן גוט געקענט די דינים פון אִיסור און הֶיתֵּר, וואָס אַ איד מעג יאָ און וואָס ער טאָר נישט טאָן. דאָס איז געווען דאָס שענסטע דור וואָס אידן האָבן אַמאָל געהאַט, האָט זיי השי״ת אָפּגעצאָלט, אַז סַנְחֵרִיב האָט צוזאַם געשלעפּט דאָס פאַרמעגן פון די וועלט און געברענגט אויף יְרוּשָׁלַיִם, און נאָך זיין מַפָּלה איז אַלעס געבליבן פאַר די אָרעמע אידישע קינדער. דער כְּלַל יִשׂרָאֵל איז פּלוצלינג רייך געוואָרן, זיי האָבן זוכה געווען צו תּוֹרה און חָכמה, מיט רייכטום צוזאַם.


כי לא בחרבם ירשו ארץ וזרועם לא הושיעה למו
כלי זין
כלי זמר
כי ימינך וזרועך ואור פניך כי רציתם

שיינע גלאַטע רייד פון אינעווייניג, אָדער סיי וואָסערע אַנדערע נעמען זיי האָבן געהאַט, זוכנדיג צו מאַכן ענדערונגען אין אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג וואָס מיר האָבן מְקוּבל פון פריערדיגע דורות. מען האָט אָפּגעשטויסן יעדן קלענסטן געדאַנק פון ענדערן ח״ו אונזער תּורה וועג, אַזוי ווי אונזערע עלטערן האָבן אונז געלערנט, לויט די אָנווייזונגען פון די הייליגע חֲכָמִים פון יעדן דור״.

„דעריבער דאַרפן מיר יעצט טאָן דאָס זעלבע, בעטן השי״ת און אַליין טאָן וואָס מיר זענען בְּכֹּח״.

דאָ האָט יהוּדִית איבערגעגעבן פאַר די שטאָט־פירער אַז זי גרייט זיך איינצושטעלן דאָס לעבן פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און זיך אונטערנעמען אַ געוואַגטן פּלאַן, וואָס עס קען מיט השי״ת׳ס הילף אַרויסקומען דערפון אַ ריכטיגע יְשׁוּעָה, אַזוי אַז עס וועט זיין אַ גרויסער קִידוּשׁ הַשֵּׁם.

„איך וועל צוזאַמען מיט מיין דינסט היינט נאַכט אַרויסגיין פון שטאָט. און איר אַלע מענער, פרויען און קינדער זאָלט שטאַרק מִתְפַּלֵל זיין פאַר מיינעטוועגן אַז איך זאָל מַצְלִיחַ זיין אין די אונטערנעמונג, ביז איך וועל מיט השי״ת׳ס הילף צוריק קומען מיט די יְשׁוּעָה״.

„מיר וועלן מיט שטיין״, האָט עוּזִיָהוּ געענטפערט צוזאַם מיט די אַנדערע חַכמי יִשְׂרָאֵל. „מיר וועלן מִתְפַּלֵל זיין פאַר דיר און השי״ת זאָל באַגליקן דיין וועג״.

דאַן האָבן די שטאָט־פירער צוזאַמגענומען אַלע איינוואוינערס פון די שטאָט מִתְפַּלֵל צו זיין אינאיינעם פאַר די הַצְלָחָה פון די צדיקת אין איר



שליחות פון מַציל זיין דאָס כּלל יִשׂרָאל. ספּעציעל האָט מען צוזאַמגענומען די קליינע קינדער מיט הִתעוֹררות ווערטער, אַזוי ווי מָרדכי הַצַדיק האָט געטאָן, ווען הָמָן הָרָשע האָט געוואָלט פאַרטיליגן אידישע קינדער. מען האָט זיי אַזוי געזאָגט:

„טייערע אידישע קינדער! מיר האָבן אַ גרויסן גוטן באַשעפער וואָס הערט זיך צו צו אידישע תּפילות. דאָס דאַוונען און תּהלים זאָגן פון קליינע קינדער איז גאָר שטאַרק באַליבט און אָנגענומען ביי אונזער געטרייען פאָטער אין הימל. דעריבער קינדערלעך טייערע, בעטס שטאַרק השי״ת, פאַרגיסט טרערן פאַרן באַשעפער, ער זאָל רַחמָנות האָבן אויף אייך קינדערלעך, אויף ענקערע עלטערן, אויף אייערע רבי׳ס, און אויף אונז אַלע אידן, אַז דער פיינט דער רָשע מיט אַלע זיינע גוי׳אישע סאָלדאַטן זאָלן אונז נישט קענען ח״ו קיין שלעכטס טאָן. נאָר השי״ת זאָל באַווייזן זיינע גרויסע חַסָדים פאַר אונז, אַזוי ווי ער האָט אונז געטאָן נִיסים אין אַמאָליגע צייטן, און מיר זאָלן אַלע ניצול ווערן פון די רְשָעים׳ס הענט״.

יהוּדית אַליין, איז אַריינגעגאַנגען אין איר פּריוואַטן צימער וואו זי פלעגט דאַוונען. זי האָט זיך אויסגעוויינט פאַר השי״ת אַז ער זאָל זיך אָננעמען פאַר אידישע קינדער, ער זאָל זיך אָננעמען פאַר זיין כָּבוד, ווי דאָס הייליגע בֵּית הַמקדש ווערט פאַרשוועכט און פאַראומרייניגט. זי האָט געבעטן אַז זי זאָל נישט פאַרלירן איר מוט און שטאַרקקייט, זי זאָל זיין דער גוטער און ריכטיגער שליח, צו העלפן אידן און עס זאָל אַרויסקומען דורך איר אַ כּבוד שָמַים.

דערנאָך האָט זי זיך געגרייט אַרויסצולאָזן אין וועג. זי האָט איינגעפּאַקט



אין אַ קאָרב שפּייז, צו עסן אויף די עטליכע טעג וואָס זי וועט זיין אָפּוועזנד. זי האָט אויך איינגעפּאַקט צווישן אַנדערע שפּייז שטאַרק געזאַלצענעם קעז, מילך, און אויך אַ געשמאַקן אַלטן און שטאַרקן וויין. זי האָט אויסגעטאָן אירע איינפאַכע קליידער און זיך אָנגעטאָן אירע שיינע שבת'דיגע קליידער.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט זי צוזאַמען מיט איר דינסט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג.

## קאפיטל ל

## די יְשׁוּעה דורך די צדיקת יְהוּדִית

מען האָט איר געעפנט די טויערן און באַגלייט מיט הייסע תּפילות אַז איר אונטערנעמונג זאָל געקרוינט ווערן מיט ערפאָלג.

די צוויי פרויען זענען קוים אַרויס פון שטאָט ווען זיי האָבן פלוצלינג געהערט אַ באַפעל:

„האַלט! וואו גייט איר?"

די וועכטער פון די גוי'אישע אַרמעי האָבן זיי אויגנבליקליך אַרומגענומען.

„איך וויל רעדן מיט אייער גענעראַל. איך האָב אים איבערצוגעבן געהיימע סודות", האָט זי געענטפערט.



ווי זיי האָבן דאָס דערהערט אַז פון די באַלאַגערטע שטאָט קומט מען זיי געהיימע סודות איבערגעבן האָט אַ הויך ראַנגיגער אָפיציר שנעל צוגעוויזן די הויפּט קוואַרטיר וואו דער גענעראַל הָעליפורנוס געפינט זיך.

„וואָס ווילסטו?" האָט ער זי קאַלט געפרעגט, ווען זי איז אַריינגעקומען.

„צוערשט וויל איך מיך פאָרשטעלן", האָט זי געזאָגט. „איך שטאַם פון אַ יִחוס'דיגע מִשפָּחה פון נְבִיאים. מיינע ברידער זענען אויך נְבִיאים, און איך האָב געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך אַז היינט מאָרגן וועט אֶרץ יִשׂרָאל פאַלן אין דיינע מעכטיגע הענט. בין איך געקומען דיר דערציילן די גוטע בשׂורה, און דערפאַר בעטן אַז דו זאָלסט מיין פאַמיליע לאָזן לעבן ווען דו וועסט איינעמען דאָס לאַנד".

דער גענעראַל האָט זיך זייער געפרייט צו די גוטע בשׂורה, און עס איז אים שטאַרק געפעלן.

„איך וועל דיין פאַרלאַנג ערפילן", האָט ער איר געענטפערט.

„דיין גענאַד איז מיר אַ גרויסער כָּבוד און פאַרשאַפט מיר פרייד, ווייל איך בין אפילו נישט ווערט צו זיין דיין דינסט". האָט יְהוּדִית צוריק געענטפערט.

„אויב איך האָב געפונען חֵן אין דיינע אויגן", האָט זי פאָרגעזעצט, „וויל איך פון דיר פאַרלאַנגען אַ קליינע ביטע. איך בין געוואוינט יעדע נאַכט זיך צו גיין וואַשן אין קוואַל מיט מיין דינסט, ערלויב מיר צו קענען פאָרזעצן מיין געוואוינהייט אָן שטערונגען".

דער גענעראַל האָט גלייך געלאָזט אויסרופן פאַר אַלע וועכטער און





סאָלדאַטן: „אויב איר וועט זען צוויי פרויען גיין צוזאַמען זאָלט איר זיי נישט אָפּשטעלן און נישט נאָכגיין".

הֶעלִיפורנוס האָט איר געגעבן אַ שיין געצעלט זי זאָל זיך דאָרט אויפהאַלטן.

ביינאַכט איז זי טאַקע געגאַנגען מיט איר דינסט צו די קוואַל אָבער נישט זיך וואַשן, נאָר זי האָט דאָרט געזאָגט פון די טיפעניש פון האַרץ אַן אֶמת'דיגע הייסע תּפלה אַז השי"ת זאָל איר העלפן אויספירן איר פּלאַן. אַזוי זענען אַדורך צוויי נעכט.

די דריטע נאַכט האָט דער גענעראַל זי פאַרבעטן צו אַ גרויסן באַל, אַ סעודה, וואָס ער האָט געפּראַוועט לְכָבוד איר.

„אָבער דו מוזט וויסן אַז איך בין נישט געוואוינט צו אייער עסנוואַרג", האָט זי זיך אויסגענומען. „האָב נישט קיין פאַראיבל אַז איך וועל עסן פון מיין שפּייז וואָס איך האָב מיט מיר געבּרענגט".

הֶעלִיפורנוס איז געווען גוט אויפגעלייגט און ער האָט איר נאָכגעגעבן אַלע פאַרלאַנגען.

ביים באַל האָט יְהוּדִית צוגערעדט הֶעלִיפוֹרנוס'ן אַז ער זאָל אויך עסן פון דעם געזאַלצענעם קעז, וואָס זי האָט מיט געבּרענגט, וואָס דאָס מאַכט




שטאַרק דורשטיג. ער האָט געגעסן דערפון און איז שטאַרק דורשטיג געוואָרן, האָט זי אים געגעבן צו טרינקען פון די מילך וואָס זי האָט מיטגעברענגט מיט זיך, וואָס דאָס מאַכט שלעפעריג. דערנאָך האָט זי אַרויס גענומען דעם גוטן אַלטן וויין וואָס זי האָט אויך מיט געברענגט אויף דעם צוועק. ער האָט זיך צו דעם שטאַרק צוגעכאַפּט, און אויסגעליידיגט איין גלעזל נאָכן צווייטן... און אַלץ געבעטן נאָך ביז ווי לאַנג ער איז אַראָפּגעפאַלן טויט שיכּור.

די געסט זענען זיך אַלע צעגאַנגען ביז יְהוּדִית איז אַליין געבליבן מיט'ן גענעראַל. זי האָט געהייסן איר דינסט צושפּאַרן די טיר און שטיין אינדרויסן און זען אַז קיינער זאָל נישט אַריינקומען.

מיט אַ ציטערדיגע האַנט האָט זי גענומען הָעליפוֹרנוס'נס שווערד וואָס איז געהאָנגען ביי זיין זייט, און זי האָט מיט די שווערד אין איר האַנט, שטילערהייט מִתפַּלל געווען, אַ קורצע, אָבער אַ הייסע תּפלה, אַ תּפלה פון אַ ריין ערליך אידיש האַרץ, אַ האַרץ וואָס ברענט און פלאַמט פאַרן באַשעפער, אַ האַרץ וואָס איז פול מיט געטריישאַפט און ליבשאַפט צו די תּוֹרה הַקדוֹשה און צו אידישע קינדער וואָס ווילן האַלטן די תּוֹרה, אַ האַרץ וואָס איז גרייט דאָס לעבן זיך אַוועקצוגעבן פאַרן כְּלַל יִשׂרָאֵל, מַמָש זיך מוֹסר נֶפש צו זיין פאַרן כבוד השי"ת. שטילערהייט האָט זי אַזוי געזאָגט: „רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, געטרייער פאָטער אין הימל, שטאַרק מיך דאָס איינע מאָל,



נעם דיך אָן פֿאַרן כּבֿוד פֿון דיין הייליגן נאָמען, פֿאַרן כּבֿוד פֿון די הייליגע תּוֹרה, העלף, היט און שיץ דיין הייליג געטריי פֿאָלק. גיב מיר די זְכִיה אין דעם דאָזיגן גוֹרל'דיגן סכּנה'דיגן מאָמענט אַז עס זאָל דורך מיר אַרויסקומען אַ יְשועה פֿאַר דיינע טייערע קינדער.

דערנאָך האָט זי צוויי מאָל געהאַקט מיט די שווערד אויפֿ'ן האַלז פֿון גענעראַל, דער רָשע, דער אַכזר, און בלוט דורשטיגער שׂוֹנא יִשׂרָאל הֶעלִיפֿוֹרנוס, דער מעכטיגער און שטאַרקער העלד, ביז זיין קאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלן.

זי האָט גענומען דעם קאָפּ און עס אַריינגעלייגט אין אַ זאַק, און אַרויסגעגאַנגען צו איר דינסט, פֿאַרשפּאַרנדיג די טיר הינטער זיך אַז קיינער זאָל נישט קענען אַריינגיין זען וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

זיי זענען זיך געגאַנגען געמיטליך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. די וואַך האָט זיי אַדורכגעלאָזט ווי דער שטייגער יעדן אָוונט. זיי זענען שנעל געגאַנגען אין די נאַכט פֿינסטערניש ביז זיי האָבן דערגרייכט די טויערן פֿון די שטאָט.

# קאפיטל לא

# די גרויסע יְשועה



„עפנט די טויערן", האָט יְהוּדִית געשריגן צו די אידישע טויער־וועכטער. „עפנט, השי"ת האָט אונז געהאָלפן".

די וועכטער האָבן דערקענט איר קול און האָבן זיך דערפרייט. מען האָט שנעל געֿרופן די שטאָט פירער און אַסאַך אידן האָבן זיך צוזאַמגענומען און זיי האָבן מְקַבל געווען דעם גרויסן גאַסט די צדיקת יְהוּדִית מיט אַן אומבאַשרייבליכע פרייד.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען שטיל געוואָרן און יְהוּדִית האָט אויסגערופן האַרציג מיט טרערן פון פרייד אין די אויגן, די ווערטער:

„אונזערע ברידער! געטרייע קנעכט פון באַשעפער! לויבט און דאַנקט השי"ת וואָס ער פאַרלאָזט נישט די וועלכע פאַרזיכערן זיך אין אים. השי"ת האָט אומגעברענגט דעם פיינט דורך מיין האַנט..." ביי די ווערטער האָט זי אַרויסגענומען פון זאַק דעם גענעראַל'ס קאָפּ, און עס אויפגעהויבן, „אָט דאָס איז דער קאָפּ פון דעם רָשע, וואָס האָט געלעסטערט דעם נאָמען פון השי"ת, זאָגנדיג אַז קיין שום כּח אויף דער וועלט קען זיך אים נישט

# שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד

קעגנשטעלן. אַזוי האָט ער זיך מיט זיין נידערטרעכטיגן שטאָלצקייט באַרימט בייצוקומען די אידישע קינדער!״

„ליבט און דאַנקט השי״ת וואָס ער האָט איבערגעגעבן דעם מעכטיגן פיינט אין די הענט פון אַן איינפאַכע אידישע פרוי, ווייל די הילף פון השי״ת איז ח״ו נישט געווענדעט אין פיזישע שטאַרקקייט. השי״ת קען העלפן און העלפט, יעדן ווען ער וויל און דורך וואָס ער וויל אפילו דורך אַ שוואַכע אַלטע פרוי״.

די שׂמחה פון די אידן איז געווען זייער גרויס. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געזינגען און געלויבט השי״ת פאַר דעם גרויסן נס. צופרי האָבן אַלע צוזאַמען מיט גרויס התלהבות אויסגערופן מיט אַ מעכטיגע שטימע וואָס האָט געדונערט אויף מיילן ווייט: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד״! נישטאָ נאָך אַזאַ באַשעפער ווי אונזער באַשעפער.

מען האָט גערופן דעם מיניסטער אַכיור, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן דורך דעם גע׳הרג׳עטן גענעראַל דערפאַר ווייל ער האָט געגרויסט דעם נאָמען פון השי״ת, און מען האָט אים געוויזן דעם קאָפּ פון דעם רָשע. מען האָט אים געזאָגט: „אָט זע וואָס דער באַשעפער וואָס דו האָסט געגלויבט אין אים האָט געטאָן. זע קלאָר ווי אַזוי ער קען העלפן. דער טיראַן האָט זיך געגרויסט און געזאָגט אַז ער וועט טיילן דיין שיקזאַל מיט אונזערן, אָט דאָס האָט זיך מיט אים געענדיגט״.

אַכיור האָט דערקענט דעם קאָפּ, און איז פאַר איבעראַשונג און פרייד געפאַלן צו דער ערד, געלויבט השי״ת, און געשריגן מיט כֹּח, „אַזאַ יְשועה קען נישט קיינער, נאָר דער איין איינציגער באַשעפער, דער באַשעפער פון אידישן פאָלק״.

נאָכדעם האָט אַכיור פאַרלאָזט זיין גוי׳אישן גלויבן און האָט זיך מְגַייר געווען.

יהודית האָט געראָטן אַז ווען עס וועט טאָגן זאָל מען אויפהענגען דעם קאָפּ אויפ׳ן מויער פון די שטאָט, און מען זאָל אַרויסגיין פון די שטאָט מיט

געווער און אָנפאַנגען צו ליאַרעמען און שטורמען, אַז זיי זאָלן זיך דערשרעקן און לויפן צו זייער גענעראַל.

מען האָט טאַקע אַזוי געטאָן. מען האָט צוגעבינדן דעם קאָפּ אויף אַ הויכן שטאַנג און עס אַרויפגעשטעלט אויף די מויער אַז מען זאָל עס קענען גוט זען.

די זון האָט אויפגעשיינט, און די ערליכע אידן האָבן גענומען שטורמען אַרויס פון די שטאָט.

ווען די יְוָונים האָבן געהערט דאָס געשריי האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז די אידן גרייטן זיך צו קומען מִלְחָמה האַלטן, האָבן זיי געשיקט דעם באַדינער ער זאָל שנעל אויפוועקן דעם גענעראַל הֶעלִיפוֹרנוס.

דער דינער האָט עטליכע מאָל געקלאַפּט אין די טיר און ווען קיינער האָט אים נישט געענפערט האָט ער אויפגעבראָכן די טיר און איז אַריין.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט היסטערישע געשרייען פון באַדינער. די אָפּיצירן זענען אַריינגעלאָפן האָבן זיי דערזען דאָס שוידערליכע בילד; זייער גענעראַל ליגט אויף דער ערד, אין אַ טייך בלוט און אָן אַ קאָפּ...

עס האָט זיך געטאָן אַ יאָמעריי, אַ קוויטשעריי, אַ קלאַטשעריי; מען האָט געמאַכט געוואַלדן, מענטשן האָבן גע'חלש'ט, זיי האָבן זיך געווענדעט צו זייער עֲבוֹדה זָרה נאָך הילף, אָבער אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה וְאֵין קֶשֶׁב, ווי ווען וואָס, קיין שטימע, קיין ענטפער, קיין מוק.

זיי האָבן געקוקט צו די אידישע מַחֲנֶה האָבן זיי דערזען זייער בראָך, דער קאָפּ פון זייער מעכטיגן גענעראַל העליפורנוס ליגט אויף די מויער.

„אוי וויי, אַ אידישע פרוי האָט אונז אָפּגענאַרט", האָבן זיי געשריגן.

עס איז געוואָרן אַ צעמישונג מיט אַ טומל, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן.

ווען די אידן האָבן דאָס דערזען זענען זיי מיט אַ שאַלונג פון שׁוֹפר זיי נאָכגעלאָפן און גע'הרג'עט אַסאַך פון זיי. אין די צייט האָט מען גלייך פאַרראָכטן די פאַרשפּאַרטע וואַסער קאַנאַלן, עס זאָל צוריק אַריינגיין אין די שטאָט און מען זאָל זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ.

פאַרשטייט זיך אַז עס איז שוין געוועזן גענוג וואַסער צו טרינקען. די



**וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה**

גאַנצע שטאָט האָט זיך דערקוויקט פון דעם קריסטאַלן ריינעם קוואַלנדיגן וואַסער וואָס מען האָט אַריינגעברענגט אין שטאָט.

## קאפיטל לב

## אִשָּׁה יִרְאַת ה׳ הִיא תִתְהַלָּל

די אידן האָבן זיך נישט אָפגעשטעלט. עוּזִיָּהוּ האָט שנעל געשיקט שְׁלוּחִים איבער גאַנץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז מען זאָל קומען צוהעלפן נאָכיאָגן די פיינט.

די איינוואוינער פון שטאָט האָבן צוזאַמענגעקליבן די פאַרלאָזטע פאַרמעגנס וואָס די אַנטלאָפענע גוֹי׳אישע סאָלדאַטן האָבן איבערגעלאָזט.

די פרייד וואָס האָט אַלעמען באַהערשט איז אומבאַשרייבליך. יעדער האָט דערקענט די גרויסע אָפענע נִיסִים וואָס השי״ת האָט געטאָן דורך אַ צְנִיעוּת׳דיגע, באַשיידענע, ערליכע, ג־ט פאַרכטיגע פרוי, די צדיקת יְהוּדִית, און יעדער איז געווען פול מיט לויב געזאַנגען צו השי״ת.

יְהוּדִית האָט אין איר לויב געזאַנג געזאָגט:

# אֵשֶׁה יִרְאַת ה׳ הִיא תִתְהַלָּל

„קלינגט צו השי״ת אויף פויקן, שפילט פאַר השי״ת מיט פידלען, און זינגט צו השי״ת אַ ניי געזאַנג״!

„זייט פריילעך און רופט אין נאָמען פון השי״ת וואָס ער איז דער מעכטיגסטער קריגס־פירער״.

„דאָס פאָלק יָיָן צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער, זענען געווען אַזוי פיל אַז זיי האָבן באַדעקט די ערד. זיי וואָלטן ח״ו פאַרברענט אֶרץ יִשְׂרָאֵל, די מענער אומגעברענגט, די פרויען און קינדער אַוועקגעפירט אין געפענגעניש. — אָבער דער אַלמעכטיגער באַשעפער האָט איבערגעגעבן זייער פירער און גענעראַל אין די הענט פון אַן אַלטע, שוואַכע אידישע פרוי. השי״ת האָט אונטערטעניגט די פעלקער וועלכע האָבן געוואָלט בייקומען די אידן, און אַלע אונזערע פיינט זענען אַנטלאָפן״.

„דערפאַר: זינגט צו השי״ת אַ ניי געזאַנג. — השי״ת דו ביסט אַ שטאַרקער באַשעפער. דו טוסט גרויסע און פאָרכטיגע זאַכן. קיינער קען נישט שטערן דיין ווילן. צו די וואָס פאָרכטן זיך פאַר דיר ווייזטו דיין גרויסע הילף״.

יְהוּדִית האָט אָפּגעלעבט אירע יאָרן מיט ערליכקייט און עֲבוֹדַת ה׳, און דורך די גאַנצע צייט פון איר לעבן איז קיין פיינט מער אַהין נישט געקומען.

די שִׂמְחָה וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ יום טוב, האָט געדויערט דריי חֳדָשִׁים.

יהודית האָט אָפּגעלעבט אירע יאָרן מיט ערליכקייט און עֲבוֹדַת ה׳, און דורך די גאַנצע צייט פון איר לעבן איז קיין פיינט מער אַהין נישט געקומען.

זי איז אַלט געווען הונדערט און פינף יאָר ווען זי איז אַוועק פון דער וועלט. מען האָט זי געלייגט נעבן דעם קֶבֶר פון איר מאַן מְנַשֶּׁה.




מען האָט אָנגענומען אין יענע שטאָט צו האַלטן דעם טאָג וואָס די מַעשׂה איז געשען פאַר אַ יום טוב, צו לויבן השי״ת פאַר די גרויסע נִסִים.

די צדיקת יהודית איז געבליבן אַן אָנדענק אויף אַלע דורות פאַר איר מְסִירַת נֶפֶש מַציל צו זיין דעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דערפאַר ווערט גע׳פּסק׳נט אין שֻׁלחן עָרוך (סימן תר״ע סעיף ב׳, רמ״א) אַז: עס איז גלייך צו עסן קעז און מילכיגע מַאכָלִים חֲנוּכָּה וועגן דעם נס וואָס איז געשען דורך דעם וואָס יהוּדית האָט געגעבן צו עסן קעז פאַר׳ן פיינט.

אויך איז חֲנוּכָּה אַ יום טוב פאַר פרויען. זיי דאַרפן אויך יוֹצא צו זיין מיטן צינדן די חנוכה ליכט, און אַזוי אויך טאָרן זיי נישט טאָן קיין אַרבעט אין די ערשטע האַלבע שעה וואָס די חנוכה ליכטעלעך ברענען, ווייל יהודית די מְסִירַת נֶפֶש׳דיגע אידישע טאָכטער האָט געהאַט אַ חלק אין די יְשׁוּעָה פון די אידן אין יענע צייט.



פרק ו

# פִּרסוּמֵי נִיסא

קאפיטל לג

## אַנטִיוֹכוס האָט „חַרָטה"

דער יְוָנִ'ישער קעניג אַנטִיוֹכוס איז אין די גאַנצע צייט געווען אין פָּרס אונטערצודרוקן דעם אויפשטאַנד וואָס האָט אויסגעבראָכן קעגן אים.

אינצווישן האָט ער געהערט אַז די שטאָט עֵילם פאַרמאָגט פיל אוֹצרוֹת פון גאָלד וואָס אַלֶכּסַנדר מוֹקדוֹן האָט אַהין געברענגט, האָט זיין געלט־גייציג אויג געגלוסט צו דעם גאָלד און ער איז קוֹדם געגאַנגען איינעמען עֵילם.

די שטאָט מענטשן האָבן זיך אָבער גוט פאָרגעגרייט צו אַ מִלחָמה און זיי האָבן צעקלאַפּט זיין מיליטער און אַוועקגעטריבן אַנטִיוֹכוס'ן פון דאָרט מיט שאַנד.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ שליח קיין פּרס און דערציילט אַלעס וואָס די אידן האָבן געטאָן מיט זיין מיליטער. אויך האָט ער איבערגעגעבן אַז די אידן האָבן אַרויסגעוואָרפן די עֲבוֹדה זָרה פון בֵּית הַמקדש, און באַנייט די עֲבוֹדה, א.א.וו.

ווען אַנטִיוֹכוס איז צוריק געקומען קיין פּרס, און מען האָט אים איבערגעגעבן די ווערטער פון שליח האָט זיך אין אים צעפלאַקערט זיין צאָרן.

„איך וועל גיין קיין יְרוּשָלַיִם און איך וועל פון איר מאַכן אַ בֵּית הַקבָרוֹת", האָט ער אויסגעשריגן מיט שטאָלץ און כּעס.





ער האָט צוזאַמען גענומען אַ געוואַלדיג מיליטער מיט רייטוועגענער, רייטער און עלעפאַנטן א.ד.ג. און זיך גערישט צו גיין קיין ארץ ישראל.

השי״ת האָט אָבער רַחמָנות געהאַט אויף זיין ליב פאָלק. השי״ת האָט געזען און צוגעקוקט ווי ערליכע אידן האָבן מיט מְסִירת נֶפש געהאַלטן די תּוֹרה מיט אירע מִצוות, ווי אידישע קינדער האָבן זיך מַפקיר געווען דאָס לעבן פאַר׳ן כּבוד פון באַשעפער; אידישע קינדער האָבן זיך געהאַלטן אייזן שטאַרק, פעלזן פעסט ביי די אֶמוּנה, מיט אַ פייערדיגן ברען, מיט אַ הייליג עַקשָנות זיך געקלאַמערט צו שְמִירת תּוֹרה וּמִצוות, טראָץ דעם גרויסן צוואַנג און שטאַרקן דרוק מיט טעראָר פון די יְוָנים מיט זייערע מְתיַוונים. אידישע קינדער האָבן נישט נאָכגעגעבן קיין האָר, נישט געענדערט קיין מִנהג יִשׂרָאל. אויך האָט השי״ת צוגעזען דאָס אומשולדיגע בלוט וואָס אנטיוּכוס האָט שוין ביז יעצט פאַרגאָסן, האָט ער אים געשטראָפט מיט אַ געפערליכע בויך קראַנקהייט, און אויך מיט אַ שרעקליכע קרעץ.

„פאָרט שנעל״, האָט אַנטיוּכוס באַפוילן זיינע רייטער. „איך וויל שנעלער טאָן מיין ווילן. ווער וועט זיך דען קענען מיר אַקעגנשטעלן״. האָט ער אויסגערופן, טראָץ זיינע שטאַרקע ווייטאָגן.

אָבער ווען די פערד פון זיין וואָגן זענען אַדורכגעפאָרן נעבן אַן עלעפאַנט, האָט דער עלעפאַנט געניסט. די פערד האָבן זיך זייער דערשראָקן און האָבן

אָנגעהויבן ווילד צו שפּרינגען, און דער וואָגן האָט זיך איבערגעדרייט. אַנטיוכוס איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן און זיינע ביינער זענען צעבראָכן געוואָרן. זיינע קנעכט האָבן אים אויפגעהויבן און געטראָגן אַ שטיקל וועג. אָבער פון די קרעץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיין פלייש אָנגעהויבן צו פוילן, און עס האָט זיך געשפּירט פון אים זייער אַ שלעכטער גערוך, אַזוי אַז די וואָס האָבן אים געטראָגן האָבן דאָס נישט געקענט אויסהאַלטן, האָבן זיי אים פּלוצלינג געגעבן אַ לייג אַראָפּ אויף דער ערד, אים דאָרט איבער געלאָזט און אַנטלאָפן.

אַזוי איז געבליבן ליגן אויף דער ערד דער „מעכטיגער אַנטיוכוס", וואָס האָט זיך באַרימט „איך וועל איבערדרייען דעם יַם צו טריקעניש און טריקעניש צו ים. איך וועל אונטערטעניגן אַלע פעלקער פון דער וועלט, אונטער מיין מאַכט, איך וועל ענדערן דאָס אידישע פאָלק, און זיי מאַכן גלייך מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט".

דער זעלבער מעכטיגער גרויסער קעניג איז געבליבן עלנד, זיין קערפּער פאַרפוילט, זיינע ביינער צעבראָכן, געקאָרטשעט אין ווייטאָגן, און קיינער האָט נישט געקענט נאָענט קומען צו אים איבער זיין שלעכטן גערוך.

אַנטיוכוס איז צעבראָכן געוואָרן. ער האָט זיך גענומען מִתְוַדֶה זיין: „יעצט זע איך אַז עס לוינט זיך נישט און מען קען זיך נישט אַקעגנשטעלן קעגן השי"ת". האָט ער אויסגערופן.

„השי"ת איז דער צדיק און איך דער רשע. יעצט באַקום איך מיין פאַרדינטע שטראָף פאַר דעם וואָס איך האָב פאַרשוועכט דאָס בֵּית הַמִקדָשׁ און געטאָן שלעכטס פאַר השי"ת'ס ערליכע קינדער".

„רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אויב דו וועסט מיך אויסהיילן פון די קרענק וועל איך דערציילן דיינע וואונדער און איך וועל אַרומגיין אין די גאַנצע וועלט אויסשרייען אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ באַשעפער ווי דער באַשעפער פון אידישע קינדער. איך וועל אויך אָנפילן יְרוּשָׁלַיִם מיט גאָלד און זילבער!"

השי"ת האָט אָבער נישט צוגעהערט זיין תּפִלה ווייל עס איז נישט געקומען פון גאַנצן האַרצן.

זיינע גלידער זענען אַראָפּגעפאַלן פון אים שטיקערווייז, ער איז געשטאָרבן מיט געפערליכע יסורים אין אַ פרעמד לאַנד מיט שאַנד און שפּאָט, אַזוי ווי די הייליגע קינדער, די זיבן זין פון די צדיקת חנה — וואָס האָבן זיך מוֹסר נֶפֶשׁ געוועזן אויף קִידוּשׁ הַשֵׁם — האָבן פאָראויס געזאָגט.

## קאפיטל לד

# רַבִּים בְּיַד מְעַטִּים

פאַלקאָם מְנוּחה האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געהערשט. די שְׁכֵנִים פון די אידן וואָס זענען געווען פאַרביסענע שׂוֹנאֵי יִשְׂרָאֵל, אַנטיסעמיטן, אֱדוֹם, עַמוֹן, און נאָך פעלקער, האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן ווען זיי האָבן געהערט אַז די אידן זענען באַפרייט געוואָרן און אין בֵּית הַמִקדשׁ גייט אָן די עֲבוֹדה ווי אַמאָל; מען דינט דעם באַשעפער מיט מנוּחה וְשִׂמחה.

זיי האָבן אויסגעלאָזט זייער אומפאַרגינערישקייט אויף די אידן וואָס האָבן געוואוינט נעבן זיי. זיי האָבן געלאָקערט און גע'הרג'עט פיל אידישע נְפָשׁוֹת.

די אידן האָבן געשיקט צו יהודא בֶּן מַתִּתְיָהוּ ער זאָל זיי העלפן, און יהודא האָט פיל מִלחָמות געהאַלטן פאַר זיי. ער איז שטענדיג געגאַנגען מיט'ן נאָמען פון השי"ת. בעפאָר יעדע מִלחָמה האָט ער תְּפִלה געטאָן צו השי"ת ער זאָל בייקומען די שׂוֹנאִים, און השי"ת האָט אים באַגליקט זיינע וועגן. ער האָט אַלע מִלחָמות געווינען.

פון די באַרימטסטע מִלחָמות איז געווען דער געראַנגל מיט טִימֹטִיוּס, ווי פאָלגנד:

אַ שליח איז אַנגעקומען צו יהודא בן מתתיהו'ן מיט אַ בריוו פון די אידן פון גִלְעָד, וואָס האָט זיך געליינט: „די גוֹיִים אַרום אונז האָבן זיך פאַראייניגט, מיט טִימֹטִיוּס אין שפּיץ, אונז צו פאַרטיליגן ח"ו. מיר האָבן געמוזט אַנטלויפן צו די פעסטונג דִימוֹן. יעצט באַלאַגערן זיי די פעסטונג. מיר בעטן דיך יהודא, אייל דיך שטאַרק אונז צו העלפן געשווינד, ביז ווי לאַנג עס איז נאָך צייט".



יהודא בֶּן מַתִּתְיָהוּ האָט נאָך נישט באַוויזן אפילו צו ענדיקן ליינען דעם בריוו, ווען עס זענען אָנגעלאָפן נייע שלוחים פון גָליל, מיט אַ געוואַלד, מיט צעריסענע קליידער, מיט די בַקָשה:

„יהודא בן מַתִּתְיָהוּ העלף אונז. די גויים פון עַכּו, צוֹר און צִדוֹן האָבן זיך פאַראייניגט אונז צו פאַרניכטן!"

יהודא האָט זיך באַראָטן מיט זיינע ברידער און זיי געפרעגט אַן עֵצה וואָס מען זאָל טאָן, און זיי האָבן באַשלאָסן:

„איך וועל גיין מיט 8,000 מענטשן קיין גלעד", האָט יהודא געזאָגט. „און שמעון מיין ברודער וועט גיין מיט 3,000 מאַן צום גָליל".

שמעון האָט שטאַרק מַצליח געווען. ער האָט געהאַלטן עטליכע מִלחָמות און ביי אַלע האָט ער זיך געשטאַרקט אויפ'ן פיינט, זיי אויסגע'הָרג'עט און פאַרטריבן. ער האָט געבראַנגט אַ גרויסע יְשועה פאַר זיינע ברידער אין גָליל.

אויך יהודא איז אַריבער דעם טייך יַרדן צו מִזרח זייט און זיך פלינק געאיילט צום ריכטונג פון דער פעסטונג.

ווען זיי זענען אָנגעקומען האָבן שוין די שׂוֹנאים אַרויפגעשטעלט די לייטערס אויף די מויערן און פראָבירט אַריינצוקריכן אין די פעסטונג.



# אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָּא

יהודא בן מתתיהו האָט דערזען דאָס ריזיגע מיליטער, בְּעֶרך הונדערט צוואנציג טויזנט זעלנער, ער האָט אויך געהערט דאָס געשריי פון די אידן אינעווייניג אין די פעסטונג, האָט ער געגעבן אַ געשריי: „אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָא!״

„רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם העלף, גיב דאָס גרויסע מיליטער אין אונזערע הענט״.

אויף איין מאָל האָט יהודא דערזען ווי פינף פּראַקטיגע מענטשן מיט גאָלדענע קליידער רייטן אויף פייערדיגע פערד. צווי שטייען אין די צוויי זייטן פון אים און שיצן אים מיט זייערע פּאַנצערס, און די אַנדערע דריי האַלטן מִלְחָמה מיט די אַרמעי פון טימטיוס.

„ברודער האָט קיין מורא״, האָט יהודא אויסגעשריגן. „פון הימל העלפט מען אונז, השי״ת פּאַרלאָזט נישט זיינע קינדער, וואָס ווענדן זיך צו אים נאָך הילף!״

יהודא איז אַריינגעשפּרינגען אין קאַמף ווי אַ לייב צווישן שאָף, און צוזאַמען מיט זיינע 8,000 מענטשן, האָט ער פּאַרטומלט דאָס מיליטער פון טימטיוס. דעם טאָג האָט ער גע׳הרג׳עט 25,000 מאַן.

יהודא מיט שמעון זענען צוריקגעקומען קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט גרויס שמחה, מיטן געזאַנג, „הודו לַה׳ כִּי טוב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ״, אויף זייערע ליפּן.

„פּוֹדֶה ה׳ נֶפֶשׁ עֲבָדָיו וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל הַחוֹסִים בּוֹ, אַזוי זאָגט דוד המלך אין



תהלים (קאַפּיטל ל״ד), השי״ת לייזט אויס פון אַלע געפאַרן, זיינע געטרייע קנעכט, די וואָס דינען אים אֶמת׳דיג, עס ווערן קיינמאָל נישט פאַרפאַלן און נישט פאַרוויסט די אַלע וואָס האָפן צו השי״ת און פאַרלאָזן זיך אויף אים.

זיי האָבן מַקריב געווען פיל קָרבָּנות „תּודה״ אַלס דאַנקבאַרקייט צו השי״ת וואָס האָט זיי געהאָלפן אין אַלע מִלחָמות און האָט זיי געשיצט קעגן אַלע זייערע שׂונאים און ביי די אַלע שלאַכטן איז קיין איין איינציגער איד נישט געפאַלן!!!*)

*) די גמרא זאָגט (סוטה לג.) אז ווען יוחנן כהן גדול איז געווען אין קָדשי קָדָשים צו טאָן די עֲבודה, האָט ער געהערט אַ בַּת קול אַז די יונגע כֹּהנים וואָס זענען געגאַנגען מִלחָמה האַלטן קעגן די יְוָונים אין אנטיוכא, האָבן געזיגט. די אידישע קינדער האָבן געווינען די מִלחָמה און די רְשָׁעִים האָבן געהאַט אַ מַפָּלה.

# קאפיטל לה

# דער יום טוב חֲנוּכָּה

צום אַנדערן יאָר ג׳ תרכ״ג (3623) האָבן די הייליגע חֲכָמים מְתַקן געווען אַז אידן זאָלן האַלטן יעדעס יאָר דעם יום טוב חנוּכָּה אַכט טעג.

זיי האָבן געגעבן אַ נאָמען פאַר דעם יום טוב „חנוכה״ וואָס דאָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון די ווערטער „חָנוּ־כ״ה״ — זיי האָבן גערוט דעם 25־סטן טאָג אין כסלו, אויך איז חנו־כה פון לשון חן, זיי האָבן געטראָפן חן און ליבשאַפט ביי השי״ת אין כ״ה כסלו.

זיי האָבן מְתַקן געווען אַז יעדע נאַכט זאָל מען אָנצינדן די מנוֹרה, צו דערמאָנען דעם נס וואָס השי״ת האָט געטאָן מיט׳ן אויל, די ערשטע נאַכט צינדט מען איין ליכט, די צווייטע צוויי, און די דריטע נאַכט דריי, א.א.וו.

צינדן חנוכה ליכט איז איינע פון די זיבן מִצְוֹת וואָס די חֲכָמים האָבן מְתַקן געווען, (ז׳ מִצְווֹת דְרַבָּנָן*).

*) די זיבן מצוות דרבנן זענען: א) הַלֵל, ב) מְגִילה, ג) נֵר חֲנוּכּה, ד) נֵר שַׁבָּת, ה) נְטִילַת יָדַיִם, ו) בִּרְכַּת הַנֶהֱנִין, ז) עירובין־ 1. עֵירוּבי חֲצֵירוֹת; 2. עֵירוּבֵי תְּחוּמִין; 3. עֵירוּב תַּבְשִׁילִין.



חית נרות והלכה כבית הלל
ערשטע נאַכט
צווייטע נאַכט
דריטע נאַכט
פערטע נאַכט
פיפטע נאַכט
זעקסטע נאַכט
זיבעטע נאַכט
אַכטע נאַכט
זאת חנוכּה

# הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ אָנוּ מַדְלִיקִין



די מנורה שטעלט מען אויף די לינקע זייט פון די טיר.

די מנורה שטעלט מען נישט העכער פון צען טְפָחִים, מען זאָל דערקענען אַז דאָס צינדן איז נישט פאַר זיין אייגן געברויך נאָר לְשֵׁם מִצוה.

די צייט צו צינדן איז פון ווען עס ווערט נאַכט.

די אַלע הֲלָכוֹת פון די מְנוֹרה זענען געמאַכט געוואָרן באַקאַנט צו מאַכן דעם נס, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען ווי ליב השי"ת האָט זיינע קינדער, ער האָט געהאָלפן זיינע קינדער, און האָט אונז געטאָן גרויסע ניסים.

דער רמב"ם שרייבט אַז די מִצְוָה פון חנוכה ליכט איז זייער אַ באַליבטע מצוה כדי מען זאָל צו וויסן טאָן דעם נס און מען זאָל לויבן השי"ת אויף די נִסים וואָס ער האָט אונז געטאָן, וועגן דעם האָבן די חֲכָמִים געהייסן אַז יעדער איינער, מענער פרויען און קינדער זענען מְחוּיב אין די מצוה ווייל מיר אַלע זענען געווען ביי דעם נס, מיר אַלע זענען געווען אונטער די גזירות, און השי"ת האָט אונז אַלע מַציל געווען.

ווען עס קומט אויס אַז מען איז אין די פרעמד, נישט ביי זיך אַליין אָדער




נישט ביי די עלטערן, דאַרף מען אויך צינדן אָדער געבן צושטייער צום בעל הבית׳נס צינדן, כדי צו ווערן דערמיט אַ שותף אין זיין צינדן.

אפילו אַ גאָר גרויסער אָרעמאַן דאַרף זיך אויך אָנשטרענגען און קויפן אויל צו צינדן חנוכה ליכט.

די גמרא זאָגט (שבת כ״ג:) „הָרָגִיל בְּנֵר חֲנוּכָּה וְשַׁבָּת הָוְיָין לֵיהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים״, ווער עס איז געוואוינט צו צינדן חנוכה ליכט און שבת ליכט, ער איז מְהַדֵר צו טאָן די מִצְוָה מיט שיינקייט און חֲשִׁיבוּת, דער וועט זוכה זיין צו האָבן קינדער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. רש״י זאָגט אויף דעם, ווייל עס שטייט „כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר״ דורך די מִצְוָה ליכט פון חנוכה און שבת, קומט די ליכטיגקייט פון די תּוֹרָה*).

*) דער הויפט ציל פון די רְשָׁעִים די יְוָונִים איז געוועזן צו מאַכן פאַרגעסן די תּוֹרה הַקדוֹשה פון אידישע קינדער, זיי שטערן פון שְׁמִירַת תּוֹרה וּמִצְוֹת, אַוועק רייסן זיי ח״ו פון השי״ת. דערנאָך ווען השי״ת האָט אונז מַציל געוועזן פון זיי דורך די צדיקים די ערליכע אידן, די חַשְׁמוֹנָאִים, און אַלעס איז צוריק געקומען צום אַלטן, אידישע קינדער האָבן יאָ געקענט דינען השי״ת און לערנען און מְקַיים זיין די תּוֹרה, און דער עִיקר זיי האָבן געקענט מְחַנך זיין די קינדער צום ריינעם תּוֹרה וועג, און צו יִרְאַת שָׁמַיִם, האָבן די הייליגע חֲכָמִים מְתַקן געוועזן צו צינדן חנוכה ליכט איבער די ניסים וואָס השי״ת האָט מיט אונז געטאָן. און ווער עס איז געוואוינט, ער איז מְהַדר, עס איז ביי אים באַליבט די מִצְוָה פון חנוכה ליכט, ער טוט די מִצְוָה מיט חֵשֶׁק, ער האַלט דאָס פאַר אַ חֲשִׁיבוּת, ווייזט ער דערמיט אַז די תּוֹרה איז ביי אים באַליבט, און וועגן דעם איז ער זוכה צו קינדער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ערליכע אידן, און די ליכטיגקייט פון די תּוֹרה וועט שיינען פון זיינע קינדער.

(פי׳ הרי״ף על עין יעקב)

כאָטש פרויען זענען פּטור פון די „מִצְוֹת עשׂה״ וואָס זענען אָפּהענגיג אין צייט, זענען זיי אָבער די מִצוה פון חֲנוּכָּה יָא מְחוּיב, ווייל אַ טייל פון נס איז געשען דורך אַ פרוי די צדיקת יהודית. וועגן דעם דאַרפן פרויען אויך יוֹצא זיין מיט חֲנוּכָּה ליכט צינדן, אָדער ביים טאַטן, אָדער ביים מאַן, אָדער צושטייער געבן ביי אַן אַנדערן, אָדער אַליין צינדן.

די חֲכָמים האָבן מְתַקן געווען צו דאַנקען און לויבן השי״ת אין די אַכט חֲנוּכָּה טעג. אַזוי ווי ביי יעדע יְשׁוּעה וואָס השי״ת האָט געהאָלפן, האָבן די חֲכָמים דאָ אויך געהייסן מען זאָל זאָגן גאַנץ הַלֵל אַלע אַכט טעג, ווייל יעדן טאָג האָט זיך באַנייט דער נס מיט די מנורה.

די חַשמוֹנָאים האָבן מְתַקן געווען אַ ספּעציעלע תּפִלה וואָס מען זאָגט אין די שמונה עֶשׂרֵה און ביים בענטשן. עַל הַנִיסים... בִּימֵי מַתִּתְיָהוּ...*)

חֲנוּכָּה האָבן די הייליגע חֲכָמים געשטעלט די הויפּט מִצוה אויף „לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵל״ צו לויבן און זאָגן הַלֵל פאַר השי״ת, נישט מיט פאַרמערן סעוּדוֹת אַזוי ווי פּורים; ווייל פּורים איז געווען די גזירה צו פאַרניכטן די אידן קערפּערליך, ווייל זיי האָבן געזינדיגט מיט זייער קערפּער, זיי האָבן הַנָאה געהאַט פון די סעוּדה פון אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, דערפאַר האָט טאַקע אֶסתּר געהייסן

---

*) די גמרא זאָגט, (חגיגה יב.) דאָס ליכטיגקייט וואָס השי״ת האָט באַשאַפן דעם ערשטן טאָג, מיט דעם האָט מען געקענט זען פון איין עק וועלט ביז צו די אַנדערע. דערנאָך האָט השי״ת באַהאַלטן דאָס גרויסע ליכטיגקייט פאַר די צדיקים, ווייל די רְשָׁעִים זענען נישט ווערט זיך צו באַנוצן מיט דעם.

עס ווערט געברענגט אין די הייליגע סְפָרים, אַז דאָס גרויסע ליכטיגקייט איז באַהאַלטן געוואָרן אין די תּוֹרה הַקדוֹשה, און די צדיקי אֶמת וואָס דינען השי״ת און לערנען תּוֹרה לִשְׁמָה קענען זיך באַנוצן דערמיט ווען זיי דאַרפן.

דער ספר רוקח, וואָס ער האָט אַלעס מְקַבל געווען פון אֵלִיָהוּ הַנָבִיא זִכרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שרייבט, די חֲכָמים האָבן מְתַקֵן געווען צו צינדן אין די אַכט טעג פון חֲנוּכָּה, אַלעס אינאיינעם 36 ליכט. דאָס איז קעגן דעם ערשטן גרויסן ליכטיגקייט וואָס אָדָם הָרִאשוֹן האָט זיך דערמיט באַנוצט 36 שעה, און דערנאָך האָט עס השי״ת באַהאַלטן.

זאָגן אויף דעם די סְפָרים הקדושים אַז יעדעס יאָר אין די טעג פון חנוכה ווערט נִתעוֹרר, דערוועקט דער „אוֹר הַגָנוּז״ דאָס באַהאַלטענע ליכטיגקייט, און די צדיקי אֱמת די אויסגעלייטערטע אידן קענען טאַקע זען באַהאַלטענע זאַכן דורך די חנוכה ליכט, אפילו אויך היינט אין דעם פינסטערן גָלוּת. דער נאָמען פון דעם חודש „כסלו״ איז אויך מְרַמז אויף דעם, ווייל עס מאַכט: „כס-ל״ו״, אַז דאָס ליכטיגקייט וואָס האָט געלויכטן ל״ו (36) שעוֹת און איז היינט מְכוּסֶה, באַהאַלטן געוואָרן, ווערט אויפגעדעקט פאַר ערליכע אידן אין די הייליגע טעג פון חנוכה וואָס זענען אין דעם חודש.

וועגן דעם פירט מען זיך טאַקע צו זיצן און קוקן אויף די חֲנוּכָּה ליכט, וואָס דאָס ברענגט אַריין אַ הייליגקייט, אַן אויסגעלייטערטקייט אין מענטש.

(בני ישׂשכר ועוד ספרים הק׳)




פאַסטן דריי טעג, צו פאַרריכטן וואָס זיי האָבן פאַרדאָרבן מיט'ן עסן. וועגן דעם ווען השי"ת האָט געהאָלפן, און מען איז ניצול געוואָרן, האָט מען מְתַקֵן געווען צו פראַווען דעם יום טוב מיט סעודות, עסן און טרינקען און שיקן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, און טיילן געלט און מַתָּנוֹת פאַר אָרעמע לייט.

דאַגעגן איז ביי חֲנוּכָּה געווען די גזירה אויף די נְשָׁמוֹת פון די אידן, זיי האָבן נאָר געוואָלט אַז מען זאָל זיך ח"ו שְׁמַד'ן. דאָס איז געקומען אויף די אידן ווייל מען האָט נאָכגעלאָזט די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דערפאַר ווען די ערליכע אידן האָבן זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ געווען פאַר די מִצְוֹת פון השי"ת, האָט השי"ת געהאָלפן דורך די הייליגע כֹּהֲנִים וואָס טוען די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און זיי האָבן פאַרטריבן דעם שׂוֹנֵא. *)

*) דער הייליגער רמב"ן זאָגט (פרשת ויחי מ"ט, י') אַז מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן דער צדיק דער

# לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה

**איז דאָך די עִיקר יְשׁוּעה געווען פאַר די נְשָׁמה, וועגן דעם איז די עִיקר שִׂמחה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַ רוחניות׳דיגע, צו דאַנקען און לויבן השי״ת פאַר די אַלע נִיסים וואָס ער האָט געטאָן מיט אונז אין די צייטן, אין די דאָזיגע טעג, בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה*).**

חָסיד, מיט זיינע קינדער וואָס האָבן געקעמפט קעגן די יְוָונים, זענען געווען געהויבענע צדיקים און אֶמת׳ע ערליכע אידן. ווען נישט זיי, וואָס האָבן זיך מוסר נֶפש געווען פאַר די הייליגע תּוֹרה, און באַזייטיגט די אַלע וואָס האָבן געוואָלט שטערן און אָפּקערן די אידן פון תּוֹרה וּמִצוות, וואָלט ח״ו אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרען די תּוֹרה מיט אירע מִצוות פון די אידן. פאַר זיי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, אַז די תּוֹרה הַקדושה האָט געהאַט אַ קִיוּם. צוליב זייער מְסִירת נֶפש האָט מען געקענט צוריק אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות, מיט שְׁמירת תּוֹרה וּמִצוות בשלֵימוּת, ביז צום היינטיגן טאָג. זיי האָבן אויסגעקעמפט, אונז געוויזן אַ וועג, זיך צו דערווייטערן פון גוי׳אישקייט, פון חָכמות חִיצוֹניוּת, און פון אַלעם וואָס פאַרפרעמדעט פון תּוֹרה וועג. אפילו אין שווערע צייטן, טאָר זיך אַ איד קיינמאָל נישט מְיַיאש זיין, נאָר ווענדן זיך צו השי״ת נאָך הילף, — קָרוֹב ה׳ לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת.

*) וואָס איז דער טעם פאַרוואָס ערשט צום אַנדערן יאָר האָט מען באַשטימט אַ יו״ט אויף אייביג, פאַרוואָס האָבן די חכמים נישט געהייסן שוין האַלטן דעם יו״ט חנוכּה דאָס יאָר?

ווייל אין אֶמת׳ן איז געשען אַסאַך ניסים פאַר אידן און מען האָט נישט געמאַכט אַן אַנדענק פון זיי, אַ יום טוב. צום ביישפּיל, דעם טאָג וואָס יהוֹשע האָט אָפּגעשטעלט די זון, דעם טאָג פון די מפּלה פון סנחרב׳ן און נאָך אַסאַך ענליכע ניסים וואָס זענען געשען אין פיל דורות.

נאָר ווען השי״ת וויל טאָן אַ נס פאַר אידן ברענגט ער אַראָפּ אַ ליכטיגקייט פון הימל, און די ליכטיגקייט איז די ישועה.

אַמאָל איז די ליכטיגקייט נאָר אויף אַזויפיל געניג, אויף די צייט וואָס די אידן דאַרפן געהאָלפן ווערן פון אַ צָרה.

אַמאָל אָבער ווייזט השי״ת זיין גרויס ליבשאַפט צו אידן און ברענגט אַראָפּ אַ גרויסע ליכטיגקייט וואָס לייכט נישט נאָר אויף דעם יאָר וואָס דער נס איז געשען, נאָר יעדעס יאָר אין די צייט לייכט די ליכטיגקייט נאָכאַמאָל, און נאָר ווען עס געשעט אַזאַ נס מיט אַזאַ גרויסע ליכטיגקייט וואָס לייכט יעדעס יאָר אויפסניי, אויף אַזאַ נס האָבן די חז״ל געמאַכט אַ יום טוב אויף אַלע דורות.

ווען עס איז נאָך געווען ביי אידן נְבִיאים וואָס האָבן שוין געוואוסט וואָס עס וועט שפּעטער זיין האָט מען שוין אויפ׳ן פּלאַץ באַשטימט צי אויף דעם נס מאַכט מען אַ יום טוב אָדער נישט.

אין די צייטן פון דעם נס חנוכּה איז אָבער שוין נישט געווען קיין נביאים, האָבן די הייליגע חֲכָמים דאָס ערשטע יאָר נאָך נישט געוואוסט צי מען זאָל באַשטימען אַ יום טוב. ערשט דאָס אַנדערע יאָר ווען זיי האָבן געשפּירט מיט זייער רוח הַקוֹדש אַז די ליכטיגקייט פון נס חנוכּה, האָט נאָכאַמאָל ערשיינט, דאַן האָבן זיי געהייסן האַלטן דעם יו״ט חנוכּה.

(קדושת לוי און בני יששכר)

# הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קוֹדֶשׁ הֵם



## קאפיטל לו

# ווען איז דאָס געשען

אין יאָר ב׳ תמ״ח, צוויי טויזנט מיט פיר הונדערט און אַכט און פערציג יאָר (2448) נאָכדעם ווי השי״ת האָט באַשאַפן די וועלט, האָט השי״ת אַרויסגעצויגן אונז אידישע קינדער פון מִצרַים דורך מֹשה רַבינוּ און אהרן הכֹהן, פופצן טאָג אין חודש נִיסן.

דאָס זעלבע יאָר, פופציג טאָג שפעטער, זעקס טאָג אין חוֹדש סִיון האָט השי״ת אונז געגעבן די תּוֹרה הקדוֹשה אויפ׳ן באַרג סיני.

איין יאָר שפעטער ראש חוֹדש נִיסן יאָר ב׳ תמ״ט (2449) צוויי טויזנט פיר הונדערט ניין און פערציג, האָט משה רבינו אויפ׳ן באַפעל פון השי״ת אויפגעשטעלט דאָס מִשכּן, וואו אידישע קינדער האָבן מַקריב געווען קָרבָּנות און געדינט דעם באַשעפער.

דאָס מִשכן איז מיטגעגאַנגען מיט די אידן אין מִדבר די גאַנצע צייט, און אויך אַריין מיט זיי אויף ארץ ישראל.

פערציג יאָר זענען אידן געווען אין דער מדבר, ביזן יאָר ב׳ תפ״ט (2489) צוויי טויזנט פיר הונדערט ניין און אַכציג, דעמאָלס צען טאָג אין חודש ניסן זענען אידן אַדורכגעגאַנגען דעם טייך ירדן טריקענערהייט, און אַריין אויף אֶרץ יִשׂראל דורך יהושע בן נון דער תּלמיד און נאָכפאָלגער פון משה רבינו.

מיט איבער 400 יאָר שפעטער אין יאָר ב׳ תתקכ״ח (2928) צוויי טויזנט ניין הונדערט אַכט און צוואָנציג, האָט שלמה המלך אָנגעהויבן צו בויען דאָס ערשטע בּית הַמקדש אין די הייליגע שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, לויט דעם פּלאַן און צוגרייטונג וואָס זיין פאָטער דוד מלך ישראל האָט אים איבערגעגעבן.

דאָס ערשטע בית הַמקדש איז געשטאַנען 410 יאָר. אין יאָר ג׳ של״ח (3338), דריי טויזנט דריי הונדערט אַכט און דרייסיג, איז דאָס ערשטע בית המקדש חָרוב געוואָרן אין דעם טאָג תּשעה באב, דורך נבוכדנצר מלך בבל. אַזוי ווי די הייליגע נְבִיאים האָבן פאָראויס געזאָגט און געוואָרנט אויב מען וועט נישט תּשובה טאָן.

נאָכן חורבן האָט זיך אָנגעהויבן די גְזֵירה אַז די אידן דאַרפן זיין אין גָלוּת בבל 70 יאָר.

די אַלע געשעענישן וואָס איז באַשריבן אין מְגִלת אֶסתּר, פון אַחַשְׁוֵרוֹשׁ

מֶלֶך פָּרַס וּמָדַי און הָמָן הָרָשָׁע, מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק און אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה דורך וואָס און פון ווען, מיר האַלטן דעם יום טוב פורים, איז אויך געשען אין די (70) זיבעציג יאָר פון גלות בבל.

דער נס פורים איז געווען אין יאָר ג' ת"ד (3404) דריי טויזנט פיר הונדערט און פיר, פון בריאת העולם.

אין יאָר ג' ת"ח (3408) דריי טויזנט פיר הונדערט און אַכט, האָט מען אנגעפאַנגען צו בויען דאָס צווייטע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אויפ'ן באַפעל פון השי"ת דורך זיינע נביאים. דעמאָלס האָבן זיך געענדיגט די 70 יאָר פון גלות בבל.

אין יאָר ג' תי"ג (3413) דריי טויזנט פיר הונדערט און דרייצן, זענען עֶזְרָא הַסּוֹפֵר צוזאַם מיט די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה מיט די אידן אַרויף געגאַנגען פון בבל קיין ארץ ישראל.

מיט איבער צוויי הונדערט יאָר שפּעטער זענען געשען די אַלע פאַסירונגען וואָס ווערן דערציילט דאָ אין דעם קונטרס „נס חנוכה", וואָס עס האָט זיך געענדיגט מיט די גרויסע חֲסָדִים פון השי"ת אויף זיינע קינדער, דורך די כהנים הקדושים די צדיקים די חַשְׁמוֹנָאִים, מיט'ן נס חנוכה.

כ"ה כסלו, אין יאָר ג' תרכ"ב (3622) דריי טויזנט זעקס הונדערט צוויי און צוואנציג, איז געשען דאָס נס חנוכה.

דער רמב"ם ברענגט אַז מער ווי צוויי הונדערט יאָר האָבן אידן נאָך געדינט דעם באַשעפער אין בית הַמִּקְדָּשׁ נאָך די אַלע געשעענישן און נאָכ'ן נס חנוכה.

דאָס צווייטע בית הַמִּקְדָּשׁ איז געשטאַנען 420 יאָר און עס איז חָרוּב געוואָרן אין יאָר ג' תתכ"ח (3828), דריי טויזנט אַכט הונדערט אַכט און צוואָנציג יאָר, דורך די רומיים, אונטער די אָנפירערשאַפט פון טִיטוּס הָרָשָׁע, אין דעם זעלבן טאָג ווי דאָס ערשטע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז חָרוּב געוואָרן, אין דעם טאָג תִּשְׁעָה בְּאָב. דערזייט דעמאָלס זענען מיר אין גָלוּת, ביז צום היינטיגן טאָג, ביז השי"ת וועט אונז שיקן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מיטן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, און השי"ת וועט אויסלייזן זיינע געטרייע קינדער פון גלות.

דאָס דריטע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וועט אויפבויען דער באַשעפער אַליין, ווען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וועט קומען און אויסלייזן אידישע קינדער פון דעם לאַנגען, שווערן, און גרויסן גלות. דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וועט קיינמאָל מער נישט חָרוּב ווערן, נאָר אידישע קינדער וועלן דינען דעם באַשעפער בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב


ג׳ אֲלָפִים תרכ״ב ~ דריי
טויזנט זעקס הונדערט
צוויי און צוואנציג יאר, נאכדעם
ווי השי״ת האט באשאפן די
וועלט, איז געשען
נס חנוכה

מֵרוֹב כֹּל, און קיינער וועט נישט שטערן. דעמאָלס וועלן מיר זוכה זיין צו די אַלע הַבְטָחוֹת, יְשׁוּעוֹת און נֶחָמוֹת פון אַלע נְבִיאִים, וואָס עס איז באַשריבן אין גאַנץ תּוֹרה, נְבִיאִים און כּתוּבים, און וואָס די הייליגע חֲכָמִים האָבן אונז פאָראויס אָנגעזאָגט אַז עס וועט זיין אַזאַ מין גרויסקייט, גוטס, און ליכטיגקייט, וואָס קיין שׁוּם מענטש האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. צו דעם וועלן זוכה זיין די ערליכע אידן וואָס האָבן געדינט דעם באַשעפער, מְקַיים געווען די מִצוות פון די הייליגע תּוֹרה. מיר אַלע אינאיינעם זאָלן זוכה זיין צו דעם בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

## תם ונשלם השיר והשבח לחי עולמים

## הָרַחֲמָן הוּא יַנְחִילֵנוּ לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב

לעילוי נשמת

האשה **מירל** בת ר' **אורי הלוי** ע"ה

נפטרה ל' שבט תשל"ה לפ"ק

ת. נ. צ. ב. ה.


השי״ת האָט געוויזן פאַר די וועלט,
ווער עס איז דער אמת׳ער העלד,
דורך טאָן די שיינע וואונדער,
מיט זיין פאָלק, זיינע געטרייע קינדער.
נ
עס איז געוואָרן איבעראָל באַקאַנט,
אַז השי״ת האָט זיך אין אונז דערמאנט,
און דורך צַדיקים און ערליכע אידן,
האָט ער צוריק געשטעלט דעם פרידן.
ג
אידישע טעכטער האָבן געהאַט עקסטער
אַ זכִיה,
זיי האָבן צוגעהאָלפן צו די יְשוּעה,
די צדיקת יהוּדית און איר גלייכן,
זענען געבליבן אויף אייביג אַ געדענק
צייכן.
ה
מיר דאַנקן השי״ת מיר ווען אים אייביג לויבן,
וואָס ער האָט אונז פון די צָרות דערהויבן,
ער זאָל אונז אויך ווייטער זיינע חֲסָדים באַווייזן,
און פון דעם שווערן גלות שנעל אויסלייזן.
ש

# דאס סֵפֶר האָט מְנַדב געווען

**ר׳ זאב נויאוויטש נ״י**
**וזוגתו שיחי׳**

צו העלפען מחנך זיין אידישע טעכטער אויף
שְׁמִירת תּורה וּמִצוות און מדות טובות
על טַהֲרת הַקודש בְּדֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא,
לִלמוד וּלְלַמֵד לִשמור וְלַעשות וּלְקַיֵים

דער מדרש זאָגט: אַמאָליגע צייטן אַז אַ מענטש פלעגט צו טאָן אַ מצוה האָט עס דער נביא פאַרשריבן, אָבער היינט אַז אַ מענטש טוט אַ מצוה, ווער שרייבט עס אויף? אליהו הנביא און דער מלך המשיח פאַרשרייבן די מצוה און הקדוש ברוך הוא חתמ׳ענט אונטער וואָס זיי האָבן געשריבן, שנאמר אז נדברו יראי ה׳ וכו׳ ישלם השם פעלם ויהא משכורתם שלמה מעם ה״צ, ומגלגלין זכות ע״י זכאי, וכל המזכה את הרבים וכו׳, והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד.

יעמדו על הברכה בשפע הצלחה מן השמים ויתברכו ממעון הברכות בכל מילי דמיטב.